STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03249

M. KATTS ZAMELBUKH

Permanent preservation of this book was made possible
by Alfred & Lee Hutt
in honor of
Daniel Jerrold Goldberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ISBN:0-657-03249-2

מ. קאַטץ
זאַמעלבוך

צו דער געלעגענהייט פון זיין זעכציגסטען געבורטסטאָג און 35 יאָהר פון זיין געזעל־שאַפטליכער און ליטעראַרישער טהעטיגקייט

ארויסגעגעבען פון א גרופע
פריינד און פארעהרער

אונטער דער רעדאקציע פון
א. פרומקין
חיים פיינמאַן

פילאדעלפיא
מערץ, 1925

די פריהע יוגענד

מ. מלמד

קינדער־יאָהרען, ערציהונג און דער ערשטער ארויסטריט אין דער וועלט

(ביאָגראפישע נאָטיצען)

אין דעם זאמעל־בוך לכבוד מ. קאטץ׳ס יובילעאום וועט דער לעזער געפינען אלערליי אָפּשאצונגען און עראינערונגען וועגען זיין פיעלזייטיגער און פרוכטבארער טעטיגקייט, אָבער אלץ פון דער צייט ווען ער איז שוין געווען באוואוסט, און ווען ער האָט זיך שוין געהאט ערוואָרבען א גאנץ באדייטענדען נאָמען אלס פיהרער, אלס לעקטשורער, אלס פעהיגער זשורנאליסט און שריפטשטעלער.

איינם וואָלט אָבער געפעהלט : מ. קאטץ׳ס קינדער־יאָהרען. זיינע ערשטע ערפאהרונגען אין לעבען, זיין ערשטע באקאנטשאפט מיט וועלט און מענשען, און ווי דאָס אלץ האָט געווירקט אויף איהם און איהם בעאיינפלוסט. די רעדאקציע פון דעם דאָזיגען זאמעל־בוך האָט איינגעזעהן, אז די כאראקטעריסטיק פון מ. קאטץ וואָלט ניט געווען קיין פולשטענדיגע, ווען עס וואָלט דאָ געפעהלט א קורצער ביאָגראפישער נאָטיץ פון זיין געבוירען־טאָג ביז דער צייט ווען ער איז געוואָרען א דערוואקסענער מענש.

און איך האָב זיך באמת דערפיהלט שטאָלץ און געשמייכעלט, ווען די רעדאקציע האָט מיר אנפערטרויט די דאָזיגע וויכטיגע ארבייט, און מיט דער גאנצער ליעבע און אכטונג וואס איך פיהל צו מיין געעהרטען לעהרער, פריינד און קאָלעגע מ. קאטץ, האָב איך זיך גענומען צו טאָן די דאָזיגע ארבייט.

אָבער ערשט דאָ האָב איך אויסגעפונען, אז די אונטערנעהמונג איז גאָר ניט אזא לייכטע. עס איז מיר געווען כמעט אונמעגליך צו קריגען דעם נויטיגען מאטעריאל וואָס איך האָב באדארפט. אפילו ניט אין דעם לעק־

סיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע, וואָס איז מיט א צעהנדליך יאָהר צוריק ערשיענען אין ווארשע. דאָרט איז אפילו אריין א קורצע ביאָגראַפּיע פון דעם יובילאַר, אָבער אויך דאָרט ווערט בלויז גערעדט פון דער צייט ווען מ. קאַטץ איז שוין געווען א יונגערמאַן פון עטליכע און צוואנציג יאָהר, און ווען ער איז שוין געווען באוואוסט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזען פון רוסלאַנד, ניט וויינינגער ווי אין ניו יאָרק. וועגען זיינע קינדער יאָהרען אָבער איז דאָרט קיין וואָרט ניט דערמאָהנט.

איך בין געווען אין א גרויסער פאַרלעגענהייט און האָב שוין געמיינט אז איך וועל מוזען אויפגעבען די ארבייט וואָס איך האָב זיך אונטערגענומען צו טאָן. אָבער אין דעם לעצטען מאָמענט איז דער ליבער מ. קאַטץ אליין מיר געקומען צו הילף.

דאָס איז געווען אין א וואָלקענדיגען נאָכמיטאָג, ווען איך בין אויף א ווײַלע אריין אין זיין שרייבצימער אין דער רעדאַקציע פון די „אידישע וועלט“, און כמעט אָהן שום זייטיגע הקדמות האָב איך איהם געבעטען ער זאָל מיר עפּעס דערצעהלען פון זיינע קינדער יאָהרען. איך האָב גראָד געטראָפען דעם יובילאַר אין אן אויסגעצייכענטער שטימונג, ווען ער איז געווען אויפגעלעגט צו רעדען און דערצעהלען. און, ווען איך וואָלט געקענט איבערגעבען כאָטש א קליינעם טייל פון זיינע קינדער יאָרען, ווי ער אליין שילדערט זיי, וואָלט איך, דאַכט מיר, געהאַט מעהר ווי ערפילט מיין אויפגאַבע.

איך וועל אָבער פּרובען, מיט דער געפעליגער ערלויבניש פון דעם יובילאַר, איבערצוגעבען פאַר די לעזער אזוי פיעל ווי איך קען.

מ. קאַטץ איז געבוירען געוואָרען אין'ם יאָהר 1864, ביי בעל־הבתיש־חסידישע עלטערען, אין דער גובערנסקע שטאָדט מאָהילעוו. זיין פאָטער, זייענדיג אפילו א הייסער חסיד איז געווען דערביי א קלוגער און וועלט־ליכער מענש, און האָט פאַרשטאַנען צו געבען זיינע קינדער ערציהונג, ניט בלויז אין דעם אידישען, נאָר אויך אין וועלטליכען זין.

די מוטער איז געווען א שטילע, צערטליך־ליבענדע פרוי, וועלכע האָט, ווי דער שטייגער איז פון א אידישער מאַמע פון יענע יאָהרען, געציטערט און געפלאַטערט איבער איהרע קינדער, און האָט זיי ארומגערינגעלט מיט ווארעמקייט און מיט ליבשאַפט. די קינדער האָבען אי פון פאָטער אי פון דער מוטער זעלטען א בייז וואָרט געהערט, און פון קריגען אמאָל א פּאַטש, איז אָפּגערעדט.

דער פאָטער, כאָטש ער איז, ווי דער שטייגער, געווען שטענדיג טרוד

מיט פרנסה זאכען, האָט פונדעסטוועגען קיינמאָל ניט אוועקגענומען זיין אויג פון זיינע קינדער. ער האָט זיי געגעבען דאָס וואָס אין יענע יאָהרען איז געווען פאררעכענט אלס א בעל־הבתיש־אידישליכע ערציהונג, און האָט זיי, לויט דעם מנהג פון'ם אלטען דור, „מדריך געווען בדרך הישר". אונ־זער יובילאר, משה קאטץ, אָדער ווי דער טאטע און די מאמע פלעגען איהם רופען, משה'נקע, איז געווען דער יונגערער פון צוויי ברידער. דער עלטערער האָט פון קינדוויייז אָן שוין גע'שם'ט פאר אן עילוי, צוליעב זיין שארפען קאָפּ און אויסערגעוועהנליכער התמדה. ער האָט באזונדער געהאט א גאנץ גרויסע השפעה אויף דעם יונגערן ברודער. דער פאָטער האָט די דאָזיגע צוויי זיהן געשיקט צו די בעסטע מלמדים און האָט פאר זיי געצאָהלט דעם גרעסטען שכר־למוד.

אין חדר האָט מ. קאטץ געלערענט בלויז ביז זיין פערצעהנטען יאָהר. אין הויז זיינען אויך ארייגעקומען לעהרער פון אייראָפּעאישע שפּראכען. מעהרסטענס איז דער לעהרער געווען א גימנאזיסט פון די העכערע קלאַ־סען, וועלכער האָט געגעבען א שטונדע אין טאָג, און האָט מיט איהם געלעהרענט רוסיש, דייטש, און אזעלכע למודים ווי היסטאָריע, געאָגרא־פיע, מאטעמאטיק.

ווי געזאָגט, איז דער פאָטער אליין געווען א הייסער חסיד, און אין הויז איז אלע מאָל געווען אן עולם פון חסידים. ער איז געווען אָפט אויף ווייטע נסיעות, אָבער קוים איז ער נאָר געקומען אהיים, איז אין הויז באלד געוואָרען א היימישע אטמאָספערע פון חסידות און תורה. עס פלעגט פארפאָהרען דער "חוזר" פון'ם חסידישען רבי'ן, און ער פלעגט איבער־זאָגען די תורה וואָס ער האָט געהערט פון'ם רבי'ן'ס מויל אליין ; די קינדער האָבען, אויף אזא אופן, זיך אָנגעזעטיגט מיט דעם אמאָליגען חסידיש־אידישליכען לעבען, וואָס האָט, אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, אסך מאָל זיך אָפּגעשפּיגעלט אין די ווערק פון מ. קאטץ. עס איז אפשר כאַ־ראקטעריסטיש, וואָס נאָך אלס קליינער אינגעל האָט ער באקומען דעם צונאָמען „בעל מחשבה" איבער זיין שוואכקייט צו פארטראכטען זיך. אין חדר ווי אין דער היים, ווען מען פלעגט אויף איהם אין כעס ווערען, פלעגט מען א געשריי טאָן : „בעל מחשבה, דו" !

קומענדיג פון א נסיעה, האָט דער פאָטער אָפט מיטגעבראכט פאר זיי א וויכטיג בוך. אמאָל איז דאָס געווען א דייטש ווערק, און אמאָל א רו־סישער, אָדער א העברעאישער ראָמאן. צווישען די ספרים וואָס דער פאָ־טער פלעגט זיי אלע מאָל ברייגגען פון זיינע נסיעות זיינען געווען אזעלכע ווערק ווי דער „אהבת ציון", "תעודה בישראל", דעם קרעמעניצער'ס

„זרובבל“, צוזאמען מיט פושקין׳ס ווערק אויף רוסיש און אלענדאָרפ׳ס מעטאָדע צו לערנען דייטש. מערקווירדיג איז, וואָס דער פאָטער האָט קיינמאָל קיין אידיש בוך ניט געבראכט, און מ. קאטץ האָט זיך גענומען באקענען מיט דער אידישער ליטעראטור, אָנהויבענדיג מיט מענדעלי מוכר ספרים און די אנדערע שריפטשטעלער פון יענער צייט, ערשט אין די יאָהרען פון זעכצעהן און זיבעצעהן, ווען ער איז שוין געווען ווייט ארויס פון דעם פאָטער׳ס הויז און פון אונטער זיין איינפלוס.

דער פאָטער איז געווען א פולשטענדיג טאָלעראנטער מענש און האָט געהאלטען אז כאָטש ער אליין גיט זיך ניט אָפּ מיט „אזעלכע זאכען“, שאדט עס אָבער ניט אז די קינדער זאָלען לערנען, לייענען און וויסען. אליין האָט דער פאָטער גערעדט גוט די רוסישע שפּראַך, אָבער ער האָט זעלטען ווען געלייענט עפּעס אויף דער דאָזיגער שפּראַך. ער האָט געפּיהלט, אז ניט נאָר פאר איהם אליין, נאָר אויך פאר זיינע קינדער, איז דער „תניא“, דער „לקוטי תורה“, דער „תורה אור“, דער „של״ה הקדוש“, דער ״חובת הלבבות“ און עהנליכע ספרים, דער סאמע עיקר, אָבער, נשקשה, יונגע קינ־דער מעגען וויסען וואָס אויף דער גרויסער וועלט טוט זיך אויך.

דער עלטערער ברודער איז געווען פאררעכענט פאר א חריף און יונגער קאָפּ־מענש; אָבער אויך דער יונגער משה׳נקע האט גוט געלערענט, און ווען ער איז געוואָרען בר־מצוה האָט ער געהאלטען א גרויסארטיגע דרשה. ביים טיש זיינען געווען אסך לומדים, און נאָך דער דרשה האָט זיך ענטוויקעלט א שארפער פּלפּול וועגען זעהר א הארבער קשיה. מ. קאטץ אליין געדענקט שוין ניט קלאָר וואָס די דאָזיגע קשיה איז געווען, נאָר ווי ווייט ער קען זיך דערמאָהנען האָט זיך די פראגע געדרעהט ארום א „אטר יד“, וועגען א געלינקטען וואָס דארף לעגען תפילין. די פראגע האָט זיך אזוי געדרעהט און פארפּלאנטערט, אז מען איז פארקראכען צו בדיקת חמץ און צו הלכות שחיטה. דאָס איז געווען א קונציג־פאַרדרעהטער פּלפּול, אין וועלכען דער בר־מצוה בחור האָט ארויסגעוויזען גרויס בקיאות, און האָט שטארק אויסגענומען ביים עולם.

אָט אין דער דאָזיגער צייט איז, ווי שוין דערמאָנט, דער עלטערער, יעקב, געווען פאררעכענט ניט נאָר אלס א זעהר שארפער קאָפּ נאָר אויך אלס העברעער און משכיל. און נאָך דער דרשה האָט ער זיך א רייץ געטאָן מיט דעם „בר־מצוה“.

— ווען איך — האָט ער געזאָגט — וואָלט דיר געשטעלט נאָר איין פראגע, וואָלט ביי דיר צעפאלען געוואָרען דיין גאנצער בנין, און וואָלסט

ניט געוואוסט ווי איהם צוריק צונויפצושטעלען, ווייל דו ביסט א בעל־מחשבה און האסט א פויערשען קאפ...

דער פאטער, וועלכער האט געוואלט מאכען א שפאס פון דער גאנצער געשיכטע, האט דאן, אויף א סארקאסטישען אופן, זיך אריינגעמישט און האט אזוי געזאגט:

— דו מיינסט אז דאס וואלט איהם אסך געארט? משה'נקע האט אסך גוטע מדות. ער איז אפילו א בעל מחשבה, אבער ער קען זיך גוט גליטשען אויפ'ן אייז און אמאל אויך פארגעסען דארט דאס פוטערל; ער קען זיך שפילען מיט אלערליי שקצים. און זיין גרעסטע מעלה איז וואס ער איז אן עניו, וואלט איהם ניט שטארק געארט ווען דו וואלסט זיין דרשה צוקלאפט, א דאגה איהם. איז ער ניט קיין גרויסער למדן. און דאס איז אלץ דערפאר — האט דער פאטער פארענדיגט מיט א וויץ — ווייל משה'נקע איז א עניו...

אויף אזא אופן האט דער קלוגער פאטער ניט דערלאזט אז ביי זיינע קינדער זאל זיך אנטוויקלען א געפיהל פון שנאה, און דער אמת איז, אז עס האט געהערשט א הייסע ליעבשאפט און רעספעקט צווישען מ. קאטץ און זיינע אייגענע.

אין דער צייט ווען אונזער יובילאר איז אלט געווארען פערצעהן יאהר, האט די פאמיליע געוואוינט אויף א פריצישען הויף, צווישען וויטעבסקער און סמאלענסקער גובערניעס. דער פאטער האט מורא געהאט, אז דא, צווישען די פויערים, וועלען די קינדער פארגרעבט און צעלאזען ווערען, האט ער געשיקט דעם יונגערען קיין ליובאוויטש. אבער אין ליובאוויטש האט זיך דער יונגער בחור'ל לאנג ניט געהאלטען און איז צוריקגעקומען אהיים. כאטש ער האט דארט פארבראכט א קורצע צייט, האט די דאזיגע קורצע צייט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף דעם ווייטערדיגען גאנג פון זיין ענטוויקלונג. ער האט זיך דארט אנגעזאפט מיט דער אטמאספערע פון חסידישער התלהבות, איז געווארען א היבש ביסעל באקאנט אין דער לאבאליסטישער סכאלאסטיק, און שפעטער, ווען ער איז אלט געווען פופצעהן יאהר און איז ווידער געווען ביי די עלטערן אין הויז, האט זיך שוין די חסידישע סביבה גענומען בייטען אויף א משכילישער. דער עלטערער ברודער האט שוין מעהר ניט געקוקט אויף איהם פון אויבען אראפ, און האט שוין מיט איהם געלערענט דעם "מורה נבוכים". דעמאלט איז אנגעקומען די צייט, ווען אין יונגען קאפ האט זיך אנגעהויבען א מורא'דיגע צומישעניש פון אלערליי געדאנקען.

דאָס איז געווען דאָס ארויסגעהן פון די אינגעל־יאָהרען און דאָס אריינ־געהן אין די בחור־יאָהרען. עס איז געווען דער שארפער איבערגאנג וואָס לאָזט איבער א שטארקען איינדרוק אויף יעדער קינד, באזונדערס אויף אזא בחור'ל ווי אונזער יובילאר האָט זיך שוין דעמאָלט ארויסגעצייגט צו זיין. דערצו איז נאָך צוגעקומען די ארומיגע רייכע נאטור וואָס האָט ארומגערינגעלט דעם הויף וואו זיי האָבען געוואוינט ; דאָס געפינען זיך שטענדיג אויפ'ן שוים פון דער פרייער נאטור, דאָס איינזאפּען טאָג־טעגליך אין זיך די פרישע לופט און דעם שטארקען, פאר'שכור'ענדען גערוך פון דער ערד ; די כוואליעס פון דעם קלאָרען טייכעל וואָס האָט געפּלאָסען אונטער'ן בארג, און דאָס רוישען פון'ם טונקעלען וואלד, דאָס אלץ האָט איינגעפלאנצט אין דעם יונגען בחור א באזונדער ליעבע צו דער ערד און דער פרייער נאטור, און די דאָזיגע ליעבע האָט שפּעטער, ביי פיעלע גע־לעגענהייטען, געפונען איהר אויסדרוק אין זיינע ווערק.

דאָס איז בכלל געווען אן איבערגאנגס־צייט וואָס האָט דעמאָלט פאר־כאפּט ניט נאָר דעם פופצעהן־יעהריגען בחור'ל, נאָר די גאנצע, פאר דער צייט רייף־געוואָרענע אידישע יוגענד. עס איז געווען די צייט, ווען די לעצטע שטראלען פון דער השכלה האָבען זיך גענומען מישען מיט די ערשטע שטראלען פון דער סאָציאליסטישער זון. די יוגענד האָט זיך גע־וואָרפען און זיך געצאפּעלט צווישען די ווערק פון טשערנישעווסקי און מאפּו, פּיסארעוו און לילענבלום, סמאָלענסקין און בעלינסקי, און אזוי ווייטער. עס איז געווען די צייט ווען די יוגענד האָט זיך געכאפּט צום שטודירען, און אויך דער יונגער מ. קאטץ האָט זיך גענומען צוגרייטען צו האלטען עקזאמען פאר איינעם פון די מיטעלע קלאסען. אָבער עפּעס א פארדרעהעניש אין זיינע מעטריקעס האָט זיך געשטעלט אין וועג.

ער איז אלט געווען א יאָהר זעבצעהן ווען ער האָט באשלאָסען צו פאָהרען שטודירען קיין דייטשלאנד, וואוהין עס האָט זיך דעמאָלט געצוי־גען א גרויסער טייל פון דער אידישער שטודירענדער יוגענד.

אָבער אזוי גיך ווי ער איז אָנגעקומען אין קעניגסבערג אזוי גיך איז ער ענטוישט געוואָרען. אין דייטשלאנד האָט געהערשט א מורא'דיגער אנ־טיסעמיטיזם. די דייטשע אידען אליין האָבען געלוקט אויף דער אידישער שטודירענדער יוגענד וואָס איז זיך אָנגעלאָפען פון רוסלאנד, ווי אויף שנאָרער. די אטמאָספערע איז געווען אזא פאר'סם'טע, אז ביי דער ערש־טער געלעגענהייט, האָבענדיג נאָך אביסעל געלד אין קעשענע, איז דער יונגער קאטץ געלאָפען צוריק. ער איז אָבער ווייטער ווי ביז קאָוונע ניט דערפאָהרען ; אויף ווייטער האָט ער שוין קיין הוצאות ניט געהאט. ער

האָט זיך אָפּגעשטעלט אין יענער שטאָדט, וואו פון דעם יונגען חסידישען בחור'ל האָט זיך גענומען ענטוויקלען דער שפּעטערדיגער „נאַראָדאָוואָליעץ" מ. קאַטץ.

אינגאַנצען איז מ. קאַטץ דעמאָלט קוים זיבעצעהן יאָהר אַלט געווען, אָבער ער האָט שוין געהאַט אַ קלאָרע פאָרשטעלונג פון'ם סאָציאַליזם. מעהר ווי אַלץ איז ער געווען ביי זיך קלאָר, אַז אַ מענש דאַרף אַליין אַרבייטען, און מיט זיינע אייגענע הענד פאַרדיענען זיין חיונה. און דערפאַר האָט ער באַשלאָסען, אַז דאָ וועט ער בלייבען, אין קאָוונע, וועט גהען אַרבייטען און מיט זיינע אייגענע הענד פאַרדיענען זיין ברויט.

באַשלאָסען און געטאָן. פּיזיש אַ געזונדער בחור'ל איז ער געווען, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט איבער די קאָוונער גאַסען, אַליין, מיט אייגענע הענד, צו אַרבייטען און פאַרדיענען אויף זיינע באַדערפניסען. און מען וואָלט געקענט אָנשרייבען אַ גאַנץ אינטערעסאַנטען קאַפּיטעל בלויז פון אָט דער דאָזיגער פּעריאָדע, ווען דער יונגער מ. קאַטץ האָט זיך צום ערשטען מאָל אַרויסגעלאָזען זוכען אַרבייט, אָבער כאָטש דער פּלאַץ ערלויבט ניט פיעל צו פאַרברייטערען זיך וועגען דער דאָזיגער צייט, וועל איך פונדעסטוועגען פּרובען איבערצוגעבען, אַזוי קורץ ווי מעגליך, אַ פּאָר שטריכען פון זיין ערשטער ערפאַהרונג אַלס „האָרעפּאַשניק".

ווי געזאָגט, האָט קאַטץ געהאַט דעם באַוואוסטזיין, אַז ער מוז אַרבייטען, אָבער וואו מ'זוכט אַרבייט, ווי אַזוי מ'קריגט אַרבייט ? וועגען דעם האָט ער דעם מינדעסטען באַגריעף ניט געהאַט.

אָנגעקומען איז ער קיין קאָוונע מיט עטליכע געצעהלטע רובעל אין קעשענע. האָט ער זיך געדונגען אַן אָרימע קוואַרטיר פאַר גאַנצע צוויי רובעל אַ חודש, און האָט פאַרקויפט אַ טייל פון זיינע מלבושים'לעך. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרומגעדרעהט עטליכע טעג איבער די גאַסען, האָט ער אויסגעפונען, אַז ער האָט שוין באַלד ניט וואָס צו עסען.

אין איינעם פון די דאָזיגע טעג האָט ער פאַרבלאָנדזשעט צום ברעג ניעמאַן, וואו שווערע, האָרעפּאַשנע אידען האָבען געטראָגען זעק מיט תבואה און אָנגעלאָדען אויף שיפען. דערביי האָט ער באַמערקט אַן עלטערן אידען, אַן אויפגעזעהער מסתמא, און צו דעם דאָזיגען אידען איז דער יונגער, זיבעצעניעהריגער טרוימער צוגעקומען און געבעטען אַרבייט.

דער איד, דער אויפזעהער, האָט זיך דערשראָקען און פאַרוואונדערט אין דערזעלבער צייט, און האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם יונגען בחור אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז ער איז עפּעס ניט ביי אַלע געדאַנקען. ער

זעהט דאָך פּאָרט אז פאר איהם שטעהט אן איידעל קינד, היינט ווי קען אזעלכער גאָר טראכטען אפילו פון אזא מגושם'דיגער ארבייט ווי טראָגען זעק? און כדי לויז צו ווערען פון דעם דאָזיגען בחור'ל, האָט ער איהם אן עצה געגעבען ער זאָל אוועקגעהן צו א באוואוסטער רייכער אידישער פירמע, וואו מען וועט איהם אודאי צונעהמען פאר א בוכהאלטער.

דערהערט אזא עצה, איז קאטץ געווארען אן אנגעצונדענער און האט מיט כעס א זאָג געטאָן:

— איך פרעג ביי אייך קיין עצות ניט, ר' איד. איך פּרעג נאָר צי וועט איהר מיר געבען ארבייט.

אָבער דער איד האָט איהם אָנגעקוקט ווי א משוגענעם.

אן עהנליכען אָפּשניט האָט ער אויך געכאפּט פון א צווייטען אידען, וועלכער האָט אכטונג געגעבען ווי עטליכע אלטע ווייבער האָבען אָנגעלאָדען שמאטעס אויף א בארקע, וואָס איז געשטאנען אין וואסער. זיי האָבען די שמאטעס איינגעטראָטען מיט די פיס, עס זאָל אריין וואָס מעהר. צו דעם אידען איז קאטץ צוגעגאנגען און געזאָגט:

— ווי מיינט איהר, איך וואָלט געקענט „איינטאָפּטשען" שמאטעס אזוי ווי יענע ווייבער?

אויך דער דאָזיגער איד האָט געמיינט ניט אנדערש נאָר אז דאָס בחור'ל איז, חלילה, פון זינען געריהרט. ער איז אָבער געווען א גוטער, צוגעלאָזענער מענש, און ער האָט גענומען איינ'טענה'ן מיט דעם יונגען בחור'ל:

ווי קומט איהר — האָט ער געזאָגט — אזא יונג, איידעל קינד, צו אזא פּראָסטער מלאכה? איהר וועט זיך דאָך איינשמירען, לויטיג מאכען...

מעהר ווי אלץ האָט קאטץ ניט געקענט פארטראָגען וואָס דער איד האָט איהם געזאָגט „איהר". האָט ער דאָך געהערט, ווי צו די אנדערע האָט ער גאָר אנדערש גערעדט.

עס פארשטעהט זיך, אז אויך דאָרט האָט ער קיין ארבייט ניט געקראָגען. און אזוי האָט ער ווידער געוואנדערט א פּאָר טעג, ביז ער האָט שוין טאקע ממש ניט געהאט וואָס צו עסען.

אין יענעם פריהמאָרגען איז ער אוועק פון זיין קווארטיר א ניכטערער. ער האָט אזוי ארומגעוואנדערט עטליכע שטונדען צייט, ביז ער איז אָנגעקומען אויף א גרויסען אָפענעם פּלאץ, דער מארק-פּלאץ. פון איין זייט איז געשטאנען די הויכע געביידע פון דער גימנאזיע, און ניט ווייט פון דאָרט האָט זיך געבויט עפּעס א בנין. מענשען האָבען געטראָגען ציגעל,

געשלעפּט ברעטער, און געגראָבען גריבער. קאַטץ האָט באַשלאָסען, אז וואָס עס זאָל ניט זיין, דאָ מוז ער קריגען ארבייט.

און אָננעהמענדיג זיך מיט מוטה האָט ער געגעבען א געה־צו צו דעם אויפזעהער, א איד, און איז ארויס מיט אָט אזא לשון :

— רב איד, קוקט ניט אויף מיינע ריינע קליידער און ווייסע העמד. זייט וויסען, אז איך האָב נאָך היינט ניט געגעסען, און אויב איהר וועט מיר ניט געבען קיין ארבייט, וועל איך אוועקפאלען אין מיטען גאס...

דער איד, פּונקט ווי די פריהערדיגע, האָט זיך דערשראָקען. תחילת האָט ער געמיינט, אז דאָס בחור'ל לאַכט פון איהם. דערנאָך, אז ער האָט געזעהן ער מיינט עס טאַקע ערנסט, האָט ער איהם גענומען אָפּרעדען פון אזא שווערער און פּראָסטער ארבייט. ער האָט איהם געגעבען אָנצוהערען, אז, נשקשה, מאַכט זיך אמאָל א מענש איז אין א נויט, זאָל ער אריבער־געהן צום ראַבינער... מ'איז דאָך צווישען אידען. מ'וועט איהם, חלילה, ניט לאָזען פאַלען...

נאָר וואָס מעהר ער האָט גערעדט, אלץ מעהר איז קאַטץ בייז געוואָ־רען. נדבות נאָר וועט ער נעהמען ? איינמאָל פאַר אלעמאָל, דער איד מוז איהם געבען ארבייט ! נשקשה, האָט ער גע'טענה'ט, איך קען טראָגען ציגעל דריי מאָל אזוי פיעל ווי זיי.

דער איד האָט זיך ניט געקענט אָפּטשעפּען און האָט איהם געהייסען קומען אינדערפריה צו דער ארבייט, נאָר, למען השם, ער זאָל אויסטאָן דאָס שעהנע לאַפּאַטקעלע מיט דעם אויבערהעמד... זעהענדיג אז דער איד מיינט טאַקע ערנסט, אז ער וועט איהם גיבען ארבייט, האָט קאַטץ ביי איהם גענומען א תקיעת כף, דערנאָך האָט ער ביי איהם געבעטען צעהן קאָפּיקעס אויפ'ן חשבון פון דעם וואָס ער וועט מאָרגען פאַרדינען. דער איד האָט איהם די צעהן קאָפּיקעס געגעבען, און קאַטץ איז מיט אימפּעט אוועקגעלאָפען צום ערשטען קלייטעל, געקויפט א פונט פרישע ברויט, און גענומען עסען דאָ טאַקע אויפ'ן מערקעל.

— — — — — — — — — —

אָבער מעהר ווי א טאָג האָט ער ניט געארבייט. טוענדיג די ארבייט האָבען זיך ארום איהם געהאט ארומגעקליבען די שילער פון דער דערביי־איגער גימנאזיע. דער איד, דער אויפזעהער האָט מסתמא געצויגען זייער אויפמערקזאמקייט אויף איהם. און איינער פון זיי, א סטודענט פון אכ־טען קלאַס, וועלכער איז דערנאָך געוואָרען איינער פון זיינע נאָהענטסטע און אינטימסטע פריינד, האָט גענומען רעדען צו איהם ער זאָל אוועק־ווארפען די שווערע ארבייט, און געהן מיט איהם. מ'קען דאָך זעהן, האָט

יענער געדעדט צו איהם, אז איהר זענט ניט געבארען פאר אזא ארבייט. מיר וועלען קריגען אוראקען פאר אייך...

אוראקען איז א כשר'ע ארבייט, אפילו על פי סאציאליזם. אבער ער וואלט זיך ניט געוועז אזוי לייכט אונטערגעבען, ווען דער איינער טאג שווערע ארבייט ביי ציגעל טראגען וואלט איהם ניט געגעבען צו פאר־שטעהן, אז זיין געביט אין לעבען דארף זיין אן אנדערער: ניט א ציגעל טרעגער, נאר א לערער.

און אזוי איז קאוונע געווען די שטאדט וואו מ. קאטץ האט געגעבען אוראקען, און אין דערזועלבער צייט אליין געלערענט העבערערע למודים, גרייטענדיג זיך פאר א העכערען עקזאמען. אבער אלערליי מניעות זיינען געווען אין וועג און ער איז אוועק קיין מאסקווע, וואו ער האט געהאפט צוצושלאגען זיך אלס א „פרייער צוהערער" (וואלני סלושאטעל) צו די לעקציעס אין אוניווערזיטעט.

דאס איז געווען אין יאהר 1883, קורץ נאך די טרויעריג־באריהמטע פאגראמען פון דעם 81טען יאהר, און ווען ביי דער אידישער אינטעליגענץ אין רוסלאנד האט זיך, דורך דעם דרוק פון די מורא'דיגע פארפאלגונגען, אנגעהויבען די באוועגונג פון צוריקקעהרען זיך און נעהענטער צובינדען זיך צו דעם אייגענעם, צו דעם אידישען מקור. אין יענער צייט האבען נעהערשט די מורא'דיגסטע איגנאטיעווסקע פארפאלגונגען, וועלכע זיינען נעקומען אלס רעזולטאט פון דעם אטענטאט אויף אלעקסאנדער דעם צוויי־טען. גזרות זיינען געקומען איינס נאך דאס אנדערע, און די אידען אין מאסקווע, וואו קאטץ האט זיך דעמאלט געפונען, האבען געהאט באזונדער אויסצושטעהן פון אלערליי אבלאוועס, וואס האבען קאטץ'ן און זיין גלייכען געצוואונגען ארומצוואנדערען גאנצע נעכט איבער די גאסען, מורא האבענדיג פאר אן איבערפאל פון דער פאליציי.

אין די אידיש־סטודענטישע קרייזען איז פארגעקומען א מורא'דיג־שארפער בראך. מען האט זיך געכאפט אז מען איז צו ווייט אוועק פון זיך אליין. אין יענער צייט האט פרץ סמאלענסקין, דער באריהמטער העברעאישער שריפטשטעלער, באזוכט מאסקווע, און די אידישע סטודענ־טען האבען זיך געווענדעט צו איהם מיט א פראגע: „מיט וואס קאנען מיר דינען אונזער פאלק?" זיין ענטפער איז געווען, אז זיי זאלען זיך באלעגען מיט זיין סעריע ארטיקלען וואס זיינען ערשיענען אין „השחר", אונטער'ן נאמען „עת לטעת". קאטץ'ן איז אויסגעקומען די דאזיגע סעריע ארטיקלען צו לערנען מיט סטודענטען. דאס זיינען, פארשטעהט זיך, געווען

אליץ אזעלכע, וועלכע האָבען גאָר ניט, אָדער זעהר ווענינ געקענט העב־רעאיש.

דאָס איז אויך געווען די צייט ווען אין דער לופט האָבען זיך גענומען ארומטראָגען קלאַנגען וועגען ישוב ארץ ישראל, וועגען די „חובבי ציון“ פון יענער צייט. דער עולם איז געווען שטארק באגייסטערט פאר דעם סטו־דענט ישראל בעלקינד, פון כארקאָווער אוניווערזיטעט, וועלכער האָט אוועקגעוואָרפען דאָס שטודירען און האָט אָנגעהויבען ארומפאָהרען איבער די שטעדט, אגיטירענדיג דעם געדאנק פון ישוב ארץ ישראל. אין יענער צייט האָט משה ליב לילענבלום ארויסגעלאָזען א רוסיש ביכעל „א וואז־וראשטשעניא, יעווריעיסקאווא נאראדא נא זעמליו יעוואָ אָטצאָוו“, וואָס האָט געמאכט א שטארקען רושם אין די סטודענטישע קרייזען.

דער טרויעריג־באריהמטער „גירוש מאָסקווע“ האָט קאַמץ׳ן פארטריי־בען צוריק קיין קאָוונע.

אונטער דעם דרוק פון די דאָזיגע געשעהענישען פון יענער צייט; אונטער דעם איינפלוס פון דער „נאראָדניטשעסקער“ פארבאָטענער ליטע־ראטור און די אידעען פון דער „נאראָדנאיא וואָליא“, איז אין קאַמץ׳ן אין דעם עלטער פון זיין נייַנצעהנטען יאָהר אָנגעגאַנגען דער קאַמף פון פאַלעסטיניזם און סאָציאַליזם. אין קאָפּ האָבען ארומגעשוועבט די אידעען פון פרייער ערד־ארבייט אין פאַלעסטינא אויף קאָמוניסטישע יסודות. עס פארשטעהט זיך, אז אין יענער צייט איז דער געדאנק וועגען א אידישער מלוכה, וואָס האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט צו א "פּאָליטישען ציוניזם“, נאָך ביי קיינעם ניט געווען.

אָבער גראד האָבען אין גיכען זיך גענומען דערטראָגען פון ארץ ישראל ידיעות וועגען פארפאָלגונגען וואָס די יונגעלייט פון די ערשטע פּארטיעס חובבי ציון האָבען געהאט דאָרט אויסצושטעהן פאר ניט אָפּהיטען אידיש־קייט אויף דעם אָרטאָדאָקסישען שטייגער, און די דאָזיגע פארפאָלגונגען זיינען געווען א טויט־קלאַפּ פאר דער אילוזיע פון א פריי לעבען אין דעם אלטען ארץ ישראל. דעמאָלט האָט זיך די יוגענד א וואָרף געטאָן צום קאָסמאָפּאָליטיזם, וועלכער איז פאלש אויסגעטייטשט געוואָרען אלס אינ־טערנאציאָנאליזם, און אין דער דאָזיגער אידעע האָט דאָס יונגוואָרג דער־זעהן די איינציגע ישועה. פארשפּרייטען די אידעען פון „נאראדנאיא וואליא“ איז געווען די שטילע אויפגאבע. ווען עס איז אָנגעקומען זיין פּריזיוור־צייט האָט קאַמץ ניט וועלענדיג אָפּגעגעבען דעם קיסר וואָס איהם קומט. אָבער נאָך דריי וואָכען דינען האָט מען איהם באפרייט אויפ׳ן גרונד פון לורצזיכטיגקייט.

ווי מאנכע אנדערע יונגעלייט פון זיין גלייכען, האט ער באלד נאך זיין באפרייאונג געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון דער זשאנדארמסקער פאליציי. ער האט געפיהלט, אז פריהער אדער שפעטער וועט ער אריינפאלען צו זיי אין די הענד. דערוואוסט האט ער זיך דאס דורך א באקאנטער מיידעל, וועלכע האט געוואוינט אויפ'ן זעלבען הויף פון דעם זשאנדארמסקי פאלקאווניק. זי האט עס איהם דערצעהלט אז מען האלט אויף איהם אן אויג. און ווען עס האט פאסירט אז אין א מיטען נאכט האט מען געמאכט אן אביסק ביי זיינעם א נאהענטען חבר, ווען מען האט גלייך ארעסטירט און אפגעפיהרט קיין פעטערסבורג, האט קאטץ באשלאסען מעהר ניט צו ווארטען, און איז אריבער די גרענעץ, אנקומענדיג קיין אמעריקא אנהויב ווינטער, 1888.

אנקומענדיג קיין אמעריקא, האט מ. קאטץ, זייענדיג דעמאלט אן אויסגעשפראכענער „נאראדאוואליעץ", זיך באלד דערפיהלט אין א היימישער סביבה, טרעפענדיג אין ניו יארק דעם „רוסקי פראגרעסיווני סאיוז". און אזעלכע אלטע באקאנטע פון רוסלאנד ווי דר. גירזשדאנסקי און אנדערע. די גאנצע סאציאליסטישע ליטעראטור, וואס איז געווען פארבאטען אין רוסלאנד, האט ער דא געפונען פריי און אפען, צו שעפען פון דארט וויפיעל זיין הארץ גלוסט.

אבער דער דאגמאטישער מארקסיזם איז קאטץ'ן קיינמאל ניט געווען צום הארצען. זיינע אידעען האבען זיך פארמירט לויט די שריפטען פון די גרויסע רוסישע סאציאליסטישע דענקער פעטער לאווראוו און מיכאילאווסקי. ער איז דעמאלט צוגעשטאנען צו די אנארכיסטען, וועלכע זיינען געווען די נעהענטסטע צו די דאזיגע אידעען. דעם ערשטען זומער צייט האט קאטץ זיך פארדונגען אלס פשוט'ער ארבייטער אויף א פארם, און דארט האט ער, אין זיינע פרייע שטונדען, נאך מעהר זיך איבערגעגעבען צו דער שטודירונג פון סאציאלאגישע ווערק.

אין 16 סאפאלק סטריט, אין קעלער, וואו פון פארענט איז געווען א גראסערי סטאר און פון הינטען האט געוואוינט, אין א פאר קליינע, ארימע צימערען, דער משכיל־סאציאליסט נעטער און זיין יונגע טאכטער עני נעטער (די פארשטארבענע פרוי פון דר. מיכאל קאהן) איז געווען דער צענטער פון דער דאמאלסדיגער אידישער אינטעליגענץ פון ניו יארק. דארט האט מ. קאטץ זיך נאהענט באפריינדעט מיט דעם פארשטארבענעם דר. ה. זאלאטאראוו, מיט דוד עדעלשטאט און מיט פיעלע אנדערע.

די שילדערונגען אין די דייטשע צייטונגען „פאלקסצייטונג" און „פריי-

הייט" וועגען די פארפּאָלגונגען וואָס די נעגערן שטעהען־אויס אין דער סויטה, האָבען באוועגט קאטץ'ן צו פּאָהרען אין יענע געגענדען אלס פּעדלער, כדי אליין זיך צו באקאָנען מיט דער לאגע. די לאגע פון די נעגערן האָט שוין פון פריהער געהאט געלאָזען אויף איהם א טיעפען רושם צוליעב דער ריהרענדער ערצעהלונג „אָנקעל טאם'ס קעבין", פון ביטשער סטאו, וואָס ער האָט געהאט געלייענט אמאָל אין רוסיש. פון דער סויטה האָט ער זיך צוריקגעקעהרט קיין ניו יאָרק ענדע יאָהר 1889.

— — — — — — — — — —

דאָס פיהרט צו אונזער יובילאר צו דער פּעריאָדע, אין וועלכער עס האָט זיך אָנגעפאנגען זיין גלענצענדע, 35 יעהריגע געזעלשאפטליכע און זשורנאליסטישע טעטיגקייט, וועגען וועלכער עס רעדט זיך דאָ אין דעם דאָזיגען זאמעלבוך.

יהואש

א גרוס

(דעם וואוילען, ליעבען מ. קאַטץ, מיט האַרציגע ברכות
צו זיין זעכציגסטען געבורטסטאַג)

האָט געוואַנדערט א ליכטיגער שטראַל פון דער ווייט,
איין יאָהר און צעהן יאָהר און טויזענט,
צווישען סטאַרעס פון זונען,
קאַראַוואַנען פון זילבער און גאָלד:
„לאָזט מיך דורך, לאָזט מיך דורך,
איך בין אין געאייל . . .“
און דער ליכטיגער שטערן איז געקומען
און קלאַפּט אויף מיין פענסטער:
„א גרוס!“

האָט געוואַנדערט א ליכטיגער שטראַל פון דער ווייט,
איין יאָהר און צעהן יאָהר און טויזענט,
זיינען שטערן פאַרלאָשען געוואָרען דערוויייל,
זיינען וועלטען צעפּולווערט געוואָרען אין שטויב,
און דער ליכטיגער שטראַל איז אין אייל:
„לאָזט מיך דורך, לאָזט מיך דורך . . .“
און ער קומט און ער קלאַפּט אויף מיין שויב:
„א גרוס!“

אין קאמף פאר פרייהייט

י. קאָפּעלאָוו

מ. קאַטץ'ס טעטיגקייט אין דער אנארכיסטישער און סאָצ. רעוואָלוציאָנערער באוועגונג

אין שרייבען עראינערונגען, אין ארויסשלעפען א פּאָר געלע בלעטער פון דעם אלטען ספר הזכרונות, איז שטענדיג פאראן א סכנה פון ניט־פּינקטליכקייט.

האָט דאָך דער עבר שוין אזא טבע אָדער צו מאָלען און פאָרשטעלען זיך כסדר אין ראָזעווע פארבען, אָדער צו פארשטעלען און טונקעל מאַכען דעם אמת. פארמאָגט דאָך די פארגאנגענהייט דעם פאר'כשופ'טען כח פון פארבלענדען און רייצען, באשענען און באַ'חנ'ען, אַלץ פארגרעסערען און פארבעסערן ; אָדער פארקערט—פארטומלען, פארווענדען, פארשמעלערן און קלענער מאכען. איך בעט דעריבער פאָראויס מחילה ביים „אמת" און ביי מיין ליעבען פריינד קאטץ, אויב איך וועל ארייגפאלען אין א טעות. דאָס קאָן טרעפען, אָבער נאָר בשוגג און ניט במזיד, חלילה.

* * *

מיט אן ערך זיבען און דרייסיג יאָהר צוריק האָבען עטליכע יונגע לייט, דאָס רוב אינטעליגענטען און ניט לאנג פון רוסלאנד אריבערגעקומענע רעוואָלוציאָנערען, אָרגאניזירט זיך אין א גרופּע, אין דער שפּעטער באריהמט־געוואָרענער גרופּע „פּיאָנירען דער פרייהייט". חברה איז געווען יונג, געזונט, פריש און מונטער. דער נאטירליכער שטראָם פון יונגען לעבען האָט געשלאָגען ווי א פאָנטאַן, הויך און שטארק. די קרעפטיגע מאסע ענערגיע האָט זיך געריסען צו טעטיגקייט און געזוכט אן אויסוועג. דער גייסטיגער האָריזאָנט וייערער איז געווען ריין און קלאָר, באציערט מיט פיינע, עדעלע שטריכען, מיט די שעהנע קאָלירען פון א רעגען־בויגען.

אויפ'ן הארצען איז געווען פרעהליך, יום־טוב'דיג און דאָס לעבען פול,

גאנץ און הארמאָניש. א נר־תמיד פון א אידעאל האָט באלויכטען און גע־ווארעמט זייערע יונגע הערצער, און זייערע נשמות האָבען געזונגען א „שיר היחוד" — צום קאמף!

און א קאמף האָבען די „פיאָנירען" געדארפט פיהרען אויף אלע פראָנ־טען, לגבי חוץ און כלפי פנים. לגבי חוץ האָבען זיי זיך פארמאָסטען אנט־קעגען דעם קאפיטאליזם, שטאאט און רעליגיאָן — אנטקעגען די סאמע ווארצלען פון דער איצטיגער גוט איינגעפונדעוועטער געזעלשאפט. כלפי פנים, ווידער, האָט מען געדארפט מלחמה האלטען מיט די סאָציאל דעמאָק־ראטען, וועלכע האָבען פארגעלעגט דעם ארבייטער אלערליי פאליאטיוועו, אביסעל מעהר שכירות וכדומה, און האָבען געלעגט גרויס געוויכט אויפ'ן שטים־צעטעל, וואָס ביי די "פיאָנירען" איז דאָס געווען טריף און אין גאנצען אָפגעפרעגט. די „פיאָנירען" האָבען דעמאָלט געגלויבט מיט דעם דייטשען אנארכיסטישען פיהרער יאָהאן מאָסט, אז מען מוז מאכען „טאַ־בולא ראזא מיט דעם גאנצען געזינדעל" (א ליעבלינגס־אויסדרוק ביי מאָסט'ן), אז די איצטיגע געזעלשאפט מוז מען עוקר מן השורש זיין, עס זאָל פון איהר קיין זכר ניט בלייבען, און אז מען מוז ניט בלויז גובר זיין די „סטרא אחרא" פון דער „דריי־איינינקייט" — קאפיטאל, שטאאט און רעליגיאָן — נאָר אין גאנצען זי פארטרייבען און אויסראָטען.

זיי האָבען געגלויבט, אז ווי באלד נאָר מען וועט אויפקלעהרען דעם ארבייטער און געבען איהם צו פארשטעהן דעם ריינעם אמת, אז ער איז דער באשאפער פון אל דאָס גוטס, פון וואָס ער אליין קריגט אפילו קיין לעק ניט — אזא קלאָרע און גרינגע זאך צו באנעהמען — וועט ער ניט ווארטען לאנג און גלייך מאכען א סוף צו דער איצטיגער חורבה, וואו עס פלאָדיען זיך אזויפיעל שדים, און וועט אויף איהר פלאץ אויפבויען א נייע, פרייע, אויף צדק און יושר געגרינדעטע, גליקליכע געזעלשאפט.

כדי צו דערגרייכען דעם ציעל מוז מען טאָן בלויז איין זאך: וועקען אָדער אָנרייצען די ארבייטער. מען מוז אלזאָ וואָס מעהר אגיטירען, וואָס מעהר פראָפאגאנדירען, דורך קנאה־שנאה אויפהויבען דעם ארבייטער. און די "פיאָנירען" האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט אויף אלע כלים. מען האָט געדרופען פארזאמלונגען, געטיילט פלוג־בלעטער און בראָשורען, וועל־כע זיינען דאמאלס געווען. מען האָט זיך ניט געפוילט און מען איז גע־גאנגען אין די שעפער פערזענליך איינ'טענה'ן מיט די ארבייטער. מען האָט זיך ממש מקריב געווען דאָ און געפרואווט ארויסגעבען א וועכענט־ליכע צייטונג „די וואהרהייט", פאר וועלכער א טייל פון די „פיאָנירען" האָבען אָפגעגעבען דעם אָנגעגרייטען רענט און דער לענדלאָרד האָט זיי

אין גאס ארויסגעזעצט. אנדערע, ווידער, האָבן דעם לעצטן ביסן ברויט פון מויל אָפּגעריסן, אבי „די וואהרהייט" זאָל עקזיסטירן.

די אגיטאציע איז אָנגעטריבן געוואָרן טיכטיג, הייס און ענערגיש. די „פּיאָנירען" האָבן ביסלאכווייס געמאכט פּראָגרעס, זיך קונה־שם געווען אויף דער אידישער גאס און געוואָרן אלץ מעהר פּאָפּולער און באוואוסט.

אָבער אויפגעטרייסעלט האָבן זיי די אידישע גאס ביז צום פונדאמענט און זיינען אויך באקאנט געוואָרן ביי דער גוי'אישער וועלט — מיט זייער ערשטען יום־כפור־באָל.

דער יום־כפור־באָל האָט ווי א פּלוצלינגע באָמבע געפּלאצט און איהר קראך האָט מען דערהערט אין ארבע פּנות העולם — א מין ערד ציטערנים איז דאָס געווען אין דער אידישער סביבה און האָט געמאכט א שטארקען רושם אויך אויף די אומות העולם, וועלכע האָבן אין זייערע גרויסע צייטונגען מיט גרויסע אותיות געשענקט אויפמערקזאמקייט די אידישע אנארכיסטען.

דער פּועל־יוצא איז געווען, אז פריינט און פיינט האָבן זיך פאראינטערעסירט מיט די „פּיאָנירען". וואו צוויי זיינען זיי געווען דער דריטער. אין חברות און לאדזשען, אין שולען און ביים ווארשטאט האָט מען גערעדט, גע'טענה'ט, געקריגט זיך און פארטיידיגט די „פּיאָנירען", און דער עולם, איבערהויפּט דער ארבייטער עולם, איז געוואָרן נייגעריג צו וויסן וואָס ווילען די „פּיאָנירען" און וואָס האָבן זיי צו זאָגען.

מאסען מענשען האָבן אָנגעהויבען קומען צו די פארזאמלונגען פון די „פּיאָנירען". דער זאָל איז צו קליין געוואָרען, און מיט גרויס אויפמערקזאמקייט האָט מען זיך צוגעהערט צו דער שאַרפער און ביטערער קריטיק וואָס האָט אראָפּגעדונערט פון דער פּלאטפאָרמע.

די תפילה־זכה פּראָקלאמאציע, וואָס די "פּיאָנירען" האָבען ארויסגעגעבען ערב יום כפור — אגב אורחא, זעהר א געלונגענע און א בייסענדיגע — האָט מען ווידער איבערגעדרוקט. די פּראָטעסט־פארזאמלונג אין קופּער יוניאָן מיט יאָהאן מאָסט אלס הויפּט רעדנער, וועלכע מען האָט ניט געקאָנט איגנאָרירען, האָט גורם געווען, אז דער אינטערעס זאָל אָנהאלטען און וואקסען. און ארבייטער האָבען אָנגעהויבען איינלאדען צו זייערע מיטינגען די „אנארכיסטלאך". מען האָט זיך מיט זיי עצות געהאלטען אין צייט פון א סטרייק, און מען איז געוואָרען גאנצע מחותנים.

די ארבייט האָט געברענט. עס האָבען אָנגעהויבען פעהלען מענשען אויסצופילען די פאָדערונגען. עס איז געוואָרען א דוחק אין אינטעליגענטע

קרעפּטען, אין רעדנער, שרייבער און סתם טוער — אויף וועמען מען זאָל זיך קענען פאַרלאָזען.

גראָד דאַמאָלס איז אָנגעקומען קיין נויאָרק מ. קאַטץ.

די מעהרסטע פון די „פּיאָנירען" האָבען קאַטץ'ן נאָך פון פריהער גע־קענט. מיר איז ניט קלאָר, צי לאַטץ איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער גרופּע, אָבער זיכער איז, אז ער האָט זיך באַטייליגט אין דעם אַרויסגעבען פון דער „וואהרהייט" און האָט געשריבען אין איהר. אָבער דער שרייבער פון די שורות האָט זיך באַקאַנט מיט מ. קאַטץ ערשט ווען ער איז צוריקגעקומען פון די סאַוט, אין יאָהר 1889.

מ. קאַטץ האָט גלייך ביי דער ערשטער באַגעגניש שוין געמאַכט אַן אויסגעצייכענטען איינדרוק. דער פּנים, ערנסט און אינטעליגענט, איז געווען צו דער זעלביגער צייט זעהר מילד און פול גוטסקייט. זיין היפּשע ברוינע באָרד אַרום א יונגען פּנים האָט איהם צוגעגעבען א באַזונדער חן. זיין פּשוט'ער האַלטען זיך, זיין שטענדיגער אויפגעלעגט זיין, אימער לעבעדיג און פרעהליך, האָט שטאַרק אַפּעלירט צום עולם. לאַטץ האָט, ווי מיט א מאַגנעט צוגעצויגען צו זיך מענשען. אַלע האָבען איהם ליעב געהאַט און געאַכטעט. זיין אָנקומען האָט אַריינגעבראַכט א נייע אַטמאָספערע אויף אין אונזער אייגענער סביבה. מען האָט זיך דערנעהענטערט איינער צום אַנדערען, מען איז געוואָרען ווארימער און חבר'שער. אָבער ער האָט אויך אַריינגעטראָגען א גאַנץ נייעם טאָן פון טאָלעראַנץ און געדולד בנוגע פּרעמ־דע און געגנער.

מיט א טיעפען ערענסט און איבערגעבענהייט האָט קאַטץ אָהן שהיות און הכנות אַריינגעוואָרפען זיך מיט לייב און לעבען אין דער אַנאַרכיסטי־שער באַוועגונג און האָט גלייך פאַרנומען אַן אַנגעזעהענעם אָרט. ניין, ער איז געווען א ציערונג און א כבוד פאַר דער באַוועגונג!

טריי צו זיין באַשיידענער נאַטור, האָט ער ניט איבערגעקליבען, וואָס עס פּאַסט איהם אָדער ניט, אין דער אַרבייט. ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, אפילו שטעהן אויף די קאָרנערס און הענד־בילס טיילען, — פּאַרוואָס, אגב אורחא, מען האָט איהם א פּאָר מאָל אַרעסטירט.

באַגעגענענדיג איהם אַמאָל אויף קאַנאַל סטריט מיט הענד־בילס, האָט ער לאַכענדיג באַמערקט, אז דאָס שלעפּט ער דעם עולם זיין אייגענע דרשה צו הערען, אין וועלכער ער וועט מסתמא, ווי דער שטייגער איז, גוט אויס־זידלען די איצטיגע פּאַראָנדקעס ובתוכם טאַקע דעם עולם גופא. אָבער, ווי אויף צו להכעיס, איז איהם יענער פרייטאָג די דרשה זעהר געלונגען און איהם איז ניט באַשערט געווען צו זידלען. לאַטץ האָט שוין געהאַט דעם

מזל, אָדער די מעלה, וואָס איהם פלעגט מען הערען גערן און אויפמערק־זאם. א פרעמדען עולם, אן עולם וואָס איז ניט געקומען לכתחילה אָנגעזאָ־טעלט פון די סאָציאל־דעמאָקראטען כדי צו שטערען, האָט קאַטץ אויף גיך באקעהרט און געוואונען. אפילו אין דער גרעסטער „סומאטאָכע", אפילו אין אן אָרגאניזירטען טומעל פון די סאָציאליסטען האָט זיך קיינעם אזוי ניט איינגעגעבען איינשטילען די פארזאמלונג, ווי דאָס פלעגט געראָטען קאַטץ'ן. ער פלעגט די סאָציאל דעמאָקראטען, די טומלערס, אויסשייגעצען, פארשעהמען זיי, אָבער אויף זיין אייגענעם אופן — ווייך און ערנסט.

די אנארכיסטען האָבען צו יענער צייט גערופען א קאָנווענשאָן פון אלע ראדיקאלע און ארבייטער אָרגאניזאציעס, כדי מעגליך מאכען צו גרינדען אן ארבייטער־צייטונג. די קאָנווענשאָן איז ווירקליך געווען אין פיעל הינ־זיכטען א היסטאָרישע און האָט געהאט א גרויסע באדייטונג פאר דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא. אָבער געענדיגט האָט זי זיך מיט א שפּאַלטונג פון די פּארטייען, — אנארכיסטען באזונדער און סאָציאל־דעמאָקראטען — מיט די פּאָר יוניאָנס, וועלכע זיינען געשטאנען אונטער זייער השפּעה — באזונדער. און דאָ ערשט האָט זיך אָנגעהויבען די אמת'ע קאָכעדיגע אנארכיסטישע טעטיגקייט.

מ. קאַטץ איז געוואָרען דער צענטער פון דער דאָזיגער טעטיגקייט. עס איז ניט געווען קיין פארזאמלונג, קיין מיטינג, וואוהין מען זאָל ניט שלעפּען, אָדער שיקען קאַטץ'ן. ער איז געלאָפען פון איין אָרט צום אנדערען, פון א מאסענפארזאמלונג צו א פּאָרטבילדונגס־פאראיין, פון א מיטינג ביי די העמדעל־מאכער צו די „מענער ארבייטער", א חוץ די אייגענע אָפטע און שפּעטע מיטינגען. האָט מען געדאַרפט אויף גיך שיקען א שליח מיוחד קיין פילאדעלפיא, איז דאָס געווען קאַטץ; קיין באָסטאָן — קאַטץ און קיין ניו הייווען, קיין נוארק — ווידער אמאָל קאַטץ..

פון דעם ערשטען נומער אָן וואָס די „פרייע ארבייטער שטימע" איז ערשיענען האָט זיך קאַטץ באטייליגט אין איהר מיט זיין פעדער. זיינע באריהמטע „רעיונות פון א בעל מחשבה" האָבען געמאכט א פוראָר אין יענער צייט און ער האָט אויך נאָך אנדערע ארטיקלען געשריבען, סיי אונ־טער דר. מעריסאָנ'ס רעדאקציע און סיי אונטער דוד עדעלשטאדט. ער האָט זיין מיטארבייטערשאפט אָנגעהאלטען די גאנצע צייט ביז די צייטונג איז אריבער אין זיינע הענט און ער איז געוואָרען איהר רעדאקטאָר. עס איז איצטער קוים מעגליך זיך פאָרצושטעלען מיט וועלכע שווערע קרבנות עס איז געווען פארבונדען די רעדאקציע פון דער „פ. א. ש." פון יענער צייט.

זיין רעדאקטאָר פון דער „פר. ארב. שטימע" דעמאָלט, האָט געמיינט אריינרוקען דעם קאָפּ אין יאָך, ארויפשלעפּען אויף זיך א זאק יסורים, „טראָגען דעם צלם" ווי דער רוס זאָגט. די אייביגע קריגערייען און רייסע־רייען מיט שונאים און געגנער פון דרויסען, די שטענדיגע ערגערנישען פון די אומפארמיידליכע „קיקערס" אינעווייניג, די אייביגע זאָרג וועגען שכירות פאר די פּאָר זעצערס, דאָס קיין מאָל ניט זיכער זיין מיט דעם נעקסטען נומער, אז ער וועט ארויס, — דאָס אלץ אין איינעם האָט אויס־געזויגען די לעצטע ביסעל ענערגיע און פאר'סם'ט דאָס לעבען.

אחוץ דעם איז טאקע אויסגעקומען זיצען, סיי בייטאָג און סיי ביי־נאכט, סיי זומער און סיי ווינטער, אין א פינסטערען, פייכטען קעלער און שוועד, זעהר שווער ארבייטען. קיין מיטארבייטער צו צאָהלען איז, פאר־שטעהט זיך, ניט געווען מיט וואָס, און גאנץ אָפט איז אויסגעקומען דעם רעדאקטאָר אויספילען אונטער פארשיידענע נעמען א גאנצע צייטונג.

רעכענט מען נאָך צו צו דעם חשבון, אז עס איז אויסגעקומען אונטער־הונגערען אביסעל, בפועל ממש ניט דערעסען, איז קיין וואונדער ניט, וואָס דוד עדעלשטאדט האָט געקראָגען אויסצעהרונג, און איז אין דענווער געשטאָרבען און וואָס דר. מעריסאָן האָט זיך געראטעוועט מיט גאנצע פלעשער פיש־אויל און איז קוים א לעבעדיגער אוועק. אונטער אזעלכע אומשטענדען קאָן מען זיך גאָר ניט משער זיין, וויפיעל איבערגעבענהייט און אָפּפערוויליגקייט מ. קאטץ האָט פארמאָגט, ווען ער האָט גענומען אויף זיך דעם גורל פון רעדאקטאָר!

קאטץ האָט זיך באצויגען צו זיין רעדאקטאָר־שטעלע מיט דעם ערנסט און פאראנטוואָרטליכקייט, וואָס אזא שטעלע פאָרדינט — מיט יראת הכבוד. ער האָט ניט געהערט צו יענע שרייבער, וואָס שיטען פון ארבעל. ער האָט קיין מאָל ניט געשריבען מן השפה ולחוץ, אָדער מיט א לייכטען געמיט. נאָר ווי ביי ד. עדעלשטאדט, איז אויך ביי קאטץ'ן יעדע שורה ארויס פון טיעפען הארצען, ממעמקים — פון דער טיפעניש פון זיין נשמה.

קאטץ'ן האָט זעהר וועה געטאָן דער קלאָפּ, ווען די "פר. ארב. שטימע" האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך ווייס ווי שטארק ער האָט געליטען דערפון. אָבער איך גלויב נאָך עד היום, אז דאָס איז זיין גליק געווען. וואָלט די „פר. ארב. שטימע" געגאנגען נאָך א לענגערע צייט, בין איך שטארק אין ספק, אויב קאטץ און זיינע גוטע פריינד וואָלטען זוכה געווען פייערען היינט זיין זעכציג־יעהריגען יובילעאום...

פיעלע, גאָר פיעלע קרבנות זיינען געבראכט געוואָרען ביים לעגען דעם

ווינקעלשטיין און פונדאמענט פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג, אָבער די שווערסטע און די שעהנסטע האָבען געבראכט די אנארכיסטען מיט די „פיאָנירען" בראש.

פיעלע, גאָר פיעלע שעהנע קאפיטלעך זיינען ארייננעטראָגען געוואָרען אין דער קורצער געשיכטע פון אונזער ארבייטער באוועגונג און עס איז בלתי ספק, אז איינעם פון זיי, וואָס פארדיענט א באזונדער חשיבות, איז דער, וועלכען עס האָט מיט זיין טעטיגקייט אָנגעשריבען מ. קאטץ.

* * *

דעם צווייטען עטאפ פון ראדיקאלער טעטיגקייט האָט מ. קאטץ דורכ־געמאכט מיט עטליכע יאָהר שפּעטער מיט דער פּארטיי סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען.

אין 1902 איז געקומען אהער צום ערשטען מאָל מ. ראָזענבוים אין די אינטערעסען פון דער פּארטיי סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנען און זייער קאמפּס־אָרגאניזאציע. און קאטץ איז ווידער געוואָרען פארוואָרפען מיט ארבייט, ווידער טעטיג. אין אלע קאָמיטעטען איז ער געווען, איז געגאנגען קלייבען געלד און האָט פיעל גורם געווען, אז ראָזענבוים'ס מיסיע זאָל זיין ערפאָלגרייך.

ניט באנוגענענדיג זיך מיט דעם אליין, האָט קאטץ געהאָלפען גרינדען א שטענדיגען קאָמיטעט דאָ, וועלכער האָט דערנאָך פיעל, זעהר פיעל אויס־געהאָלפען דער פּראגרעסיווסטער פּארטיי אין רוסלאנד, וועלכע האָט געשפּיעלט א גאנץ באדייטענדע ראָלע דאָ אין אמעריקא.

אין 1904 זיינען אָנגעקומען אהער יעקאטערינא ברעשקאָווסקאיא (די באבושקא) און דר. חיים זשיטלאָווסקי, אלס דעלעגאטען פון דער פּארטיי סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען. דער היגער קאָמיטעט האָט פיעל מיט־געהאָלפען אויפהויבען א שטארקע באוועגונג לטובת דער פּארטיי ; גע־רופען פארזאמלונגען, געמאכט אונטערנעהמונגען און געקליבען געלד. און ווידעראמאָל איז מ. קאטץ ניט געזעסען ליידיג. דאָ אלס פּאָרזיצער, דאָרטען אלס רעדנער און אין א דריטען אָרט ביידע זאכען אינאיינעם, אזוי איז קאטץ געווען פּראָמינענט און טעטיג. ער איז געווען דער גאנצער בן־בית ביי די דעלעגאטען און אָהן איהם איז קיין זאך ניט פאָרגענומען געוואָרען. זיין עצה און זיין הסכמה איז געווען ביי זיי זעהר אָנגעלעגט. ער איז געווען דער באבושקא'ס געליעבטער, האָבען מיר זיך גערייצט מיט איהם, אָבער אין דעם איז געווען מעהר אמת ווי פּאָעזיע.

אָבער גאָר וויכטיגע ארבייט, פון א געהויבענעם סאָרט און פון אוי־סערגעוועהנליכען נוצען, האָט קאטץ געלייסטעט אין 1907, ווען דער

גרויסער, אומפארגעסליכער גריגארי גערשוני איז געקומען אהער, אנטלויפענדיג פון קאטאָרגע אין אקאטאי, סיביר.

קאטץ האָב איבערראַנייעס, פונקט ווי אין די יונגערע יאָהרען אין דער אנארכיסטישער באוועגונג, פארלאָרען אלע פערזענליכע חשבונות און האט זיך מיט ליבע און לעבען אפגעגעבען גערשוני׳ן, ביי וועמען ער איז געוואָרען די רעכטע האנד. אָהן קאטץ׳ן האט זיך גערשוני ניט א קעהר געטאָן.

גערשוני׳ן איז גאָר ניט געווען אזוי גרינג צופריעדענצושטעלען. אין רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט איז ער געווען א פעדאנט, פינקטליך אויף א האָר, וואָס קאטץ׳ן האט דאָס שטענדיג געפעהלט. פון דעסטוועגען האט גערשוני גאָר ניט געקאָנט אפלויבען זיך פון קאטץ׳ן, און איז געווען גליקליך, ווען קאטץ איז מיט איהם געפאָהרען אין שיקאגא און אין אנדערע שטעדט אין דער וועסט אויף א לענגערער צייט. עס איז אויסגעקומען וואו טאָג׳ען דאַרטען ניט נעכטיגען, ארומוואלגערען זיך מעת־לעת׳ענווייז אין די וואגאָנעס, אלע נאכט מיטינגען און דעם גאנצען טאָג באגעגענען זיך מיט פארשיידענע מענשען, אָרגאניזירען קאָמיטעטען, מאכען באנלעטען און דער עיקר שנאָרען און שנאָרען געלד פאר דער פארטיי. קאטץ האָט אויך דאָס מאָל געארבייט ווי א ביהן און מיטגעהאָלפען שאפען א גאנץ גרויסע סומע מזומנים, וואָס גערשוני האט פון דאנען ארויסגעפיהרט.

קאטץ׳עס לעצטער עפענטליכער אקט פאר דעם קאָמיטעט פון די סאָצ. רעוואָלוציאָנערען, ווי ווייט מיר איז באקאנט, איז געווען זיין זעהר טרויעריגע מיסיע קיין פאריז, וואוהין ער איז געשיקט געוואָרען אלס דעלעגאט צו לעגען א לאָרבער־קראנץ אויף גערשוני׳ס אָרון. קיין פאסענדערען שליח האט דער קאָמיטעט באמת ניט געקאָנט געפינען. קיינער איז ניט געשטאנען נעהענטער צו גערשוני׳ן פערזענליך און צו גערשוני׳ס אידעאלען, ווי מ. קאטץ.

* * *

מ. קאטץ איז קיין מאָל ניט געווען פון די פארגליווערטע, ניט מיט זיין מח און ניט מיט זיין הארצען. ער האט ניט געמאכט קיין אייזערנעם גדר ארום זיך און זיינע אידעען. ער האט געהאלטען פריי זיין געדאנקען־גאנג, און דעריבער איז ער געווען פון די עשרה הראשונים, וואָס האָבען זיך צוגעהערט און פארנומען דעם רוף פון אונזער טיפען דענקער און גרויסען לעהרער דר. ח. זשיטלאָווסקי : די אידישע אינטעליגענץ צוריק צום אי־

דישען פאָלק ! קאטץ איז געוואָרען א הארציגער, ווארימער איד און א הייסער נאציאָנאליסט.

די לעצטע פּאָר מאָל, וואָס איך האָב איהם באגעגענט אין עפענטליכען לעבען איז געווען אויף גאָר א פארשיידענעם פעלד פון טעטיגקייט. איין מאָל האָב איך איהם באגעגענט אויף דעם ערשטען אידישען לאָנגרעס אין פילאדעלפיא, און דערנאָך אויף א קאָנווענשאָן פון די פועלי ציון, וואו ער איז געווען פּאָרזיצענדער.

פאר די לעצטע פינף, זעקס און דרייסיג יאָהר איז קאטץ כסדר געווען פארנומען, אמאָל מעהר, אמאָל ווייניגער, מיט פארשיידענע באוועגונגען, מיט פארשיידענע עפענטליכע אינסטיטוציעס און כלל־זאכען, אָבער שטענ־דיג האָט ער געטאָן זיין זאך באמונה שלימה, מיט א ריין הארץ און א ריינעם געוויסען.

ד ר. י. א. מ ע ר י ס אָ ן

דער ערשטער פּעריאָד פון דער אנארכיסטישער באוועגונג

(מיין באגעגעניש מיט מ. קאטץ)

עס איז געווען אין הערבסט פון דעם יאָהר 1888. אין א קליין הייזעל, פאררוקט טיעף אין הויף, ערגעץ־וואו אויף סאפאָלק סטריט, ניו יאָרק, איז געווען די רעדאקציע און „דרוקעריי" — אייגענטליך די „זעצעריי", ווארים געדרוקט איז די צייטונג געוואָרען אנדערשוואו — פון דער ערשטער אידי־שער אנארכיסטישער וואָכענבלאט „די וואהרהייט".

דער ערשטער נומער איז געווען אָקאָרשט ערשינען און מיר אלע באטיי־ליגטע האָבען זיך צונויפגעקליבען, דאכט זיך א פרייטאג־צו־נאכט, אין רע־דאקציע, פרייליך און צופרידען ארומגעשפאצירט איבער דעם ווייט ניט צו־גרויסען צימער, און געביטען זיך מיט מיינונגען וועגען די פארשיידענע ארטיקלען פון דער צייטונג. דוד עדעלשטאט האָט דאָרט געהאט א געדיכט, צום ערשטען מאָל אויף זיין לעבען געשריבען אויף אידיש. מיין ארטיקעל האָט געהייסען „דער גן עדן העליון און גן עדן התחתון" און איין ארטיקעל, געדענק איך, איז געווען אונטערגעשריבען M. K. און האָט באהאנדעלט די אידען־פראגע און די אורזאך פון די פּאָגראָמען אין רוסלאנד.

ריידענדיג אזוי מיט א פּאָר גענאָסען, קומט צו מיר צו א הויכער בלאָנ־דער יונגערמאן און טוט מיר אביסעל שעהמעוודיג א פרעג: "און וואָס זאָגט איהר אויף דעם ארטיקעל וועגען דער אידען ־ פראגע ?" — „אך, וואָס ? קוואטש ! ענטדעקט אמעריקא !" ענטפער איך איהם אָפּ מיט גדלות, „ווער ווייס עס ניט, אז די פּאָגראָמען קומען פון דער רעגיערונג, מאי קא משמע לן ?" דער יונגערמאן האָט זיך שטילערהייט אָפּגערוקט און אויסגעמישט זיך מיט די אנדערע קופּקעס מענשען, וואָס האָבען זיך גע־

היצט און געשריען מענינא דיומא. א ווײַלע שפּעטער האָב איך זיך דער־וואוסט, אז דער דאָזיגער בלאָנדער יונגערמאַן איז דאָס אליין דער שרייבער פון יענעם ארטיקעל און זיין נאָמען איז מ. קאַטץ.

דאָס איז געווען מיין ערשטע באקאַנטשאַפט מיט דעם איצט 60 יאָה־ריגען יובילאַר.

מיין דאַמאַלסדיגע ניט־גינסטיגע מיינונג וועגען קאַטץ'ס ארבייט — וועלכע איז אגב געווען מעהר חוצפּה'דיג ווי גערעכט — האָט אונז ניט געשטערט פונדעסטוועגען צו ווערען נאָהענטע פריינד און ארבייטער צו־זאמען יאָהרען נאָכאַנאַנד אין דער באוועגונג. די אנארכיסטישע באוועגונג איז דאַמאַלס געווען די לעבעדיגסטע אין לאַנד — א דאנק יאָהאַן מאָסט'ס פייערדיגער אגיטאַציע און דעם טרויעריג באריהמטען פּראָצעס און די הינריכטונג פון די שיקאַגאָער אנארכיסטען. די אידישע פיהרער פון דער באוועגונג, וועלכע איז געשטאַנען אונטער דער דירעקטער השפּעה פון מאָסט'ן, זיינען געווען לואיס, זאלאַטאַראָוו, יאנאָווסקי, קאַטץ און אייניגע אנדערע. די מאַסע, גרינע אידישע ארבייטער, איז דאַן געווען זעהר א רויהע. מען האָט זיי פּשוט געדאַרפט לערנען לייענען אידיש און געבען צו פאַר־שטעהן דעם טייטש־וואָרט פון די געוויינליכסטע ליטעראַרישע אויסדרוקען. קאַטץ איז געווען איינער פון די ווייניגע, וועלכע האָבען געשריבען פּשוט'ע אידיש, וואָס די מאַסע האָט מעהר אָדער ווייניגער געקענט פארשטעהן.

די פּראָפּאַגאַנדאַ איז דאַן באַשטאַנען פון דרייערליי טעטיגקייטען: אגיטאַציע אויף מאַסמיטינגען, אויפצוקלעהרען די ארבייטער ווי זיי ווערען עקספּלואַטירט פון זייערע באָסעס, און אגב אורחא א שטאָך טאָן דעם רבש"ע מיט זיינע היגע פארטרעטער די „פּאַפּען" און אנדערע כלי־קודש. וועכענטליכע לעקציעס, אָדער ווי מען האָט עס דאַמאַלסט גערופען "פּאָר־טרעגע", אין דעם באריהמטען האָל פון 56 אָרטשארד סט., אויף אזוינע טעמאַס ווי „פון דער פּראָטאָפּלאַזמע ביז צום מענשען", „קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל", „עוואָלוציע און רעוואָלוציע", א. ד. גל. די „פּאָרטרעגע" פלעגען געהאַלטען ווערען אויף דריי שפּראַכען: רוסיש, דייטש און אידיש — ווי וואָס פאַר א רעדנער מען האָט געקאָנט קריגען. און דריטענס, די אָרגאַניזירונג פון פארשיעדענע פאָרטבילדונגס פאַראיינען, וואו מען האָט געלערענט די ארבייטער דעם א"ב פון סאָציאַליזם און אנארכיזם, פאָרלע־זענדיג פאַר זיי די קליינע בראָשורקעס, וואָס זיינען דאַן ארויסגעגעבען געוואָרען פאַר דעם צוועק.

איך דערמאָן זיך דערביי אָן א מאָדנעם פּראָדוקט פון מיין אייגענער, „שאַפונג", וואָס האָט געהאַט דעם צוועק צו לערנען די „מאַסאָווע גענאָסען"

די באדייטונג פון די אבסטראקטע פרעמדע ווערטער, וואָס זיינען געבדויכט געוואָרען אזוי הויפיג אין די „פּאַרטרעגע“ און אין די ציימונגס ארטיקלען. דאָס איז געווען אזא מין ווערטער־בוך פון די „שווערע“ ווערטער, וועלכע איך האָב ניט נאָר פארטייטשט לויט׳ן פשט, נאָר אויך אריינגע׳דרש׳ענט אין זיי שטיקער אגיטאציע, אויף אן עכט בטל׳נישען שטייגער. דער דאָזיגער "ווערטער־בוך" האָט זיך געדרוקט אין דער דערמאָהנטער „וואהרהייט“ און איז שפּעטער פאָרטגעזעצט געוואָרען אין דער ערשטער „פרייע ארבייטער שטימע“. — אז יענע ארבייט מיינע איז ניט געווען ארויסגעוואָרפען, האָב איך זיך איבערצייגט עטליכע יאָהר שפּעטער, ווען א געוויסער „גענאָסע“ וואָס האָט מיך פערזענליך באדאנקט פאר די ווערטער, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערענט פון מיין ווערטער־בוך, איז נאכהער געוואָרען א משומד און דער רעדאקטאָר פון א ניו יאָרקער כל ישראל צייטונג...

מ. קאטץ, אויף ווי ווייט איך געדענק, איז געווען טעטיג אין אָרגאַניזאציאָנס ארבייט, אין די פּאַרטבילדונגס פאראיינען און אין די פּעריאָדישע שריפטען, וואָס מיר האָבען דאמאלסט ארויסגעגעבען. קיין רעדנער איז ער די ערשטע יאָהרען ניט געווען. ער איז געווען צו באשיידען, אָדער אפשר ניט גאָר זיכער אין זיך, און האָט זיך ניט געדרוקט אויף דער פּלאַטפאָרמע. ביז די באוועגונג האָט איהם "פארשיקט" קיין באָסטאָן, איינצונעהמען דאָרט די „פעסטונג“ און געווינען די דאָרטיגע ארבייטער פאר דעם אנארכיזם. ער איז דאָרט אָפּגעוועזען אומגעפעהר א יאָהר צייט, און ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער שוין געווען א גאנצער רעדנער.

דאָס האָט געמוזט זיין אין דעם יאָהר 1890, נאָך דער באריהמטער „קאָנווענשאָן“, וואָס איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין דער קאָורט האוז לעבען לודלאָו סטריט דזשייל, פון אנארכיסטען און סאָציאל דעמאָקראטען, מיט דעם צוועק צו פאראייניגען זיך אויף ארויסצוגעבען אן אומפּארטייאישע אידישע צייטונג. די קאָנוועגשאָן האָט זיך געענדיגט, ווי דער שטייגער איז, מיט א שפּאַלטונג, און די סאָציאל דעמאָקראטען, וועלכע האָבען זיך ניט געקאָנט צוטיילען מיט דעם בער׳ס פעל, האָבען זיך צוריקגעצויגען און געענדיגט די זיצונגען פאר זיך. די אנארכיסטען, בלייבענדיג אליין, האָבען דאָך באשלאָסען ארויסצוגעבען אן אומפּארטייאישע צייטונג, און אין הערבסט פון דעמזעלביגען יאָהר איז ערשיענען די „פרייע ארבייטער שטימע“ מיט צוויי רעדאקטערע : אן אנארכיסטישען, לואיס, און א סאָציאל־דעמאָקראטישען, דר. בראסלאָווסקי.

מ. קאטץ, געדענק איך גאנץ גוט, האָט זיך אקטיוו באטייליגט אין דער קאָנוועגשאָן ; איך קאָן זיך אָבער ניט דערמאָנען, צי ער האָט אקטיוו מיט־

געארבייט די ערשטע צייט אין דער „פר. ארב. שט.". לואיס איז קירצליך ארויס פון דער רעדאקציע ; זאלאטאראוו און איך האבען פארנומען זיין פלאץ. א קורצע צייט שפעטער בין איך פאקטיש פארבליבען אליין מיט בראסלאווסקי'ן. מיט דער ערשיינונג פון דער סאציאל־דעמאקראטישער „אר־בייטער צייטונג" האט אונזער אומפארטייאישקייט פארלארען איהר זין, און איך בין געבליבען דער פאקטישער איינציגער רעדאקטאר ביז צו דער קאנוועגשאן פון נײַ־יאהר 1891. איך האב דאן רעזיגנירט און מיין פלאץ האט פארנומען דוד עדעלשטאט מיט יצחק אייזיק הורוויץ. יצחק אייזיק איז אבער באלד ארויס פון דער רעדאקציע און קאטץ איז געווארען דער פאקטישער רעדאקטאר צוזאמען מיט דוד עדעלשטאט.

עדעלשטאט האט אין א קורצער צייט ארום געמוזט אפפאהרען אין דענוועד וועגען זיין געזונד און קאטץ האט רעדאקטירט די צייטונג אליין ביז, דאכט זיך, אנהויב 1892, ווען זי האט זיך אפגעשטעלט צוליעב מאנגעל אין מאטעריעלע מיטלען. סוף זומער פון דעמזעלביגען יאהר האבען מיר זי ווידער אויפגעלעבט און זי איז געגאנגען מיט מאטערניש, ווידער אונטער מיין רעדאקציע, א גאנץ קורצע צייט, ביז זי האט זיך אינגאנצען פארמאכט און דערמיט אפגעשלאסען, וואס איך וואלט אנגערופען, דעם ערשטען פע־ריאד פון דער שריפטליכער פראפאגאנדא פון דער אנארכיסטישער באַ־וועגונג.

יוסף בּאַראַנדעס

זכרונות פון אמאָל

(א פּאָר שטריכען פון מ. קאַטץ און זיין בייטראַג צו
דער אידישער ארבייטער - באַוועגונג אין אמעריקא)

איך האָב געהאַט דאָס גליק זיך אינטים צו באַקאַנען און באַפריינדען מיט אונזער באַליבטען יובילאַר אין די ערשטע חדשים פון יאָהר 1888.

מיך האָט אהער געבראַכט דער שווערער שנעע־בליזאַרד פון יענעם יאָהר, און אריינגעבלאָזען האָט ער מיך גלייך אין 56 אָרטשאַרד סטריט, וואו א גרויסער טייל — פיליַיכט דער באַדייטענדסטער — פון די רוסיש־אידישע אינטעליגענטען פלעגען אָפּהאַלטען פאַרזאַמלונגען און געבען לעקציעס איבער סאָציאַל עקאָנאָמישע פראַגען וואָס זיינען געשטאַנען ברומו של עולם.

דאָרטען האָב איך צום ערשטען מאָל באַגעגנט די אימפּאָזאַנטע פּערזענליכקייט פון מ. קאַטץ, וועלכער האָט אויף מיר געמאַכט אַן אונפאַרגעסליכען איינדרוק מיט זיין ארט ריידען, און האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין כח מסביר צו זיין א גרויסען, וויכטיגען און הויכען ענין אזוי, אז ער איז געוואָרען צוגענגליך און פאַרשטענדליך פאַר די ברייטע מאַסען, פאַר וועמען אייגענטליך די פאַרזאַמלונגען און די לעקציעס זיינען אראַנזשירט געוואָרען. מעהר פון אלעס האָט ער מיך אימפּאָנירט מיט זיין טיעפען ערנסט און אויפריכטיגקייט.

עס האָבען ניט געפעהלט אויך דאַמאַלט אזעלכע רעדנער און לעקטשורער, וועלכע האָבען זיך באַנוצט מיט פרעמד־שפּראַכיגע ווערטער און מיט דונער־הילכענדע פראַזען, וועלכע האָבען געזאָלט באַווייזען זייער געלעהרזאַמקייט. און ס׳האָט אויך ניט זעלטען פּאַסירט, אז א פראַגע־שטעלער האָט געקראָגען א „פּאָרציע“ פאַר זיין „חוצפּה“, פאַר זיין א „מסרב לגדול“ — איבערשפּאַרען א גרעסערען פון זיך.

ביי קאטץ'ן האט דאס קיינמאל ניט פאסירט. אדרבה, ער האט זיך געפיהלט העכסט צופריעדען, ווען אסך „פראגע־שטעלער“ האבען זיך געמאלדען צום ווארט. און ווען מען האט איהם אמאל פארגעהאלטען, אז ער מאכט זיך א „צו־גרויסען צימעס“ פון די רויהע הארפאשניקעס, „וועמען מיר דארפען לערנען און ערציהען און וועלכע מען דארף ניט און מען טאר ניט געבען די געלעגענהייט, זיי זאלען מיינען, אז זיי ווייסען און פארשטעהען בעסער פון אונז, ווארים אז ניט, ווי אזוי קאנען מיר ערווארטען צו זיין ערפאלגרייך אלס זייערע לעהרער, פיהרער און וועג־ווייזער?“ — ווען מען האט אמאל דאס איהם פארגעהאלטען, האט ער געענטפערט: „איך האלט פון'ם אלטען אידישען כלל „ולא הקפדן מלמד“ — דער וואס פארליערט זיין גדולה, קאן קיין לעהרער ניט זיין“. דאס וואס די פארהאלטער האבען דעם דאזיגען כלל פארשריגען אלס א “בורזשואזע און פארשימעלטע וועלט־אנשויאונג”, האט איהם גארנישט אפגעשראקען. ער איז ביז צום היינטיגען טאג פארבליבען דער קלארער דענקער, דער גרויסער מסביר און דער געדולדיגער לעהרער.

עס האט זיך דאמאלט אנגעהויבען צו געשטאלטען די אידישע ארבייטער־באוועגונג דורך דער גרינדונג פון יוניאנס. גלייכצייטיג האבען די „אידיש־שפרעכענדע“ ארטאדאקסישע ראדיקאלען באנגענט די דאזיגע טענדענץ פון די אידישע ארבייטער זיך צו ארגאניזירען אין יוניאנס, מיט א חלף־שארפער קריטיק. אזעלכע יוניאנס, האבען זיי ארגומענטירט, מוזען פיהרען דערצו, אז דער קלאסענבאוואוסטזיין פון די ארבייטער וועט פארטעמפט און פארוואסערט ווערען דורך דעם וואס זיי וועלען זיך באנונגענען דערמיט וואס זיי וועלען ארויסרייסען ביי די בעלי־בתים א פאר סענט מעהר אויף זייער לוין, וועלכע זיי, די בעלי בתים אליין, וועלען צוריק אפנעהמען ביי די ארבייטער דורך העהערע רענט, טעקסעס און פארטייערונג פון די לעבענס־מיטלען, אנשטאט דעם וואס זיי זאלען זייער גאנצע ענערגיע אנווענדען אויף דער ענדליכער פארניכטונג פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעמע, און אויף איהר פלאץ אויפבויען די געזעלשאפט פון פאלשטענדיגער פרייהייט, וואו יעדער זאל ארבייטען וויפיעל ער וויל און קאן און געניסען וויפיעל ער וויל און דארף — א וועלט אהן רעגירונג און אהן געזעץ. מיט איין ווארט: די יוניאניסטישע באוועגונג איז באטראכט געווארען פון די אידיש־שפרעכענדע עקסטרעם־ראדיקאלע אידעאלאגען אלס דער ערגסטער אבן־נגף, די גרעסטע שטערונג, וואס איז מעכב די רעוואלוציאנערע גאולה. און אזוי האט זיך ביי די דאזיגע אידעאלאגען ענטוויקעלט די שפאנעל־נייע מעאריע „וואס ערגער איז בעסער“. מיט אנדערע ווערטער:

וואס קלענער דער ארבייטס־לוין וועט זיין, וואס שווערער עס וועט זיין ־ער יאך, וועלכען דער ארבייטער טראגט אויף זיין קארק, אלץ בעסער וועט עס זיין טאקע פאר די ארבייטער אליין, אין דעם זינן וואס זיי וועלען פון זיך שנעלער אראפוואַרפען דעם יאך און זיך אין גאנצען, מיט אמאל און אויף אייביג באפרייען.

איך קאן ניט פארגעסען א צייטונגס־ארטיקעל וואס איז ערשיענען אין א שטרענג ארטאדאקסיש־ראדיקאלער אידישער צייטונג וועגען יוניאנס. דער תמצית פון יענעם ארטיקעל איז געווען, אז די ארבייטער דארפען זיך דוקא יא ארגאניזירען אין יוניאנס, אבער נאר אין אזעלכע יוניאנס, וועל־כע האבען ניט קיין בעאמטע, קיין טשינאוניקעס, וואו יעדער צאהלט איין וויפיעל ער וויל און ווען ער וויל... מיט איין ווארט: עפעס וואס איז עהנליך צו א מאכל פון הייסען, זודיגען אייז־קריעם...

קאטץ איז אין דעם פרט געווען אן אפיקורס. ער האט געגלויבט אין דער געגענגעזעצטער טעאריע, אז „וואס בעסער איז בעסער“, אז וואס מעהר די ארבייטער קעמפען אויס פאר זיך גינסטיגערע באדינגונגען, אלץ בעסער איז עס און אלץ בעסער וועט עס זיין פאר דעם ענד־ציעל פון דער מענשליכער באפרייאונג.

און אזוי האט זיך אונזער יובילאר ארנייגעוואַרפען מיט לייב און זעעל אין דער טרייד־יוניאן באוועגונג. ער האט געהאט א זעהר גרויסען, אבסא־לוט אונאייגענגוציגען חלק אין דער גרינדונג פון די מעהרסטע אידישע יוניאנס אין אמעריקא, און ביז צום היינטיגען טאג האבען די ארגאניזיר־טע אידישע ארבייטער ניט קיין בעסערען, קיין טרייערען און קיין אויפ־ריכטיגערען פריינד ווי מ. קאטץ.

ווען עס האבען זיך אין ענגלאנד ארגאניזירט די זאגנאנטע „קרים־טשיען סאשעליסטס“, זיינען אויך ערשיענען אויף דער סצענע די „זאגנע־נאנטע „קריסטשען אנארקיסטס“. היינט ווי באלד די דאזיגע ארטיקלען זיי־נען געווען א גאנגבארע סחורה אין ענגלאנד, האבען זיך דא אין אמעריקא אויך אנגעהויבען באווייזען דיזעלביגע „זאגענאנטע“. און אזוי ווי עס איז אן אלטער, אונבאשטרייטבארער כלל, אז „ווי עס קריסטעלט זיך אזוי אידעלט זיך“, האבען זיך צווישען אונז אידען, אנגעהויבען צו פלאנ־טערען פאר די פיס די „פראפעטען“ פון׳ם זעלביגען נייעם שניט. איינער פון זיי איז געווען א פשוט׳ער מיסיאנער. און אזוי „טאלעראנט“ זיינען די ראדיקאלען דאמאלס געווען, אז בעת ווען א רב איז ביי אונז, אויף דער איסט סייד, געווען ערגער ווי אין חרם, אזוי אז קיינער האט ניט געוואגט איהם צו דערמאהנען צו גוטען, א פשיטא שוין אז ער האט אויף אן אר־

בייטער־פאַרזאַמלונג ניט געטאָרט ווייזען זיין פּנים, און ווער שמועסט ווענען דעם, אז א רב זאָל שרייבען אן ארטיקעל אין אונזער פּרעסע, זאָל השם יתברך שומר ומציל זיין! — האָט פונדעסטוועגען צו אונזער איסט־סייד ארונטערגענידערט א ווינער מיסיאָנערסקער איד, וועלכער האָט גע־שריבען לייט־ארטיקלען אין א געוויסער אידישער צייטונג. אין דער זעל־בער צייט פלעגט ער בלויז א פּאָר בלאָק ווייטער פון דער רעדאקציע האל־טען "פּרעדיגטס" אין דער פּראָטעסטאַנטישער קירכע, אויף ברום, נעבען גרענד סטריט, און אידען פלעגען איהם זעהן, הערען און שווייגען. איך וויים ניט, וואָס איז פון יענעם תכשיט געוואָרען. ער איז שוין איצט אודאי איפ'ן „עולם האמת", איך וויים נאָר, אז א קורצע צייט שפּעטער, האָבען זיך דריי אידישע יונגע לייט, צווי פון וועלכע פלעגען זיין טעטיג צווישען די אידישע ראדיקאלען, גע'שמד'ט. איך האָב זיי געטראָפען א טאָג נאָך דער טויפע, ביי ראָבערט פולטאָן קאטינג אין אָפיס, צו וועמען איך בין געקומען ווענען דער אנגעלעגענהייט פון צייטוויליגער ארבייט פאר די קלאָוקמאכער, וועלכע האָבען אין צייט פון'ם שרעקליכען קריזים, אונטער פּרעזידענט קליוולאנד'ס אדמיניסטראציע, געריינינט דעם שנעע אויף די גאסען, און פולטאָן קאטינג האָט פינאנסירט, אוים פילאנטראָפּישער ריק־זיכט — און אפשר אויך צוליעב אנדערע מאָטיווען, וועלכע איך האָב דעמזעלביגען טאָג אָנגעהויבען צו פאַרדעכטיגען. איך האָב גלייך פאר־שטאַנען, אז די דריי יונגע לייט זיינען געפאנגען געוואָרען אין נעץ, ווייל איך האָב זיי געטראָפען אין דער געזעלשאפט פון'ם מיסיאָנער ר א ב י־נ אָ ו י ט ש, וועלכער פלעגט אויסאיבען זיין טייוועלשע טעטיגקייט אויף דער איסט־סייד.

קאטץ האָט נאָך דאמאָלט ניט געפיהלט, אז אין זיין הארצען ברענט דער נר תמיד פון'ם אידישען נאציאָנאליזם, אָבער א איד איז ער שטענדיג געוועזען. אלע האָבען דאָס געוואוסט, אלע האָבען דאָס געזעהן און געהערט, און ער איז געווען איינער צווישען די זעהר ווייניגע, וועלכע האָבען גענען דער ארייינדרינגונג פון דעם מיסיאָנער אין דער מיטע פון אידישע ראדי־קאלען העפטיג פּראָטעסטירט.

* * *

ווי איך האָב שוין פריהער באמערקט, האָט קאטץ אין די אָנפאנג־יאָהרען פון זיין טעטיגקייט, אין ראדיקאלען לאגער, ניט געפיהלט, אז אין זיין הארצען ברענט דאָס פייער פון אידישען נאציאָנאליזם אָבער א איד איז ער געווען, — א איד בפה מלא. דאָס פייער האָט אפשר ניט העל גע־ברענט, אָבער געטליעט האָט עס ביי איהם אין הארצען שטענדיג. און ווען

דער אידישער נאַציאָנאַלער געדאנק האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דער ציוניסטישער באוועגונג, וועלכע האָט באדעקט די „עצמות היבשות" — די פארטריקענטע אידישע ביינער—מיט פלייש און בלוט און האָט זיי פאר־וואנדעלט אין א מעכטיגער ערוואכענדער ארמיי אין אלע עקען און שטרע־קען פון דער וועלט, ספּעציעל נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם, איז אונזער יובילאר געווען גרייט, צוזאמען מיט דר. זאלאטאראָוו און דעם שרייבער פון די צייל̈ען, איינצורופען א פארזאמלונג אין 412 גרענד סטריט, וואו מיר האָבען פאר א געפאַקטען זאל זיך דערקלערט אלס אידישע נאַציאָנאַ־ליסטען.

איצטער איז עס גאָר ניט קיין העלדישקייט פאר איינעם, וואָס פאר־דיענט דעם נאָמען „איד", זיך צו פּראָקלאמירען אלס נאַציאָנאַליסט, אלס ציוניסט; און ס'איז פאר מיר דאמאלס אויך ניט געווען קיין גרויסע העל־דישקייט צו זיין איינער פון די דריי. וואָרים איך בין שוין דאמאלס געווען באטראכט אלס איינער וואָס איז „געשטרויכעלט" געוואָרען פון דעם אי־דישען נאַציאָנאַליזם און אויף מיר איז דאן שוין געלעגען א שטילער חרם. אָבער קאַטץ און זאלאטאראָוו האָבען אויף יענער פארזאמלונג באוויזען א געוואלטיגען מוטה, אן אמת'ע העלדישקייט. און פון יענעם אבענד אָן האָבען ביידע, אי קאַטץ, אי זאלאַטאראָוו, געווידמעט זייערע באדייטענדע טאלאנטען, זייער געוואלטיגע ענערגיע, זייער גאנצען לעבען צו פּראָפּאגאנ־דירען און צו פארשפּרייטען דעם נאַציאָנאַל־סאָציאליסטישען געדאנק אי־בעראל, וואו זייער איינפלוס, דורך וואָרט און שריפט, האָט געגרייכט. זיי האָבען א זעהר גרויסען חלק אין דעם, וואָס די אמעריקאנער אידישע אר־בייטער קעהרען זיך אום צוריק מאסענווייז צו זייער פאָלק, אונטער דעם ציוניסטישען באנער.

דר. זאלאַטאראָוו איז, ליידער, ניט מעהר צווישען די לעבעדיגע, אָבער זיין גייסט לעבט צווישען אונז און זיין ארבייט פאר'ן אידישען פאָלק איז זיין שעהנער, אייביג־דויערענדער מאָנומענט.

מיר זיינען גליקליך וואָס קאַטץ איז צווישען און מיט אונז. און איצ־טער, ווען מיר פייערען זיין זעכציגסטען געבורטס־טאָג און זיין פינף־און־דרייסיג־יעהריגען יובילעאום אלס שריפטשטעלער, דראמאטורג און עסקן בצרכי צבור, פרעהען מיר זיך וואָס זיין פיזישע און גייסטיגע קראפט איז פריש און פּראָדוקטיוו און מיר האָפען און ווינשען, אז ער זאָל געהן מחיל אל חיל, פאר פיעלע, פיעלע יאָהרען.

ניו יאָרק, פעברואר, 1925.

לעאָן מאַיסעיעף

מ. קאטץ — דער פאראייניגענדער עלעמענט אין דער באוועגונג

איך האָב זיך באקענט מיט מ. קאטץ אן ערך דריי און דרייסיג יאָהר צוריק אין אָפיס פון דער „פרייע ארבייטער שטימע".

מיט א קורצער צייט פאר דעם בין איך געקומען פון רוסלאנד, פול מיט אידעען און רעוואָלוציע. דאָרטען האָב איך זיך שוין געהאט איינגעלערט צוויי מאָל צו זיצען אויף קורצע טערמינען, און אוועקגעפאָהרען בין איך דערפאר ווייל מען האָט מיר געגעבען א וואונק, אז עס איז בעסער זיך אָפצוטראָגען. אין יענער צייט איז די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג אין רוסלאנד ניט געווען פאָרמירט און ניט אָרגאניזירט. דער העלדען־פעריאָד פון דער „נאראָדנאיא וואָליא" איז אין גאנצען געווען פארביי. נאָך די פראָצעסען פון לאָפאטין און קוניצקי איז די צייט פון די טיטאנען פאַראיבער. עס איז געווען א צייט פון אָריענטירונג און קליין־ארבייט. לאנגזאם האָט געשפראָצט אן ארבייטער־באוועגונג און דער מארקסיזם האָט געשלאָגען וואָרצלען אין פאבריק־שטעדט. זייענדיג א איד, ערצויגען אין א שטאָדט פון דייטשער קולטור, בין איך דאמאלס געווען א הייסער מארקסיסט און האָב געלערענט דעם „קאָראן" מיט ארבייטער און סטודענטען על פי נוסח הרעוואָלוציע.

ווען איך בין אָנגעקומען אין ניו יאָרק האָב איך זיך גלייך אָנגעהויבען ארומפרעגען, וואו עס האלט דאָ מיט דער רעוואָלוציע, ווייל דאָ אין „לאנד פון די שטארקסטע געגענזעצען" דארף, אזוי זאָגט דער הייליגער רבי, די רעוואָלוציע זיך ענטפלעקען צום ערשטען. איך האָב זיך באקענט מיט דער אידישער באוועגונג, מיט דער סאָציאל־דעמאָקראטישער און דער אנארכיסטישער, בין געגאנגען צו זייערע פארזאמלונגען און האָב געלעזען זיי־

ערע צייטונגען. דער אנארכיזם אלס א פאָלקס באַוועגונג איז מיר געווען פרעמד. איך האָב געוואוסט פון באקונין און פּרודאָן, אָבער די אנארכיסטיש־קאָמוניסטישע באַוועגונג און איהרע פּרינציפּען זיינען געווען פאַר מיר א נייע ערשיינונג.

עס איז מיר ניט געווען לייכט זיך פאנאנדערצוקלייבען, ווייל די ביידע פּאַרטייען זיינען זיך אליין ניט געווען גאַנץ קלאָהר. מיין געדאנקען־גאַנג איז געווען מארקסיסטיש: וויסענשאפט, קאפּיטאליסטישע ענטוויקלונג, קאָנצענטראציע פון קאפּיטאל, פּראָלעטאריזאציע און רעוואָלוציע. מיין רעוואָלוציאָנערע ערציהונג, מיינע געפיהלען, מיין טראדיציע האָבען זיך ניט געקאָנט אריינקוועטשען אין דעם סאָציאַליזם, ווי מען האָט איהם געטייטשט אין דייטשלאנד און אין אמעריקא. פלעג איך הערען א סאָציאַל־דעמאָקראטישען רעדנער, פלעגט מיר אלעס געפעלען ביז די לעצטע צעהן אָדער פינף מינוט, ווען ער פלעגט, אָפט אליין אונטערבאַפענדיג, וועלען באַווייזען, אז בלויז דורך פּאָליטיק און שטימען קענען די ארבייטער קומען צו דער מאכט. ווי איך האָב ניט געוואָלט, איך האָב דאָס ניט געקענט ארונטערשלינגען. פלעג איך הערען אן אנארכיסטישען רעדנער, פלעגט ער זאָגען דאָסזעלביגע, אביסעל מעהר מיט הארץ, אָבער אָהן דעם פּאָליטישען שטימען־קאַמף. מיין הארץ האָט מיטגעקלאַפּט, פון אנארכיזם האָב איך אָבער זיך ווייניג וואָס דערוואוסט.

עס איז דאַמאלס געווען שווער צו זעהן דעם אונטערשיד אין די צוויי יונגע און אקטיווע אידישע שטרעמונגען. דער ענטפער איז געווען אן איינפאכער. ביידע זייטען, און איבערהויפּט די אנארכיסטען־קאָמוניסטען, זיינען זיך אליין נאָך ניט געווען גאנץ קלאָהר: אידישע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען זיינען זיך נאָר וואָס פאנאנדערגעגאנגען נאָך רעכטס און לינקס. געטראכט האָבען ביידע נאָך דאָס זעלבע, געפיהלט האָבען זיי שוין פארשיעדען.

עס איז געווען אין יענער צייט, ווען איך בין אריינגעגאנגען אין דער רעדאקציע פון דער "פרייע ארבייטער שטימע". איך האָב דאָרט געפונען צוויי מענער. איינעם פון זיי האָב איך שוין געהאט געטראָפען און זיך באקענט מיט איהם אויף א פארזאמלונג, וואו ער האָט גערעדט. ער איז געווען א גוט געוואקסענער ברונעט. דאָס איז געווען ר. לואיס. דער אנדערער א בלאָנדין, מיט אן אנגענעהמען ווייכען אויסדרוק, איז געווען מ. קאַטץ.

ביידע רעדאקטאָרען זיינען געשטאנען ביי הויכע פּולטען און געשריבען. עס האָט אויסגעזעהן אין רעדאקציע, ווי מענשען זיינען זיך צוזאַ־

מענגעפאַהרען אין שטעדטעל אויף א חתונה און וועלען באלד אוועקפאָה־רען, ווען מען וועט אַפּשטעלען חופּה. מען האָט מיך פריינדליך אויפגענו־מען און באלד זיינען מיר אריין אין א טיעפען געשפרעך וועגען דער באַ־וועגונג אין אמעריקא. איך האָב זיך דערקליבען צו דאָס מייגינע : וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען אנארכיזם און דעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַ־ליזם ? האָט קאַטץ פריינדליך און גוטמוטהיג געענטפערט, אז עס איז דאָס זעלבע ער האָט עס געטייטשט צום גוטען.

און אַט דער איינדרוק איז מיר געבליבען פון געגאָסע מ. קאַטץ : ער איז מגין לזכות. אַנשטאט צו זוכען דעם אונטערשיעד, דעם געגענזאַץ, זעהט ער דאָס פארבינדענדע, דאָס פאראייניגענדע. געוויס איז דער אונטערשיעד טעאָרעטיש זעהר א גרויסער, אין לעבען אָבער, פאר די נויטען פון דער ווירקליכקייט פארשווינדעט די טעאָריע און עס בלייבט דער צוועק, דער דראנג און די אינטערעסען פון דעם מענשען און דער מענשליכער גרופּי־רונג.

איך האָב שפּעטער יאָהרען־לאנג געארבייט מיט קאַטץ'ן אין דער באַ־וועגונג, גערעדט צוזאמען, געשריבען צוזאמען און אויף זיצונגען דעבאַ־טירט צוזאמען. קאַטץ איז שטענדיג געווען דער פאראייניגענדער עלעמענט אין דער באוועגונג, דער וואָס פלעגט פארגלייכען און פאררוכטען.

צו פארשטעהן יענע עפּאָכע אין דער אידישער ראדיקאלער באוועגונג, דארף מען זיך דערמאָהנען, אז דאָס זיינען געווען יונגע לייט ארויסגעריס־סען פון זייער סביבה און ארייגעוואָרפען אין דעם הארטען אמעריקא פון יענער צייט ; אז דאָס איז געווען די בליהונג פון דער אידישער אימיגראַ־ציע, איהר אידעאלער אויסדרוק און איהר קאָכעדיגע יוגענד. אין דעם חסיד'ישען ברען פון איהרע אנהענגער האָבען די פסולת אין דער אנאר־כיסטישער באוועגונג זיך אויסגעברענט אין א הייליגען פלאַם און זיך אויסגעלייטערט אין אן אלמענשליכען ליכט, וואָס האָט באלויכטען דעם גרויסען ווי דעם קליינעם, דעם זינדיגען ווי דעם ריינעם.

אין דעם הייסען ערנסט פון יענער צייט האָט יעדע פראגע אָנגענומען אן עקסטרעמע באדייטונג, און יעדער שריט, האָט זיך געדוכט, איז געווען פון פאטאלער ייי־קונג פאר דער באוועגונג. אין די לאנגע פּארטיי־זיצונגען האָבען די ליידענשאפטען געברענט און פערזאָנען האָט מען ניט געשוינט. געגאָסע קאַטץ פלעגט מיט גוטהארציגקייט אָנצייגען דעם מיטעל־וועג, דאָס אייניגענדע, און אָפט, ווי עס איז אין לעבען, פלעגען אלע צדדים אָנפאלען אויף איהם. מיר,, די עקשנים, האָבען דאמאלס ניט געקענט פארשטעהן,

אז מיט זיין גאנצקייט פון געפיהל פלעגט קאטץ גיכער און זיכער טרעפען דעם רעכטען וועג ווי מיר מיט אונזער „אבסטראקטער לאָגיק“.

און מיר האָבען איהם אלע ליעב געהאט מיט יענער ליעבע, וועלכע קומט איבער אייך ווי אן עלעמענטארע ערשיינונג און נעהמט אייך ארום, ווי די שטילע נאכט הילט איין הויז און וואלד.

די „פרייע ארבייטער שטימע“ איז אונטערגעגאנגען און ווידער אויפגעשטאנען און ווידער איז מ. קאטץ געווען דער אקטיווסטער און שטענדיגסטער פון איהרע שרייבער און דער געזוכטסטער פון די אנארכיסטישע רעדנער. ווען די ערשטע "פרייע געזעלשאפט“ איז ארויסגעגאנגען איז קאטץ געווען איינער פון די צוויי רעדאקטאָרען. אין זיין שרייבען און רעדען האָט זיך שטענדיג ארויסגעצייגט דאָס אלגעמיין מענשליכע. ער האָט קיינמאָל ניט פארגעסען, אז די אלע „איזמען“ זיינען נור געשאפען געוואָרען צוליעב די מענשען און אז די מענשען זיינען דער עיקר. מען האָט פיליכט געקענט ביי איהם אראָבדינגען פון דער דאָגמא, אָבער ניט פון דער מענשליכקייט. צווישען די אידישע אנארכיסטען איז קאטץ געווען דער הומאניסטישער.

אָט דער שטריך פון קאטץ'ס כאראקטער האָט פיעל צו טאָן מיט זיין קינסטלערישער נאטור. ער איז געווען איינער פון די ערשטע וואָס האָט געזוכט שעהנהייט אין דער באוועגונג און וועלכער האָט פארשטאנען דעם גרויסען ווערטה פון ליטעראטור און דיכטונג פאר א רעוואָלוציאָנערער באוועגונג. מעגליך, אז דאָס איז געווען דער ראָמאנטישער שטריך אין איהם, ווייל ראָמאנטיק איז דאָס זוכען צו פארבינדען, דאָס שטרעבען צום גאנצען, די ליעבע צו דער טראדיציע און צום פאָלק וואָס טראָגט זי.

פיעל יאָהרען זיינען פארביי זינט יענע טעג, פיעל צייטען זיינען פערלאָפען. די אידען אין אמעריקא זיינען געוואָרען פיעל און פארשיעדען. נייע באוועגונגען און נייע אידעען האָבען געררוישט אויף אונזער גאס. אין פיעל פון זיי האָט קאטץ זיך שטארק באטייליגט מיט היינגעבונג און מיט הארץ. אין אלע פון זיי איז ער געווען און געבליבען א טרייער זוהן פון פאָלק.

אין זיין שרייבען און רעדען האָט שטענדיג געקלונגען דער זיסער טאָן פון דער ערשטער ליעבע.

ה. סלוצקי

מ. קאַטץ — דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער

מיט חבר מ. קאַטץ האָב איך זיך באַקאַנט זומער 1904, אין ניו יאָרק, ביי מיין ערשטען קומען קיין אַמעריקא אלס יונגער בחור'ל פון א יאָהר 20, אָבער שוין מיט א פּאָר יאָהר רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט אין רוסלאַנד. אַלעס, וואָס האָט אויף זיך ניט געהאַט דעם רוסישען שטעמפּעל האָט מיר דאַמאָלס אויסגעזעהן גרוי, אומווירדיג. נישט קוקענדיג אויפ'ן גרויסען טומעל פון מיטינגען, לעקטשורס און היציגע דעבאַטען, האָט עס אָבער מיר אויסגעזעהן אַזוי וואָכעדיג, אַזוי ניט אינטערעסאַנט, אַז עס האָט זיך געוואָלט אַנטלויפען צוריק.

אַזוי בלאָנדזשענדיג א פּאָר וואָכען האָב איך זיך צופעליגערווייזע דער־וואוסט, אַז עס עקזיסטירט דאָ א גרופּע, וועמעס אויפגאַבע עס איז צו העלפען דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען אין רוסלאַנד, די פּאַרטיי צו וועלכער איך באַלאַנג. דיעזע נייעס האָט מיין נשמה באַלויכ־טען ווי די זון אין א פינסטערער נאַכט. מיט דער הילף פון מיינעם א חבר, א פּאַרטיי מיטאַרבייטער פון רוסלאַנד, בין איך אַריינגעפיהרט גע־וואָרען אין דיעזער גרופּע, וואו די פאַרזאַמלונג איז געווען געפיהרט אין רוסיש. צווישען די פאַרזאַמעלטע איז געווען איינער, וועלכער האָט געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט מעהר ווי אַלע איבעריגע, סיי מיט זיין אויסזעהן, סיי מיט זיין באַנעהמונג. ספּעציעל מיט זיין וואַרימער באַנעהמונג צו מ י ר, דעם נייעם אומבאַקאַנטען מיטגליעד. דאָס איז געווען חבר מ. קאַטץ.

ער איז ווירקליך געווען די נשמה פון דיעזער ניט גרויסער אָרגאַניזאַ־ציע, וועלכע האָט שפּעטער געשפּיעלט אַזא גרויסע ראָלע פאַר דער פּאַרטיי

סאָצ. רעוו. אין רוסלאַנד, און פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג דאָרט אין אַלגעמיין.

די גרופּע וואָס איך האָב געטראָפען האָט געטראָגען אַ גאַנץ באַשיי־דענעם נאָמען — „הילפס־גרופּע פאַר דער פּאַרטיי סאָצ. רעוו.", געשאַ־פען געוואָרען איז זי אין 1902 נאָכדעם ווי מענדעל ראָזענבאַום אַלס שליח פון דער פּאַרטיי האָט דאָ געטראָפען קאַטץ'ן און באַקאַנט איהם מיט די אויפגאַבען פון דער דאָזיגער פּאַרטיי וואָס איז די נאָכפאָלגערין פון דער "נאַראָדנאַיא וואָליא". דר. ראַיעווסקי און חבר קאַטץ האָבען אָנ־געהויבען די ערשטע אַרבייט פון העלפען דער פּאַרטיי דורך שאַפען מיט־לען. און טאַקע דערפאַר, ווייל איהר אויפגאַבע איז פון אָנפאַנג געווען אַזאַ קליינע, אַזאַ באַשיידענע, האָט זיך געפאָדערט אַ ספּעציעלער גלויבען, אַ אונגעהייערע ליעבע צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פאַר אַן ערוואַקסענעם מענשען, יאָהרען לאַנג אָבגעריסען פון דער רוסישער ווירקליכקייט, טויזענדער מיילען ווייט פון דאָרט, צו אונטערנעהמען אַזאַ זאַך. חבר מ. קאַטץ זייענדיג שוין דאַן אַ זשורנאַליסט מיט אַ נאָמען האָט דאָס באַוויזען. ער איז געווען דער גרינדער פון דיעזער גרופּע, אָרגאַניזי־רענדיג די סאָציאַליסטישע עמיגראַנטען וואָס זיינען געווען פריהער אין אַנאַרכיסטישען לאַגער.

אין יענע צייטען האָט מען אין דער הינער קאָלאָניע בלויז געוואוסט פון די רוסישע סאָציאַל דעמאָקראַטען, פון „בונד", אָבער גאָר אין גיכען האָט מען, אַ דאַנק דיעזער קליינער גרופּע פון מ. קאַטץ און זיינע עטליכע חברים, זיך דערוואוסט פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען, פון איהרע אויפגאַבען און שטרעבונגען, און ווען חבר ראָזענבאַום איז באַלד צוריק אַוועקגעפאָהרען קיין רוסלאַנד, וואו ער איז אַרעסטירט און פאַרשפּאַרט געוואָרען אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, איז שוין די היגע גרופּע געווען אים שטאַנד צו שאַפען די נויטיגע מיטלען, אַ דאַנק וועלכע עס איז געלונגען אַרויסצורייסען איהם פון דער היסטאָרישער פעס־טונג און ברייגגען צוריק קיין אַמעריקאַ.

די ניו יאָרקער גרופּע, נאָך אַ יאָהר עקזיסטענץ, האָט זיך שוין אָנ־געפאַנגען פיהלען ענג אין די ראַמען פון קליינער הילפס־אַרבייט און האָט צו־וויקעלט אַ גאַנץ גרויסע טעטיגקייט, אַ דאַנק דער ריעזען־עמיגראַציע פון רוסלאַנד, סיי אַלגעמיינע און סיי פּאָליטישע.

צו פאַרדאַנקען דער ענערגיע און ענטוזיאַזם פון חבר מ. קאַטץ צוזאַמען מיט דר. ראַיעווסקי, חברה פּאָלאַק און חבר ניקאָלאַיעוו, (דער באַוואוס־טער קאַטשוריכין וואָס איז געווען פאַר'משפּט נאָך אין דעם פּראָצעס פון

כארקאָווער גובערנאטאָר), האָט זיך איינגעגעבן אריבערברייגגען אהער אין 1904 די „באבושקא“, ברעשקאָווסקאיא צוזאמען מיט דר. ח. זשיט־לאָווסקי.

באלד האָט זיך אָנגעפאנגען א ברייטע אגיטאציע און פּראָפּאגאנדא פון די ציעלען און אויפגאבען פון דער פּארטיי סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָ־נערען איבער׳ן גאנצען לאנד. די אריבערגעקומענע געסט האָבען איינפאך ניט געקענט נאָכקומען אלע איינלאדונגען פון אָרגאניזאציעס פון׳ם גאנצען לאנד. טויזענדער מענשען האבען זיך אנגעפאנגען באקאנען מיט די נייע שטרעבונגען און האָפּענונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג בכלל, מיט די שטרעמונגען פון דער פּארטיי סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנע־רען בפרט און זיינען געוואָרען זייערע אנהייגגער אָדער סימפּאטיזירער. פיעלע טויזענדע דאלארס זיינען געזאמעלט געוואָרען פאר דער פּארטיי סאָצ.רעוו. חבר מ. קאטץ איז געווען די נשמה, דער גייסט פון דיעזען קאמפּיין, פון דיעזער נייער כוואליע אין דער היעגער קאָלאָניע.

פון א הילפ־גרופּע ווערט שוין דאָ א צווייג פון דער פּארטיי סאָציא־ליסטען רעוואָלוציאָנערען, וואָס דאָס איז דער איין איינציגער פאל אין דער געשיכטע פון דער פּארטיי און איהר באציהונג צו אויסלענדישע אָר־גאניזאציעס. לויט דער רעקאָמענדאציע פון דער פּארטיי דעלעגאציע ווערט פון׳ם צענטראלען קאָמיטעט דאָ עטאבלירט א קאָנספּיראטיווע אבטיי־לונג פון עטליכע באזונדער פארטרויטע טוער פון דער פּארטיי און חבר מ. קאטץ ווערט דער פאראנטוואָרטליכער פאָרשטעהער פון דער „באָיע־וואיא אָרגאניזאציע“. אנשטאט צו פארשפּרייטען פּארטיי ליטעראטור דאָ אין אמעריקא, נעהמט שוין אויף זיך די גרופּע צו טראנספּאָרטירען פון דאנען ניט בלויז ל י ט ע ר א ט ו ר . וויכטיגע דיענסט איז געטאָן געוואָרען פאר דעם קאמף אין רוסלאנד, אלץ אונטער דער אויפזיכט פון חבר מ. קאטץ. איך האָף, אז ער וועט אמאָל שרייבען זיינע עראינערונגען וועגען דער דאָזיגער ארבייט, וואָס וועט דיענען אלס בייטראג צו דער געשיכטע פון קאמף פאר רוסלאנד׳ס באפרייאונג.

אין׳ם יאָהר 1905 בין איך געווען פון די ערשטע, וואָס איז געשיקט געוואָרען פון דאנען קיין רוסלאנד פאר רעוואָלוציאָנערע ארבייט.

נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאנד פון 1905 האָט זיך אָנגעפאנגען קיין אמעריקא א גאנץ נייע עמיגראציע — א פּאָליטישע. הונדערטער און טויזענדער פּאָליטישע עמיגראנטען פון אלע ריכטונגען האָבען אָנגעפאנ־גען לויפען אהער פון די פארפאָלגונגען פון דער רוסישער רעגיערונג. נא־טירליך, האָבען אויך אָנגעפאנגען אריינשטראָמען נייע עלעמענטען אין דער

ניו יאָרקער גרופּע סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען, און אויך נייע גרופּען ס״אָצ. רעוו. האָבען זיך אָנגעפאַנגען גרינדען איבער׳ן גאַנצען לאַנד. ווען איך האָב זיך אומגעקעהרט צוריק קיין אַמעריקא פון רוסלאַנד אין 1906 (נאָכדעם ווי איך בין געווען אַבוועזענד איבער א יאָהר) האָב איך דאָ געטראָפען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש. פון דער קליינער ניו יאָרקער גרופּע ס״אָצ. רעוו. איז אויסגעוואַקסען אַ ריזיגע אָרגאַניזאַציע מיט אַ גרויסע צאָהל הילפס־אָרגאַניזאַציאָנען און לאַנדסמאַנשאַפטען איבער׳ן גאַנצען לאַנד. עס זיינען זאָגאר געשאַפען געוואָרען ספּעציפיש אַמעריקאַנישע גרופּען, ווי די „אַמעריקאַן פרענדס אָוו ראַשען פרידאָם“, צו וועלכע עס האָבען באַלאַנגט זעהר הויכגעשטעלטע, פּראָגרעסיווע, פּראָמינענטע אַמעריקאַנער. דאָס איז געשאַפען געוואָרען דורך דעם פאַרשטאָרבענעם דר. פּאָול קאַפּלאַן, דורך מ. קאַטץ, דר. ס. עלסבערג און אַנדערע.

אַ דאַנק דיעזער פאַרצווייגונג פון די ס״אָצ. רעוו. אָרגאַניזאַציאָן איז אויך אויסגעוואַקסען די נויטהווענדיגקייט פון אַ צענטראַלער קערפּערשאַפט פון דיעזע אָרגאַניזאַציאָנען דאָ אין לאַנד. עס איז דאַמאַלט געגרינדעט געוואָרען אַ פעדעראַטיווער קאָמיטעט מיט פאַרטרעטערשאַפט פון אַלע ס״אָציאַל־רעוואָלוציאַנערע אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקא, וועלכער האָט פאַרוואַלטעט מיט אַלע פּאַרטיי אַנגעלעגענהייטען דאָ אין לאַנד און איז געוואָרען די אַנערקענטע צענטראַלע קערפּערשאַפט פון דעם אַמעריקאַנער צווייג פון דער רוסישער פּאַרטיי ס״אָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען. דער פאַרשטאָרבענער חבר דר. פּאָול קאַפּלאַן איז דאַן ערוועהלט געוואָרען אַלס דער אָפיציעלער פאַרטרעטער (אַמבאַסאַדאָר) און פאַרמיטלער פון די אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס אין דעם צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי ס״אָצ. רעוו. אין רוסלאַנד ; ער איז עס ערוועהלט געוואָרען אויפ׳ן פּלאַץ פון חבר דר. ראַיעווסקי, וועלכער האָט זיך צו יענער צייט צוריקגעצויגען פון אַקטיווע געזעלשאַפטליכע, ספּעציעל ס״אָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אַרבייט. חבר י. קאָפּעלאָוו איז געוואָרען טרעזשורער פון די אָרגאַניזאַציעס. שפּעטער האָט זיין פּלאַץ פאַרנומען דר. מעריסאָן. דר. קאַפּלאַן איז פאַרבליבען אין אַמט פון אָפיציעלען פאַרטרעטער פון דער פּאַרטיי ס״אָצ. רעוו. אין אַמעריקא ביז זיין טוידט אין׳ם יאָהר 1915. חבר מ. קאַטץ איז אָבער אַלץ פאַרבליבען דער לייטענדער גייסט און דער הויפּט פון דער קאָנספּיראַטיווער אַבטהיילונג, וועמעס אויפגאַבען זיינען נאָך דאַן פיעל קאָמפּליצירטער און ברייטער געוואָרען.

אָבער מיט דעם וואַקסען פון די ס״אָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקא און מיט׳ן מאַסען־שטראָם פון נייע־אַריבערגעקומענע

פּאָליטישע עמיגראַנטען אין דיזע אָרגאַניזאַציעס, ספּעציעל אין דער ניו יאָרקער גרופּע סאָצ. רעוו. האָבען זיך אָנגעפאַנגען רייבונגען. די נאָר וואָס דורכגעגאַנגענע דעם גרויסען רעוואָלוציאָנערען פּעריאָד, וועלכער האָט זיך פאָרלויפיג ניט איינגעגעבען, זיינען פאַרבליבען פאַרביטערט און ענ־טוישט, און האָבען זיך ניט געקענט איינפאַרשטעהן מיט די עלטערע חברים, וועלכע האָבען דאָ געגרינדעט די סאָצ. רעוו. באַוועגונג. זיי האָבען די עלטערע חברים באַטראַכט אלס „גענעראַלען" מיט בורזשואזע געוואוינ־הייטען. פון דער אנדערער זייט, האָבען פיעלע פון די עלטערע חברים, די היגע פּיאָנירען, ניט ארויסגעצייגט מעהר פאַרשטענדניס צו דער פּסיכאָלאָ־גיע פון די נייע־אריבערגעקומענע חברים, וועלכע זיינען אין א זעהר גרוי־סער מאָס געווען ארבייטער. צוויי וועלטען האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען. איינע ערצויגען ארום דער "נאַראָדנאַיא וואָליא", און דערנאָך געאַרבייט פיעלע יאָהרען אויפ'ן לעגאַלען געביט אין אמעריקא. א צווייטע וועלט — נאָר גאָר יונג, ערצויגען אין א פּעריאָד פון 1903—1905, א פּעריאָד פון מאסען־רעוואָלוציע. דאכט זיך די זעלבע אידעאַלען, דיזעלבע שטרעמונגען, אָבער דאָך צוויי באַזונדערע פּסיכאָלאָגיעס, וועלכע האָבען זיך ניט גע־קענט פאַרשטעהן און טהיילוויז צוזאַמענאַרבייטען. זיינען נאַטירליך אויסגעוואַקסען רייבונגען און מיספאַרשטענדניסע. עס זיינען אָבער געווען צוויי פּערזאָנען פון דער „אלטער גוואַרדיע" — דר. פּ. קאַפּלאַן און אונזער יובילאַר חבר מ. קאַטץ, וועלכע האָבען פיעל געהאָלפען צו א גרויסער מאָס פּאַסיפיצירען די לאַגע און אָבשוואַכען דעם אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען שאַרף ענטוויקלען. דר. קאַפּלאַן'ס גוטסקייט און טאָלעראַנץ און חבר מ. קאַטץ'ס אויסערגעוועהנליכע פריינדליכקייט און פעהיגקייט צו געווינען דעם צוטרוי פון מיטמענשען, זיך קענען אריינטראַכטען און פאַרשטעהן דעם צווייטענס פּסיכאָלאָגיע און געוואוינהייטען, האָבען פיעל געהאָלפען אין דיזער לאַגע. עס זיינען א דאַנק זיי פאַרמיעדען גע־וואָרען פיעלע געפאַהרען און זאָגאַר עקסצעסען (אזעלכעס איז אויך געווען, און א גרופּע דעמאָראַליזירטע פּאָליטישע עמיגראַנטען איז זאָגאַר צוריק־געשיקט געוואָרען קיין אייראָפּא, כמעט מיט געוואַלד). עס האָט זיך גע־פאָדערט באַזונדער קלוגשאַפט און טאַקט צו איבערוועלטיגען אזא סיטו־אַציע, וואָס האָט געשמעקט מיט גרויסער געפאַהר. מ. קאַטץ און דר. קאַפּלאַן האָבען דאָס איבערוועלטיגט.

נאָך דעם אוועקפאָהרען פון דאַנען פון דער „באַבושקאַ" איז דאָ פאַר־בליבען צייטוויייליג חבר דר. זשיטלאָווסקי אלס דער אָפיציעלער דעלעגאַט פון'ם צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי סאָצ. רעוו. ער האָט זיך דאָ

ספעציעל אָפּגעגעבען מיט דער באַלייכטונג פון דער טעאָרעטישער זייט פון דער פּראָגראַם און פילאָזאָפיע פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען רעוואָ־לוציאָנערען אין א רייהע פון לעקציעס און דעבאַטען, וואָס האָבען אין יע־נער צייט אויפגעשטורעמט ניט נאָר ניו יאָרק, נאָר די גאַנצע אידישע אַר־בייטער און סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון׳ם גאַנצען לאַנד.

אָבער דעם העכסטען שטאַפּעל האָט אונזער באַוועגונג דערגרייכט אין׳ם יאָהר 1907, ווען גריגאָרי גערשוני׳ן האָט זיך איינגעגעבען אַנטלויפען פון דער אַקאַטויער קאַטאָרזשנער טורמע און קומען קיין אַמעריקא. דאָס וועל איך אָבער לאָזען פאַר׳ן היסטאָריקער. איך וויל בלויז באַמערקען, אַז יענע עטליכע וואָכען האָבען זיך דאָ דורכגעטראָגען ווי אַ שרעקליכער שטורם פון באַגייסטערונג און באַוואונדערונג; די גאַנצע אידישע (און אַפילו ניט אידישע) באַוועגונג איז געוועזען אויפגעטרייסעלט אין יענער קורצער צייט. עס האָט זיך געדוכט, אַז אויסער גערשוני און דער פּאַרטיי סאָצ. רעוו. עקזיסטירט גאָר קיין אַנדער זאַך ניט. ריעזיגע פאַרזאַמלונגען אין ניו יאָרק און איבער׳ן גאַנצען לאַנד זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען. צעהנד־ליגע טויזענדע דאָלאַרס זיינען געזאַמעלט געוואָרען פאַר דער פּאַרטיי. דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט פון די ס. ר. אָרגאַניזאַציאָנען האָט אָנגעפיהרט גערשוני׳ס קאַמפּיין. די עטליכע פּערזאָנען פון׳ם קאָמיטעט, (ווי דר. קאַפּ־לאַן, קאָפּעלאָוו, דר. עלסבערג, דער פאַרשטאָרבענער ס. שטאַם, פּערלמאַן, לעווין, דר. מעריסאָן, שאַכמייסטער, ה. סלוצקי און מ. קאַטץ) וואָס האָבען אָנגעפיהרט דעם קאַמפּיין האָבען פאַר די עטליכע וואָכען זיך גענצליך אָפּגעזאָגט פון זייערע באַשעפטיגונגען, ווייל די אַרבייט האָט פון זיי פאַר־לאַנגט די גאַנצע צייט. אָבער חבר מ. קאַטץ איז אויך אין דיעזען פאַל געשטאַנען אין פראָנט פון אַלעמען, אַ דאַנק זיינע ספּעציעלע אייגענשאַפ־טען, וואָס גיבען נשמה און וואַרימקייט צו יעדער אַרבייט, צו וועלכער ער ריהרט זיך צו. עס וואָלט געווען ווערטה חבר קאַטץ זאָל אַמאָל פון דער געשיכטע וועגען באַשרייבען ווי אָנפיהרענדיג דעם גערשוני קעמפּיין אין שיקאַגאָ איז איהם געלונגען צו ווירקען אַז עס זאָל אויף דער בערזע פאַלען דער ווערטה פון די צאַרסקע אַקציעס און דער צאַרסקער רעגיערונג זאָל ניט געלינגען צו קריגען דאַן די געפּלאַנטע אַנלייהע פון אַמעריקאַנער פינאַנסיסטען. די גאַנצע פּרעסע איז בעאיינפלוסט געוואָרען.

פיעלעס קאָן נאָך דערצעהלט ווערען אַלס געשיכטליכער מאַטעריאַל, אָבער דער אַרטיקעל ווערט שוין צו לאַנג פאַר אַ יובילעאום אויסגאַבע. דערצו נאָך האָב איך ניט געהאַט די צייט און געלעגענהייט דורכצוקוקען אונזער אַרכיוו מיט די דאָקומענטען, וואָס וואָלטען געגעבען מעהר דאַטאַ

און מעהר איינצעלהייטען צו דיזען ארטיקעל, דארום וועל איך דאָס אלעס איבערלאָזען פאר'ן צוקינפטיגען היסטאָריקער פון דער רוסישער רעוואָלו־ציאָנערער באוועגונג, וועלכער וועט ניט קענען אויסלאָזען דעם קאפיטעל פון דער אמעריקאנער ארבייט פון די סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען, און וועל שליסען דעם ארטיקעל. איך וויל אָבער מאכען נאָך א פּאָר אָנמער־קונגען.

ווען אין 1908 איז געשטאָרבען גערשוני און די גאנצע אייראָפּעאישע סאָציאליסטישע באוועגונג אום אויסצודריקען פּראָטעסט געגען דער רו־סישער טיראניי און סימפּאטיע צו דער פּארטיי ס.אָצ. רעוו. פאר איהר גרויסען פארלוסט, האָט געשילט איהרע פארטרעטער צו זיין לויה אין פּאריז, האָבען מיר, די היגע ס.אָצ. רעוו. ניט געפונען קיין פּאסענדערען חבר, ווי מ. קאטץ, און מיר האָבען איהם דאן געשיקט אלס אונזער פּאר־טרעטער פון די אמעריקאנער אָרגאניזאציעס קיין פּאריז.

און אפילו יעצט, ווען ער איז געוואָרען א שטענדיגער איינוואוינער אין פילאדעלפיא, ניט האָבענדיג דאָרט קיין דירעקטע ס.אָצ.רעוו. ארבייט, איז ער א מיטגליעד פון דער ניו יאָרקער גרופּע ס.אָצ. רעוו. און ווען מיר דארפען איהם האָבען פאר וויכטיגע ארבייט, איז ער אלע מאָל צו אונזערע דיענסטע, ד. ה. צו די דיענסטע פון דער פּארטיי.

איך וויל אויסדריקען מיין טיעפען גלויבען און האָפנונג, ווי אויך אין נאָמען פון אונזער גרופּע ס.אָצ. רעוו., אז אָבוואָהל חבר קאטץ ווערט איצט 60 יאָהר, 60 יאָהר פון גייסטרייכער און פרוכטבארער ארבייט, וועט ער נאָך לאנג, לאנג זיין יונג און שטארק און וועט אונז נאָך קענען געבען א האנט, ווען די לאגע וועט זיך ענדערען, ווען די שרעקליכסטע רעאקציע אין רוסלאנד וועט פאלען און עס וועט זיך ווידער פּאָדערן זיין ערפאה־רונג, זיין ליעבע צו רוסלאנד און איהר באפרייאונג.

ניו יאָרק, 22טען יאנואר, 1925.

די נאציאָנאַלע ערוואכונג

ב. צוקערמאַן

מ. קאַטץ און די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע באַוועגונג

דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער געדאַנק איז אין אַמעריקאַ דורכגעגאַנגען אַן ענטוויקלונגס פּראָצעס אַ גאַנץ פאַרשיידענעם ווי אין אייראָפּאַ. כדי צו קאָנען אָפּשאַצען די ראָלע פון אַזאַ פּערזענליכקייט ווי חבר מ. קאַטץ אין דער נאַצ.־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, מוז מען פריהער אַרויסברייגנען אייניגע שטריכען פון דעם דאָזיגען ענטוויקלונגס פּראָצעס.

מעהר ווי אייניגע שטריכען גרייט איך זיך ניט דאָ אַרויסצוברייגנען. כאָטש עס וואָלט זיך שוין געמעגט געפינען אימיצער, וואָס זאָל מאַכען אַ גרינדליכען שטודיום פון יענער זעהר אינטערעסאַנטער צייט. איך גרייט זיך אויך ניט צו געבען אַ פולשטענדיגע אָפּשאַצונג פון דער ראָלע פון חבר קאַטץ אין דער דאָזיגער באַוועגונג. אויך דאָ וועל איך זיך באַנוגענען בלויז מיט אייניגע שטריכען.

דער וויכטיגסטער אונטערשייד אין די ענטוויקלונגס־פּראַצעסען פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישען געדאַנק אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ, באַשטעהט, ווי מיר דוכט, אין דעם, וואָס אין אייראָפּאַ האָט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער געדאַנק באַזירט, פּונקט ווי דער סאָציאַליזם באַזונדער און דער נאַציאָנאַליזם באַזונדער, אויף די רעאַלע, טאָג־טעגליכע נויטען פון די אידישע מאַסען, און אין אַמעריקאַ איז דער געדאַנק געוועזן מעהר אַן אַבסטראַקט־טעאָרעטישער, אָדער אַן אַבסטראַקטער געפיהל, אין בעסטען פאַל האָט ער דירעקט מיט'ן לעבען געהאַט צו טאָן נאָר אַזוי ווייט, ווי די אַמעריקאַנער מאַסען זיינען געוועזן פאַראינטערעסירט אין דער לאַגע אין א י ר אָ פּ אַ, אָבער ניט מיט זייער אייגענער לאַגע אין אַמעריקאַ. (ערשט שפּעטער האָט מען גענומען איינזעהן, אַז דאָס טאָג־טעגליכע לעבען, אפילו

פון די אמעריקאנער אידישע מאסען, האט אן ענגע שיכות צו די פּראבלעמען, וועלכע די נאציאנאל־סאציאליסטישע באוועגונג האט געזוכט צו לעזען.)

דערצו דאַרף מען נאָך פאָלגענדעס האָבען אין זינען: אין איירָאפּא האָבען ביידע געדאנקען־שטראָמען — דער סאָציאַליסטישער און דער נאַציאָנאלער — אנגעהויבען באווירקען די אידישע מאסען און אינטעליגענץ כמעט אין איין און דערזעלביגער צייט. וועהרענד אין אמעריקא האָט דער סאָציאַליזם זיך שוין געהאט טיעף איינגעבירגערט צווישען די אידישע מאַסען, ווען דער נאַציאָנאַלער געדאנק האָט זיך אָנגעהויבען ענטפלעקען. דער נאַציאָנאלער סאָציאַליזם האָט דעריבער געמוזט אסך שטארקער קעמפען פאר זיין עקזיסטענץ אין אמעריקא ווי אין אייראָפּא.

אפילו אין אייראפּא האָבען מיר געזעהן, אז יענער טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ, וועלכע איז, צוליעב פארשיעדענע, אָפט גאנץ זייטיגע אומשטענדען, פארבאפט געוואָרען פריהער פון איין־איינציגען שטראָם, פון׳ם סאָציאליסטישען אָדער פון׳ם נאַציאָנאלען, האָט תיכף פּראָקלאמירט, אָדער דעם סאָציאליזם, אָדער דעם נאציאָנאליזם פאר דעם איין־איינציגען גאָט און האָט סיי פאר זיך, סיי צו דער מאסע ארויסגעזונגען, ווי א כשר׳ער אידישער מאָנאָטעאיסט, „לא יהיה לך אלהים אחרים על פני״!

דאָרטען אין אייראָפּא, האָבען זיך אָבער אויך געפונען אידישע אינטעליגענטען, וועמען ביידע שטראָמען האָבען כמעט אין דערזעלביגער צייט פארבאפט. עס האָבען זיך געפונען יחידים מיט מעהר ראפינירטער אינטואיציע, מיט טיעפערען אריינבליק אין די כחות פון לעבען, מיט דער פעהיגקייט ארומצונעהמען פיעלע ערשיינונגען מיט אמאָל און דערגרונטעווען זיך צו זייער מקור פון וועלכען אלע אויבערפלעכליך פארשיעדענע ערשיינונגען ציהען זייער יניקה. די דאָזיגע אינטעליגענטען — דר. סירקין, דר. זשיטלאָווסקי און אנדערע — האָבען גלייך דערפיהלט, אז די ביידע שטראָמען זיינען זיך ניט סותר איינער דעם אנדערען. פארקעהרט — זיי דערגענצען זיך. זיי האָבען דערפיהלט, אז אן ענטפער אויף אלע נויטען פון די אידישע מאסען קאָן געבען ניט יעדער שטראָם אליין, נאָר דוקא זייער סינטעז — ביידע צוזאמען. ערשט ביידע צוזאמען באשאפען די מעגליכקייט אראָפּצוואַרפען פון דער מענשהייט׳ס פּלייצעס דעם עקאָנאָמישען הויקער — דעם פּריוואט אייגענטום — און פארזיכערען פאר דער אידישער נאַציאָנאליטעט גלייכע באדינגונגען מיט אלע אנדערע נאַציאָנען פאר דער גאראנטיע פון איהר קיום און פאר איהר ווייטערער פרייער ענטוויקלונג ווי א קולטור־שאפענדע קערפערשאפט עד סוף כל הדורות.

און ווייל סיי דער עקאָנאָמישער סיי דער נאַציאָנאַלער דרוק איז געווען א רעאַלער האָבען אויך די סינטעטיקער געקראָגען פאר זיך א מאסע, וועלכע האָט זייער געדאנק אָנגענומען. און די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך ענטוויקעלט כמעט אין דערזעלביגער צייט פאַראַלעל מיט די צוויי באַזונדערע באַוועגונגען — דער סאָציאַליסטישער און דער נאַציאָנאַלער, טראָץ דעם העפטיגען קריעג וואָס די מאָנאָטעאיסטען פון ביידע לאַגערען האָבען ערקלעהרט דעם נאַציאָנאַלען סאָציאַליזם.

אין אמעריקא, אָבער, וואו דער סאָציאַליסטישער געדאנק איז באַפעסטיגט געוואָרען אין דער אידישער ארבייטער מאסע מיט פיעל יאָהרען פריהער; וואו דער סאָציאַליסטישער געדאנק איז כמעט געווען א סינאָנים פאר קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָט אין דער אונטערשטער שורה געמיינט פשוט'ע אסימילאַציע; אין דער אידישער אמעריקא, וואו סאָציאַליזם איז געגאנגען האנד־אין־האנד מיט פארביסענער אנטי־אידישקייט, מיט אויסלאַכען אלץ וואָס קאָן באַצייכענט ווערען מיט'ן נאָמען אידישע קולטור; אין אמעריקא וואו קיין נאַציאָנאַלער דרוק, וועלכען די מאסען זאָלען פיהלען, האָט ניט עקזיסטירט — אין אמעריקא איז דער נאַציאָנאַלער סאָציאַליזם א לאַנגע צייט געווען דער קנין פון בלויז א קליינעם טייל פון דער איידעל־פיהלענדער, ראַפינירטער אינטעליגענץ.

עס איז ניט געווען קיין צופאַל וואָס גראד די אינטעליגענץ צווישען די אנארכיסטען און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבען באַנומען און זיך צוגעהערט צום נייעם געדאנק. ערשטענס האָט דער אנארכיסט און סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער ווייניגער מורא געהאַט פאר דעם איינפלוס פון זיין געפיהל איבער זיינע האנדלונגען. די דאָגמא האָט אין איהם ניט אזוי אטראָפירט די מעגליכקייט פריי צו דענקען און פיהלען. צווייטענס איז דער עצם מהות פון'ם רעכט פון פרייער ענטוויקלונג פון יעדער אינדיווידואַליטעט, פון א יחיד אָדער א קאָלעקטיוו, נעהענטער צום אנארכיסטישען געדאנקען־גאנג ווי צום סאָציאַל־דעמאָקראַטיש־מאַרקסיסטישען.

זעהען מיר טאקע ווי דאָ אין אמעריקא טרעט דער אנארכיסט דר. זאָלאָטאראָוו ארויס דער ערשטער אין דער עפענטליכקייט מיט זיין אויפזאַץ „ערנסטע געדאנקען" און דער אנארכיסט מ. קאַטץ איז איינער פון די ערשטע זיך צו באַקענען אלס נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט.

צום ערשטען מאָל איז מיר אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט דער פערזענליכקייט פון חבר קאַטץ אויף א לעקציע וואָס ער האָט געלייענט גראד פאר אנארכיסטען אין פילאַדעלפיא. דאָס איז געווען אין יאָהר 1906. די

טעמע געדענק איך ניט. ניט די טעמע איז דער עיקר פאר דער איצטיגער באטראכטונג. חבר קאטץ האט זיך גאנץ לאנג און אויספיהרליך אפגע־שטעלט אויף אן ענין, וואס האט מיר געגעבען די מעגליכקייט אריינצוביליקען אין זיין א נערען מהות. ער האט גערעדט וועגען דעם, וואס אונז פעהלט אמת'ע שבת'דיגקייט, אמת'ע יום־טוב'דיגקייט אין אונזער לעבען. די אלטע שבתים און יום־טובים, וועלכע האבען אונז אזוי פיעל שעהנקייט און פאעזיע געגעבען, וועלכע האבען אונזערע נשמות אנגעטרונקען, האבען מיר פארוואר־פען. קיין נייע האבען מיר ניט באשאפען. זיינען מיר געווארען שטענדיג וואכעדיג. אהן התרוממות, אהן דערהויבונג. האט עס אונז אויסגעטריקענט. האט זיך דערפון גענומען די קולטורלאזיגקייט צווישען אונזערע מאסען.

אין אונזערע לרייזען קלינגט עס שוין היינט ניט זעהר מאדערן. כאטש ווער עס קען גוט די א דישע מאסען און זייער לעבען וואלט געמעגט אויך איצטער נאך פריידיגען אריינצובריינגען מעהר שבת'דיגקייט אין אונזער לעבען. אסור אויב עס וואלט געשאדט. דערמאנט מען זיך אבער, אז דאס איז פון חבר קאטץ געפריידיגט געווארען מיט 19 יאהר צוריק, ווערט בולט די פיהלענדע און זעלבסטשטענדיגע נשמה וואס חבר קאטץ פארמאגט. ווערט קלאהר פאר וואס ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואס האבען דעם נאציאנאלען סאציאליזם אנגענומען. ווייל נאר יענע, וועלכע האבען געפיהלט ווי אויסגעטריקענט מיר ווערען אין אמעריקא האבען באגריפען, אז אויך אין אמעריקא האבען מיר א טיעפע נאציאנאלע פראגע. אויב זי דרילט זיך ניט אוים אין פאליטישע און עקאנאמישע אויסנאם־געזעצען; אויב מען קען ניט אנווייזען אויף דער רעגיערונג אלס די שולדיגע אין אונזער נאציא־נאלער לאגע, ווערט דערמיט די פראגע נאך שארפער. זי ווערט אבער אויך ריכטיגער אוועקגעשטעלט. מען קען שוין ניט איינריידען זיך און אנדערע. אז די אדער יענע פאליטישע רעגיערונגס־פארמע איז שולדיג אין אונזער נאציאנאלער און קולטורעלער ארעמקייט. מען מוז קומען צום עיקר פון אלע עיקרים בנוגע צו אונזער נאציאנאלער אנאמאליע: מען מוז געפינען דעם מקור דערפון אין דעם פאקט וואס מיר זיינען אומעטום א מינאריטעט צווישען אן אומגעהייערער מאיאריטעט, וועלכע לעבט אן א נ ד ע ר לע־בען, שאפט אן א נ ד ע ר קולטור, און זוכט אונז אין זיך צו אסימילי־רען. מען מוז איינזעהן וואס אסימילאציע איז. מען מוז צוזאמען מיט פרץ'ן דערפיהלען, אז אסימילאציע מיינט אויפעסען, פארצעהרען. מען מוז נאך ווייטער דערפיהלען, אז דאס קולטור־לעבען פון א פאלק איז גאר ניט אזוי גרינג אויפצועסען און צו פארצעהרען. מען קאן זעהר גרינג אונטערשערען די פאות און אפשניידען די קאפאטע, אנטאן א מאנישקע און אויסזעהן ווי

א „ציוויליזירטער" מענש. ווייל "ציוויליזאציע" איז בלויז די אויבערשטע פּאָליטור. קאָן מען איבערפּאָליטורען פארשיעדענע פאָרמען. אָבער קולטור איז דאָס אינערע פון דעם מענשען, זיין בלוט, זיין נשמה. דאָס לאָזט זיך ניט אויפעסען, פארצעהרען, פּאָלירען. מען קען עס פארקריפּלען. מען קען עס אָבער ניט איבערטאָן ווי א בגד, א לאנגען ראָק אראָפּ, א קורצען ארויף.

דער מענש וואָס קומט צו דעם געדאנק קאָן שוין ניט בלייבען אין האלב וועג. יענער ווייס, אז אלע פאָרמען פון לאָמיר פאר דער נאציאָנאלער דער־האלטונג אין גלות זיינען טאקע נויטיג. אָבער זיי זיינען ניט מעהר ווי פּאַליאטיווען. ראדיקאל פארזיכערען די פרייע קולטורעלע ענטוויקלונג פון א נאציע קען מען נאָר דאן, ווען די נאציע פארמאָגט ערגעץ וואו א שטיקעל באָדען, וואו ז י בילדעט די מאיאָריטעט, וואו א י ה ר קולטור לעבען באהערשט דאָס לאנד. חבר קאטץ דערפיהלט עס, און פריהער ווי אסך אנ־דערע קומט ער צום טעריטאָריאַליזם.

ער ווערט רעדאלטאָר פון „דאָס פאָלק", א וואָכענבלאט פון די סאָציא־ליסטען טעריטאָריאליסטען. ער טרעט אויף אין וואָרט און שריפט פאר דער ראדיקאלער לעזונג פון דער אידען־פראגע. דערביי איז ער פריי פון אלע צופּלאָנטערטע טעאָריעס, וואָס האָבען זיך אָנגעטשעפּעט אָן דעם נא־ציאָנאלען סאָציאליזם אין אייראָפּא אין קאמף מיט דעם „בונד". ער רעדט מיט פולע באק־ציינער פּראָסט און פשוט וועגען דעם, אז א סאָציאליסט מוז קעמפפען פאר דעם קיום פון זיין נאציע. ווייל ער פארשטעהט, אז קולטור שאפונג מוז אויך אויף מאָרגען נאָך דער פולשטענדיג דורכגעפיהרטער סאָ־ציאלער רעוואָלוציע פאָרטגעזעצט ווערען. דען די מענשהייט פארענדיגט ניט איהר עקזיסטענץ מיט דער סאציאלער רעוואלוציע. און יעדער נאציע וואָס פיהלט נאָך אין זיך כחות צו שאפען קולטור, באגעהט א פארברעכען נעגען זיך און נעגען דער וועלט, אויב זי קעמפט ניט פאר איהר קיום און זאָרגט ניט דערפאר, אז אויך פאר איהר זאָלען באשאפען ווערען אזלעכע בא־דינגונגען, וואָס זאָלען איהר געבען די מעגליכקייט פריי און אָהן אויסערע שטערונגען ענטוויקלען איהרע כחות.

און חבר קאטץ הערט זיך דאן טיעפער איין אין די שאפונגס כחות פון זיין אייגען פאָלק. ער מאכט דורך צוזאמען מיט פיעלע אנדערע אידיש־סאָציאליסטישע אינטעליגענטען דעם ענטוויקלונגס־פּראָצעס פון טערי־טאָריאליזם צוריק צום ציוניזם. אויך אין דעם פאל איז קאטץ איינער פון די ערשטע. אויך אין דעם פאל ווייזט ער ארויס מוט און זעלבסטשטענ־דיגקייט. האָט ער דערפיהלט, אז ארץ ישראל איז ד אָ ס לאנד, וואו דאָס אידישע פאָלק קאָן פאר זיך גאראנטירען יענע באדינגונגען פאר פרייען

לעבען און פרייען שאפען, ווארט ער ניט אויף באלפור־דעקלאראציעס, עס שרעקען איהם ניט קיינע פּאָרוואורפען פון אייגענע חברים און ער מאכט דעם שריט:

חבר קאטץ ווערט א פועל־ציון.

און אז חבר קאטץ ווערט א פּארטיי חבר געהערט ער ניט צו יענע אינ־טעליגענטען, וואָס גיבען זייער נאָמען, שרייבען אמאָל אן ארטיקעל און דערמיט באנוגענען זיי זיך. חבר קאטץ ווערט אקטיוו. ניט געווען קיין איין געזעלשאפטליכער ארויסטריט פון דער פּארטיי, וואו חבר קאטץ זאָל ניט פיגורירען אין די ערשטע שורות. און די פּארטיי האָט געהאט אזעלכע ארויסטרעטונגען זעהר פיעל. הויפּטזעכליך אין דער קאָנגרעס באוועגונג און אין די ספּעציעלע קאָנגרעסען פון די אידישע ארבייטער.

און ניט נאָר אין די עפענטליכע געזעלשאפטליכע ארויסטרעטונגען. חבר קאטץ ווערט פאראינטערעסירט אין דער אינערליכער פּארטיי פיהרונג. אלע קלענערע און גרעסערע אָרגאניזאציאָנס פראגען געפינען אין זיין הארץ און מח אן אָפּקלאנג. און וואו נאָר ער קאָן העלפען טוט ער. מיר דאכט אז אין דעם פאל ווייזט זיך נאָך בולט'ער ארוים דער מהות מענש — משה קאטץ — ווי אין אלע אנדערע האנדלונגען. ניטאָ פאר איהם קיין ארבייטען, וואָס זיינען ניט נאָך זיין חשיבות, אויב נאָר די באוועגונג קאָן דערפון נו־צען האָבען.

עס האָבען זיך אָנגעהויבען די גרויסע שפּליטערונגען אין דער סאָציא־ליסטישער וועלט. עס זיינען פארכאפּט געוואָרען פון גאנגבארע גאסען־פראַ־זען אזעלכע פועלי ציון, וועלכע זיינען געווען צווישען די ערשטע גרינדער פון דער באוועגונג. דער געשריי „רעאַקציאָנער" האָט זיך אויפגעהויבען אנטקעגען יעדען איינעם, וואָס האָט געהאלטען הארץ און קאָפּ פעסט און ניט געוואָלט אייביגע אמת'ען פארלייקענען צוליעב צופעליגע און איבער־געהענדע רעוואָלוציאָנערע פראזען. חבר קאטץ איז געבליבען פעסט ביי די אייביגע אמת'ען. ווען זיין א „רעכטער" איז געווען ניט קיין גרויסער כבוד; ווען אפילו ביי אונז אין אמעריקא האָט עס געהאלטען, אז די פועלי־ציון זאָלען פארשלונגען ווערען מיט'ן שטראָם פון דער פראזע און אריינוואַרפען די באוועגונג אין די אָרעמס פון דריטען אינטערנאציאָנאל, איז חבר קאטץ געווען איינער פון די, וועלכע זיינען אויך אין דעם פאל געבליבען פעלזען־פעסט. דורכדעם איז געראטעוועט געוואָרען די אלוועלטליכע פועלי־ציון באַ־וועגונג. זאָנסט וואָלט זי שוין לאנג געהאט אריינגעשאומען אין די פאר־שיעדענע שטראָמען און שטראָמעלעך, אויף וועלכע איהרע לינקע עלעמענטען האָבען זיך פונאנדערגעטיילט, און וואָלט געטיילט זייער שיקזאל.

אין ארץ ישראל וואקסט א וואונדערבארע אידישע סאָציאַליסטישע שאַ־פונג. די אידישע ארבייטערשאַפט באהעפט זיך צוריק צו איהר נאטירליכען באָדען און איז שוין איצט דער סימבאָל פון אמת'ען סאָציאַליסטישען צו־זאמענלעבען ניט נאָר פאר א י ד י ש ע סאָציאַליסטען, נאָר אויך פאר אלע יענע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען אויערען און אויגען פאר דער שפּראך און שריפט פון דער מענשליכער געשיכטע. אסך חברים־אינטעליגענטען פון חבר קאַטץ'ס גרופּע שטעהען פון ווייטען. זיי געפעלט ניט וואָס די נייע גרויסע שאפונג ווערט געשפּייזט פון אזעלכע פאָנדען ווי דער קרן היסוד. זיי געפעלט ניט וואָס די ארץ־ישראל'דיגע אידישע ארבייטערשאַפט באטיי־ליגט זיך אין ציוניסטישען קאָנגרעס. זיי געפעלט ניט — בעיקר — די העברעאישע שפּראך פון דער אידישער ארבייטערשאפט אין ארץ ישראל. חבר קאַטץ ווייזט אויך דאָ ארויס אויסגעהאלטענקייט און זעלבסטשטענ־דיגקייט. איך ווייס ניט חבר קאַטץ'ס שטעלונג צו דער שפּראכען־פּראגע. אָבער איך ווייס אז חבר קאַטץ קוקט צו מיט טיעפסטער הארצענס־פרייד די וואונדערבארע ארבייט פון אונזערע חברים־ארבייטער אין ארץ־ישראל. ווי יעדער אויפריכטיגער נאציאָנאל־סאָציאליסט זעהט ער אין זיי אונזער גרעסטע דערגרייכונג, אונזער שכר פאר איבער צוואנציג יאהר שווערער באהנ־ארויף ארבייט.

ווייל חבר קאַטץ פּלפּול'ט ניט. ווייל חבר קאַטץ פּאַרמאָגט א מח וואָס פארשטעהט קלאָהר זאכען און א הארץ וואָס עמפּינדעט אמת'ען. ווייל חבר קאַטץ פאַרמאָגט א נשמה א מוטיגע, א נשמה וואָס איז פאראנטוואָרטליך צו זיך אליין און זיך אליין קאָן מען ניט פאר'פּלפּול'ען, זיך אליין קאָן מען ניט פארנארען.

קיין וואונדער דעריבער ניט, וואָס חבר קאַטץ האָט קיינמאָל ניט געהערט צו יענע נאציאָנאל־סאציאליסטען, וועלכע וואָלטען געוואָלט צווינגען די אידי־שע ארבייטער אין ארץ־ישראל דוקא לעבען ווי זיי, אין גלות, דוכט זיך אויס אָם־בעסטען. קיין וואונדער וואָס מען האָט דעם חבר קאַטץ קיינמאָל ניט גע־טראָפען צווישען יענע, וועלכע האָבען געוואָלט אין אונזער אייגענער ארביי־טער וועלט טאָן דאָסזעלבע וואָס אייניגע העצער צווישען די אָרטאָדאָקסען טוען אין קרן היסוד: אויב דער חלוץ אדער דער אידישער ארבייטער איז ניט רעליגיעז; אויב ער וויל ניט זיין אידישיסטיש פרום; אויב אייניגע שמאָל־קעפּ דענקען אז ער איז ניט גענוג סאציאליסטיש פרום — דאן זאָל מען פון איהם אפּשניידען די הילף וואָס די פארשיעדענע פינאנץ אנשטאלטען דארפען איהם געבען ער זאָל זיך קאָנען וואָס שנעלער איינאָרדנען און איינלעבען אין

לאנד. איך זעה אין דעם ווידער אמאל דעם קלאָרען פאַרשטאַנד און עמפּינד־ליכע הארץ פון חבר קאטץ.

חבר קאטץ'ס ראלע איז נאך ווייט ניט קיין פאַרענדיגטע, ער איז נאָך יונג און פריש פיזיש און גייסטיג.

ווינש איך דעם טייערען חבר קאטץ ער זאָל נאָך לאנג לעבען, און ווייטער אקטיוו זיין און נאָך לאַנגען אָפּגעבען יאָהרען פון אקטיוויטעט, פון שאפונג, אין ארץ־ישראל צוזאמען מיט אלע אונזערע דארטיגע חברים ארבייטער.

דעאָן עלבע

דער טעריטאָריאַליסטישער פאַרזוך

(עטליכע ווערטער וועגען מ. קאַטץ'ס טעטיגקייט
אין דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג)

דאָס האָט געזאָלט זיין א קאַפּיטעל מיט'ן נאָמען „מ. קאַטץ אין דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג" און איך בין איינגעלאַדען געוואָרען צו שרייבען דעם דאָזיגען קאַפּיטעל. צוליעב געוויסע סבות אָבער האָט מיך די איינלאַדונג דערגרייכט צו שפּעט. דערצו ערלויבט מיר מיין איצטיגער געזונד־צושטאַנד ניט צו טאָן די ארבייט ווי געהעריג. דער קאַפּיטעל איז א צו וויכטיגער אי אין דעם לעבען פון'ם יובילאַר, אי אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג אין אמעריקא, אז מען זאָל איהם קאָנען אָפּכאַפּען.

אָבער גאָרנישט שרייבען וואָלט זיין א גרויסע עבירה. וועל איך זיך איצט מוזען באַנוגענען מיט עטליכע ווערטער.

מיינע געדאַנקען טראָגען מיך אריבער אין יענער צייט, אין יענער גליק־ליכער, טייערער צייט, ווען איך בין מיט חבר מ. קאַטץ געווען פאַרבונדען — נאָהענט פאַרבונדען אין דער ארבייט פאַר'ן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישען אידעאַל און אין דער רעדאַקציע פון "דאָס פאָלק", וואָס איז געווען דער ערשטער אָרגאַן פון דער סאָצ.־טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג אין אמע־ריקא און אויך דער ערשטער באַדייטענדער אָרגאַן פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישען געדאַנק דאָ אין לאַנד.

„דאָס פאָלק" האָט געלאָזט צוערשט הערען זיין שטימע אין 1905, אין פילאַדעלפיא, טאַקע אין דער זעלבער שטאָדט, וואו דער געעהרטער יובילאַר לעבט איצטער און ווירקט אויפ'ן אַלגעמיינעם זשורנאַליסטישען פעלד, אַלס רעדאַקטאָר פון די „אידישע וועלט", און אַלס געזעלשאַפטליכער טוער.

דריי רעדאַקטאָרען האָט „דאָס פאָלק" געהאַט : דר. חיים זשיטלאָווסקי,

מ. קאטץ און — זיי צו לאנגע יאָהר — דר. ה. זאלאטאראוו. אָבער דער פאקטישער און ווירקליכער רעדאלטאָר איז געווען מ. קאטץ.

איך האָב געהאט דאָס גליק נאָהענט צו שטעהן צו איהם אין דער רע־דאקציאָנעלער ארבייט,ביידע קריגענדיג א גאנץ קליינעם געהאלט און טאקע גאנץ אָפט אויך דאָס ניט, ווי עס פאסירט אין צייט־שריפטען, וועל־כע גיבען זיך אָפּ מעהר מיט אידעאלען ווי מיט ביזנעס און צירקולאציע. און ווי גליקליך מען האָט זיך געפיהלט אין יענער צייט!

ניט קיין יאָהרען האָט דאָס וועכענטליכע „פאָלק" עקזיסטירט. מאָ־נאטען נאָר. אָבער דאָס זיינען געווען די האָניג־מאָנאטען פון דער נאציאָ־נאל־סאָציאליסטישער באוועגונג דאָ אין אמעריקא, און די דאָזיגע מאָ־נאטען האָבען געהאט א ווירקונג אויף די שפעטערדיגע יאָהרען, אויף דער ענטוויקלונג און פארשפרייטונג פון דעם נאציאָנאל־סאָציאליסטישען גע־דאנק.

מיט שריפט און וואָרט האָט מ. קאטץ געארבייט, געארבייט אונער־מידליך אין דער יונגער סאָציאליסטיש־טעריטאָריאליסטישער באוועגונג. מיר זיינען אלע געווען יונגער אין יאָהרען פון חבר קאטץ — אין יאָהרען, אָבער ניט אין גייסט. אָט ביי דעם יונגען גייסט איז ער נאָך איצט אויך געבליבען, און איך האָף און איך ווינש, אז ער וועט נאָך בלייבען אויף לאנגע, לאנגע יאָהרען.

בערנארד ג. ריטשארדס

מ. קאטץ און דער אידישער קאָנגרעס

די ערשטע געלעגענהייט וואָס איך האָב געהאַט זיך צו באַקענען מיט דער ארבייט פון מ. קאַטץ איז געווען כמעט מיט א פערטעל יאָהרהונדערט צוריק. אלס צופעליגער מיטארבייטער אין אידישע צייטונגען און אלס נאָכפאָלגער פון די אינטעלעקטועלע פיהרער פון דעם ניו יאָרקער אידישען קווארטאל, פלעג איך פון צייט צו צייט „עולה רגל זיין" פון מיין היים אין באָסטאָן נאָך דער גרויס־שטאָדט, כדי צו צוטיילען כבוד און קומען אין פערזענליכער באריהרונג מיט די קולטורעלע פיהרער, וועמען איך האָב פארגעטערט פון דער ווייטען.

עס האָט ניט גענומען לאנג און דער אידעאליזירענדער יונגער מאן האָט זיך באגעגנעט מיט פיעלע ענטוישונגען ; די שרייבער זיינען ניט שטענ־דיג געווען אזוי טריי און אזוי ערהאבען ווי זייערע ווערטער ; א טייל פון די אָפּגעטער האָבען באלד באוויזען, אז זיי קאָנען זיך קוים האלטען אויף זייערע ליימענע פיס, און זיי זיינען צופאלען. אָבער מ. קאַטץ איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבען אויסגעהאלטען די שארפסטע פּראָבעס פון צייט און ערפאהרונג, פון פערזענליכער באריהרונג אונטער פארשיעדענע אומשטענדען. ער איז אימער געווען דער פערפעקטער דזשענטעלמאן, דער איבערגעבענער פריינד, דער פריינדליכער וועג־ווייזער, דער אמת'ער לער־נער, דער אונערמידליכער זוכער פון אמת, דער אונאויפהערליכער שטרע־בער נאָך אידעאלע געזעלשאפטליכע באדינגונגען, נאָך עכטער מענשליכער ברידערשאפט, דער פארטייטשער וואָס האָט באלויכטען די פינסטערע ווע־גען פון לעבען.

מיט דער צייט האָב איך זיך באקאָנט מיט איהם אליין בעסער און בע־סער, הגם מיר פלעגען אין יענע טעג בלויז זעלטען זיך צוזאמענקומען. איך

האָב זיך באקענט מיט קאטץ דעם זשורנאליסט, דעם קרעפטיגען עדי־טאָריעל־שרייבער, דעם שארפזיניגען קאָמענטירער פון טעגליכע ערשיינונ־גען, דעם פעליטאָניסט מיט וואונדערליכען איינבליק, מיט שארפער און דאָך פריינדליכער סאטירע. איך האָב זיך באקענט מיט דעם פילאָזאָפישען הו־מאָריסט „בן אמוץ“, מיט זיין פיינעם געמיש פון פאטהאָס און געלעכטער, זיינע צוגעפּאסטע העברעאישע רמזים פון אלערליי קוועלען, וואָס ער האָט באנוצט צו אילוסטרירען די טראגי־קאָמעדיע פון דעם מאָדערנעם לעבען.

איך האָב זיך באקענט מיט קאטץ דעם שרייבער פון שעהנע ראָמאנען, דעם שאפער פון צויבערענדע שוישפּיעלען, דעם באגאבטען ליטעראַרישען ארבייטער אויף פיעלע געביעטען, דעם אדאָפּטירער און איבערזעצער פון דראמאס, פארפאסער פון סקיצען און עסעיס, אויסזוכענדיג דאָס בעסטע אין דער ליטעראַטור, כדי צו שאפען גייסטיגע שפּייז פאר די אידישע מאַ־סען. איך האָב זיך באקענט מיט קאטץ דעם קריטיקער פון ליטעראַטור און טעאַטער, שטענדיג גוט דורכגעטראכט, שטענדיג גערעכט, קיינמאָל ניט שרעקעדיג און קיינמאָל ניט צו שטרענג ווען ס׳איז ניט נייטיג געווען. איך האָב זיך באקענט מיט קאטץ דעם לעקטשורער, אימער אינטערעסאנט, אימער אינהאלט־רייך, אימער ערנסט און דורכגעטראכט, אימער פון דאָס ניי אָפּשאצענדיג די ווערטהען און איבערגעבענדיג זיינע צוהערער וויסען און אינספּיראַציע.

איך האָב זיך באקענט — אָבער וויפיעל מ. קאטץ׳עס זיינען פאראַן? מען דערמאָנט זיך דערביי אָן זאנגוויל׳ס פּאָפּולעהאַפטע שילדערונג פון ניט איינעם, נאָר פיעלע דזשאָזעף דזשייקאָבס׳עס, וועלכע האָבען על פּי השערה געהאַט זייער עקזיסטענץ אין פארשיעדענע צייטען און אין געגענגעזעצטע געביעטען פון טעטיגקייט. עס איז אָבער פאראַן בלויז איין מ. קאטץ. די פיעלפאכקייט פון פארשיעדענע טאלאנטען קומט ארויס פון איין באגאב־טער און רייצענדער פערזענליכקייט, — פון איין מאַן מיט גלויבען און וויזיאָן, וועלכער פאָלגט נאָך זיין ציעל, ניט קוקענדיג אויף קיינע הינדער־נישען און קיינע פאָלגען.

יאָהרען זיינען פארביי, און מיר זיינען ווידער ענגער צוזאמענגעקומען. דאָס איז געווען נאָך דער אויפלעבונג פון דעם אידישען נאַציאָנאַליזם און אידישע נאַציאָנאַלע אידעאַלען אין דער ראַדיקאַלער און ארבייטער־באוועגונג, ווען מיר האָבען געזאמעלט אונזערע כחות פאר דער פאַרטיידי־גונג פון אונזער פאָלק געגען פארפאָלגונגען און פאר דער באשיצונג פון אידישע רעכטע. מיט א קלאָהרען בליק, מיט אַן אָפענעם מוח, מיט דער אונגעוועהנליכער פעהיגקייט אויסצודריקען זיינע געדאנקען און געווינען

יענעם אויף זיין זייט, איז קאַטץ געווען אין די פאָדערשטע רייהען אין דעם קאמף פאר דער פּאָליטישער באפרייאונג און נאציאָנאַלער ערלייזונג פון דעם אידישען פאָלק. דער רוף פון ציון האָט באַלד געפונען אין איהם א בארעדזאמען קעמפער. דער קאמף פאר אידישע רעכטע אין אויסלאנד, ווי ער איז פארקערפערט געוואָרען דאָ אין דער באוועגונג פאר דעם אמע־ריקאנער אידישען קאָנגרעס, האָט געפונען איינעם פון די טיכטיגסטע פארטיידיגער אין דעם זעלבען טאלענטירטען שרייבער און רעדנער. דאן איז געקומען די מלחמה, פארטיעפענדיג די אידישע טראגעדיע, אָבער עפענענדיג אן אויסזיכט פאר דער צוקונפט, און מיט איהר איז געקומען די מערקווירדיגע ערוואכונג צווישען דעם אידישען פאָלק; אָבער דער באָדען פאר דער דאָזיגער וויכטיגער ערשיינונג וואָלט ניט געקאָנט צוגע־גרייט ווערען אָהן דער אויסגעצייכענטער אויפקלעהרונגס־ארבייט פון מע־נער ווי קאטץ.

אין פארלויף פון די יאָהרען וואָס ער איז געווען רעדאקטאָר פון די „אידישע וועלט", די איינפלוסרייכע צייטונג פון די פילאדעלפיער אידען, זיינען פאָרגעקומען די באדייטענדסטע ענדערונגען און ענטוויקלונגען אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע; און באהאנדלענדיג די אלע נייע פּראָ־גען וואָס זיינען ארויסגעשוואומען, האָט ער שטענדיג געהאט אין זינען צו שטארקען די אידישע פאראנטוואָרטליכקייט און די אידישע איבערגעבענ־הייט. אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך פיעל בייגעטראָגען צו פארפעס־טיגען, פאראייניגען און דערוועקען די באוואוסטזיניגקייט פון דער אָר־טיגער געמיינדע.

פון סאמע אָנפאנג אָן האָט די באוועגונג פאר דעם אמעריקאנער אי־דישען קאָנגרעס געפונען א מאגנעטישע און איבערצייגענדע פיהרערשאפט אין דער פערזאָן פון מ. קאטץ. מיט זיין קראפט פון א רודף שלום און א קעמפער צוגלייך האָט ער אויסגעאיבט אן אונגעוועהנליכען איינפלוס, צו־זאמענברייגנענדיג די שטרייטענדע כחות, ביז אלע גרופען זיינען ענדליך, צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון אמעריקאנער אידענטום, געווען פאראייניגט אויף א געמיינשאפטליכער פלאטפאָרמע. פון דער ערשטער פאָרקאָנפערענץ אין 1916, אויף דעם היסטאָרישען קאָנגרעס פון 1918 און אלע שפעטערדיגע צוזאמענפאָהרען, איז קאטץ געווען א דאָמינירענדע פי־גור ביי אלע פארזאמלונגען, און די פאָלגענדע קאָנפערענצען און עקזעקוטיוו־מיטינגען האָבען געפונען אין איהם א קלוגען ראט־געבער, אן ערנסטען און שטענדיג גוט־אינפאָרמירטען פאָרשער פון צושטענדען, א פריינד און שטיצער פון אונשעצבארען ווערטה. ס'איז אמת, אז די אידעע פון דע־

מאָקראַט־ע, ווי זי ווערט אָנגעווענדעט אויף דעם אידישען לעבען, האָט נאָך דערווייל דורכצומאַכען א ביטערען קאַמף; אמת, אז די אָרגאַניזירטע באַוועגונג, וועלכע רעפּרעזענטירט די דאָזיגע אידעע, איז נאָך דערווייל אין פּראָצעס פון ענטוויקלונג. אָבער ווען מען געפינט אין פארשיעדענע טיילען פון לאַנד אַזעלכע מענער ווי מ. קאַטץ צווישען די אָנהענגער פון דעם דאָזיגען פּרינציפּ, פיהלט מען זיכער, אז דאָס איז א אידעאַל וואָס איז ווערטה מען זאָל קעמפען פאר איהם און וואָס איז אימשטאַנד סוף־כל־סוף צו טריאומפירען.

איך באַגריס מיין פריינד און לעהרער, און ווינש איהם נאָך פיעל יאָהרען פון פרעהליכער ארבייט פאר׳ן אידישען פאָלק.

א. ל. וואָלפּסאָן

דער נביא

„אים אנפאנג וואר דאס וואָרט".

ער האָט א פּאקעל
פון געדאנק
אין יענע נעכט געצונדען;
און מוטהיג, הויך,
דאָס פרייע ווארט געזאָגט.
און דאָרט, וואו גרוי און טונקעל איז געוועזען,
האָט נאָך זיין וואָרט
א מאָרגען אויפגעטאָגט.

ער האָט גערעדט,
און לויט זיין וואָרט געהאנדעלט;
דער קלאנג פון גאָלד
האָט קיינמאָל איהם געבלענדט.
מלאכים־ריין געוועזען איז
זיין פּראָזע,
און אונבאפלעקט —
זיין זעעל און זיינע הענט.

עס האָט זיין וואָרט
א שעהנע וועלט געצויבערט,
א צוקונפטס־טרוים
האָט יעדעס וואָרט געוועבט;
און יעדען טרוים
האָט ער מיט וואָרט־קריסטאלען,
מיט צערטליכקייט
און גלויבענס פרייד באלעבט.

ביי איהם אין אויג
האָט אָפט א טרעהר געפינקעלט,
קוים האָט זיין אויג
א פייכטע אויג געזעהן;
ער האָט געפיהלט
דעם טיעפען צער פון צווייטען,
ווי זיינער וואָלט
דער טיעפער צער געווען.

און איצט, אין אבענד פון זיין לעבען,
קלאפען הערצער
טויזענדע פאר איהם.
דאָס זיינען עכאָס
פון די טרוים־פארליעבטע,
וואָס עס האָט אמאָל
פאַרמירט
דעם נביא׳ס שטים.

פערזענליכע אָפּשאַצונגען

א הארציג וואָרט פון דער „באבושקא“

טייערער חבר מ. קאטץ !

אלטע געטרייע פריינדשאפט און אייביגע פארעהרונג — דאָס זיינען די בעסטע ברכות אויף אונזער ערד.

און איך בין אזוי גליקליך, וואָס איך בין אימשטאנד מיט א ריינעם געוויסען ארויסזאָגען אייך אין טאָג פון אייער יובילעאום, אז צוזאמען מיט מיין גראטולאציאָן קאָן איך זיך ווענדען צו אייך מיט די פאָלגענדע ווערטער : טייערער קאטץ ! ווי אין די פארגאנגענע טעג האָבען מיר מיט ליכטיגע בליקען געקוקט איינער דעם אנדערען אין די אויגען און אויפריכטיג איינס דעם אנדערען אנפערטרויט אונזערע געדאנקען — אזוי אויך איצט וואָלטען מיר זיך אזוי איינפאך און אזוי פארטרויליך אומגעארעמט ווען מיר וואָלטען זיך געטראָפען. דיין ליעבעפולע און ערגעבענסט-פרייגעבינע געשטאלט פארלייכטערען די הארטקייט פון לעבען און פארשטארקערען דעם גלויבען אין מענשען.

דערום זאָג איך פון גאנצען הארצען : לעב, לעב ווי מעגליך לענגער, פארהאלטענדיג די לויטערקייט-קלאָהרקייט פון פארשטאנד און יענעם גייסטיגען ליכט, וועלכע בינדען אזוי שטייף צו דיר די הערצער פון די עהרליכע, אמת-ליעבענדע מענשען.

דיך און אלע דיינע נאָהענטע אומארעם איך מעכטיג און בענש מיט מיין אלטער, נאָר נאָך ניט ציטערענדער האנד.

קאטערינא ברעשקאָווסקאיא

די חברים, וועלכע עהרען קאטץ'ן אין טאָג פון זיין יובילעאום — שיק איך מיין גרוס און ווינש זיי א גליקליך יאָהר און א מעגליכקייט גיך זיך צוריקקעהרען צו זייער היימלאנד. אָט דער ליידענשאפטליכער באגעהר לאָזט מיך ניט אָפּ ניט בייטאג און ניט ביינאכט. אלע געדאנקען און געפיהלען זיינען געווענדעט אהין — קיין רוסלאנד.

פראג, 24טען יאנואר, 1925.

א בריעף פון אן אלטען פריינד

ליעבער פריינד פרומקין : —

ווי איך וואלט וועלען ערפילען אייער וואונש און שרייבען אן ארטיקעל פאר אייער „זאמעלבוך" !

ניט פיעל זיינען פארבליבען מענשען פון דער אלטער רעוואלוציאנערער גווארדיע, וועלכע זיינען מיר נעהענטער און טייערער ווי מיין גוטער און מיין ליעבער פריינד קאטץ, ווענעמס זעכציגסטען געבורטסטאג איהר פייערט איצט.

אבער ליידער, ליידער... שמערצליך ליידער...

וואס איך האב צו זאגען וועגען קאטץ, וואס איך וואלט וועלען זאגען, וואס איך וואלט געמוזט זאגען וועגען איהם, איז אלץ פערזענליכע עראי־נערונגען, פערזענליכע איבערלעבונגען, און איך בין ניט אין דער שטימונג איצט צו באריהרען דיעזען געביט.

פארצייהט מיר, פריינד פרומקין, איך בין ווירקליך ניט אימשטאנד דאס צו טאן.

אין עטליכע יאהר ארום וועט קומען דער אמת'ער און דער וויכטיגס־טער יובילעאום : די געבורט פון קאטץ אלס קעמפער, אלס טוער און רעוואלוציאנער, וואס האט פופציג יאהר באלייכטעט און געווארעמט דריי דורות פון אידישען פאלק. פופציג יאהר ארבייט פון מ. קאטץ, וואס האט געגעבען מוטה און גייסט און ווילען און קראפט צו אונצעהליגע טויזענדע הויך צו האלטען די טראדיציעס פון אמאל און די אידעאלען פון שפעטער.

ווער וויים, פיליכט וועל איך זעלבסט נאך דערלעבען דיעזען יובי־לעאום פון אונזער לאנג־יעהריגען פריינד און קאלעגע. דאן... דאן וועט איהר ניט דארפען קומען בעטען ביי מיר צו זאגען וואס איך וויים און וואס איך פיהל וועגען אונזער קאטץ. איך וועל קומען צו אייך בעטען אייער טובה און חסד.

נעהמט ארום קאטץ'ן פאר מיר. זאגט איהם אלץ וואס איך זאג אייך. זאגט איהם ווי איך פיהל וועגען איהם. ער וועט עס פארשטעהן און גלויבען.

מיט ווארעמסטע וואונשען און בעסטען דאנק, פארבלייב איך

אייער פריינד,

ל. ע. מיללער

ד ר. ס. ע ל ס ב ע ר ג

אן אַפּפּערוויליגער מענש אַהן פּרעטענזיעס

איך באטראכט עס פאר א גרויסער פּריווילעגיע צו באטייליגען זיך אין דעם יובילײ־זאמעל־בוך, וואָס ווערט ארויסגעגעבען צוליעב דעם 60־טען געבורטסטאָג פון אונזער אלעמענס באליעבטען חבר מ. קאטץ.

אויף די פילאדעלפיער חברים איז אויסגעפאלען דער גורל און דער גרויסער כבוד צו זיין די איניציאַטאָרס פון חבר קאטץ׳ס יובילעאום, און איך ווינש זיי דעם גרעסטען ערפאָלג.

על פּי יושר וואָלט דער כבוד געדארפט קומען אונז, ניו יאָרקער אי־דען. ניט חלילה דערפאר וואָס איך פארגין ניט פילאדעלפיא; אדרבה, זי האָט מיין פולסטע סימפאטיע דערפאר. איך זאָג דאָס נאָר, ערשטענס, מחמת דעם וואָס ניו יאָרק ווערט פאררעכענט פאר׳ן צענטער פון אמערי־קאנער אידענטום, וואו קאטץ האָט פארבראכט א גרויסען טייל פון זיינע שעהנסטע און בעסטע יאָהרען, און זיין טעטיגקייט האָט אימער געטראָ־גען א נאציאָנאלען, נים קיין לאָקאלען כאראקטער. צווייטענס, דערפאר וואָס קאטץ׳ס ערשטער ארויסטריט אין אמעריקא, אלס פּראָפּאגאנדיסט, שריפטשטעלער און רעוואָלוציאָנער, איז געווען אין ניו יאָרק.

עס איז באוואוסט, צום ביישפּיעל, אז ער איז געווען אנערקענט מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר צוריק, אלס איינער פון די וויכטיגע פיהרער פון דער אנארכיסטישער באוועגונג אין ניו יאָרק — דער צענטער פון די אמעריקאנער אנארכיסטען. די ניו יאָרקער סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָבען איהם אויסגעקליבען צו רעפּרעזענטירען די רוסישע פּארטײ אין אמעריקא. אויך איז ער ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק געשיקט געוואָרען פון ניו יאָרקער „דזשאָינט“ נאָך אייראָפּא צו פארטיילען שטיצע, ווי אויך

צו העלפען מיט אנדערע מיטלען אונזערע ליידענדע ברידער און שוועסטער אין די מלחמה־לענדער.

נאטירליך באמערק איך דא בלויז אייניגע פון זיינע וויכטיגע ארויס־טרעטונגען און קאן זיך ניט אפשטעלען אויף אלע. אבער עס איז קלאר פון די פאר דערמאנטע פאקטען, אז ער איז דא אנערקענט געווארען אלס פעהיגער פיהרער און אז ער האט געפרואווט דורך אט דעם צענטער צו פארשפרייטען זיינע אידעען און טהאטען. עס ווערט אויך דעריבער קלאר, פארוואס ניו יארק וואלט געדארפט אויף זיך נעהמען דעם ערשטען שריט.

ליידער אבער געהט ניט דאס לעבען ווי עס וואלט זיך וועלען, נאר ווערט דיקטירט פון געוויסע אומשטענדען. און אז מען באערעכענט גוט, איז פילאדעלפיא גראד דער פאסענדער פלאץ פאר דעם וויכטיגען אנפאנג. ניט מחמת דעם וואס חבר קאטץ געפינט זיך גראד דארט. דאס איז בלויז א צופאל. טראכט מען זיך אריין אין דעם ענין און מען ווערט גוט־באַ־קאנט מיט קאטץ׳ס פערזענליכקייט, זעהט מען איין, אז עס האט גאר אנדערש ניט געקאנט פאסירען. נאטירליך, האט קאטץ געגוג פריינד און פארעהרער אין ניו יארק, וואס זיינען אימשטאנד אפצושאצען זיין גרויסען ווערטה. אבער כדי א קאמיוניטי זאל דאס קאנען טאן, איז נייטיג אז זי זאל זיין אימשטאנד צו באגרייפען ריכטיג דעם כאראקטער, פעהיגקייט און טעטיגקייט פון דער פערזענליכקייט, און ספעציעל נאך פון אזא שטי־לער, געלאסענער פערזענליכקייט ווי חבר קאטץ איז. עס פאדערט זיך א רוהיגע, אינטימע אטמאספערע. אט די אייגענשאפטען פארמאגט אונזער גרויסער אידישער צענטער אין ניו יארק ניט, אבער פילאדעלפיא יא. אין ניו יארק ווערט אזא אונערמידליכער קעמפער, בפרט נאך איינער אהן פרעטענזיעס ווי ער איז, דערטרונקען אין גרויסען ים פון ליארם, לאנקור־רענץ און חוצפה. אונטער אזעלכע אומשטענדען קאן מען ניט ערווארטעןביים לעבען קיין אנערקענונג ווי גרוים דער מענש זאל ניט זיין.

אבער דאס מיינט נאך ניט, אז דער יובילעאום וועט בלייבען בלויז א פילאדעלפיער ענין. חבר קאטץ איז א נאציאנאלע פיגור מיט ספעציפי־שע אייגענשאפטען, און ער פארדיענט אז זיין יובילעאום זאל ווערען א נאציאנאלער יום טוב.

זיינע ספעציפישע אייגענשאפטען זיינען כאראקטעריסטיש און אינ־טערעסאנט און קאנען מיט רעכט אנגערופען ווערען ספעציפיש קאטצ׳ים־טישע.

איך וועל עס פרובירען ערקלעהרען אין אייניגע ווערטער.

עס איז, צום ביישפיעל, קיין נייעס ניט היינט צו טאג, אז פון אן

אנגעזעהענעם אסימילאטאר זאָל ווערען א אידישער נאַציאָנאַליסט, און עס פאָדערען זיך שוין ניט קיין ערקלעהרונגען און ענטשולדיגונגען. דאָך קומט זעלטען פאָר אזא שריט אָהן אן עפענטליכען ארויסטריט, אָדער וועניגסטענס אָהן א דעקלאראציע.

קאטץ האָט זיך קיינמאָל ניט געקימערט וועגען אזא פראָצעדורע. ער איז געוואָרען פון אן אנארכיסט א נאַציאָנאַליסט און דערצו נאָך א ציוניסט, ניט היינט צו טאָג, נאָר מיט א פּאָר צעהנדליג יאָהרען צוריק, אין א צייט ווען אזא שריט איז באטראכט געוואָרען פאר א קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען אקט, און בלויז איינער וואָס האָט גענוג מוטה און זעלבסטשטענדיגקייט האָט געקאָנט דורכפיהרען אזא מין טהאט. ער אָבער מאכט באַוואוסטזיניג דורך אָט די רעוואָלוציע, אָהן טאראראם, אָהן פראקלאמאציעס. ער טרעט ארויס שטיל און ערנסט צו פראָפּאגאנדירען זיינע נייע אידעען ביי יעדער געלעגענהייט. און ס'איז וויכטיג צו באמערקען, אז אזא מין שטילע, ערנסטע האנדלונג האָט געהאט די נייטיגע ווירקונג גראד אויף דעם אינטעליגענטען עולם וואָס איז דאן געווען אזוי אסימילאטאָריש געשטימט.

נאָך א ביישפּיעל. קאטץ זעהט איין, אז דער אנארכיסטישער אידעאל און פּראָגראם איז ניט צוגעפּאסט צו די איצטיגע אומשטענדען. ער זאָגט זיך אָפּ דערפון און פאנגט גלייך אָן צו פראָפּאגאנדירען דעם סאָציאליזם לויט זיינע נייע אנשויאונגען און אומשטענדען. מיר דוכט, אז אזא וויכטיגער שריט פון אזא וויכטיגען פיהרער וואָלט געפאָדערט געוויסע פאָרבערייטונגען פאר'ן גרויסען עולם. אָבער קאטץ געפינט עס ניט פאר נייטיג. איהם שרעקט קיין זאך ניט. ער טהוט זיין ארבייט, און אויך אָט דער שטילער איבערגאנג ברענגט די נייטיגע רעזולטאטען, און מען רעכענט זיך שטארק מיט זיין מיינונג אין אלע רעוואָלוציאָנערע קרייזען.

אָט די פּאָר ביישפּיעלען זיינען בלויז א קליינער רינג פון א גרויסער קייט פון עהנליכע פּאסירונגען אין זיין לעבען, אָבער עס איז גענוג, נאָך מיין מיינונג, כדי צו אילוסטרירען זיין אינדיווידואליטעט, זיין זעלבסטשטענדיגקייט און זיין ספּעציפישע ארט פון טעטיגקייט. ער טהוט קיינמאָל ניט קיין זאך, כדי צופרידענשטעלען די אָדער יענע פּארטיי, אָדער וועלכע עס איז באוועגונג, אָדער די מאסען. אלעס ווערט געטאָן אזוי ווי זיינע געדאנקען דיקטירען איהם, ניט קוקענדיג דערויף ווי עס וועט זיך מאָמענטאן אָפּרופען אויף די מאסען אָדער פיהרער.

נאטירליך איז איהם אָפט אויסגעקומען באצאָהלען דערפאר טייער אויפ'ן עקאָנאָמישען געביעט, אָבער דאָס האָט איהם ניט געשטערט אין זיין אר־

בייט; און ער האָט זיך דערביי קיינמאָל ניט באַטראַכט פאַר אַ מאַרטירער און האָט ניט געהאַט קיין פּרעטענזיעס צו קיינעם.

נאָך אַ וויכטיגע כאַראַקטעריסטיק איז דאָס וואָס קיין אַרבייט איז פאַר איהם ניט צו שווער אָדער צו קליין. איך געדענק ניט אַז קאַטץ זאָל זיך ווען עס איז האָבען אָפּגעזאָגט פון אַרבייט מחמת דעם וואָס עס שטעהט איהם ניט אָן. דיזעלביגע איבערגעבענקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך באַטייליגט אין דער אויסאַרבייטונג פון אַ געוויסען פּראָגראַם, אָדער אין דער אַרויסטרעטונג פאַר אַ גרויסער פאַרזאַמלונג, האָט ער אויך אַרויסגע־וויזען ביים אַרומגעהן פאַרשפּרייטען בילעטען, פאַרשפּרייטען ביכער פון אַ באַוואוסטען מחבר, אָדער ווען ער איז געגאַנגען איינלאַדען אַ געוויסען אַרטיסט פאַר אַ קאָנצערט א. א. וו. אַזאַ האַנדלונג האָט ערמוטיגט אַנדערע צו דער אַרבייט, און זעהר ווייניג פיהרער קאָנען זיך דערהויבען צו אַזאַ שטופע.

נים אומזיסט האָט אונזער ליעבער גערשוני איינמאָל געזאָגט, אַז ער ליעבט זעהר שטאַרק קאַטץ'ן פאַר זיין שטילער, איבערגעבענער אַרבייט. ווי באַוואוסט, פלעגט זיך גערשוני ניט וואַרפען מיט קאָמפּלימענטען, און ווי עס ווייזט אויס, האָט עס קאַטץ כשר פאַרדיענט ביי איהם.

איך ווינש דעם ליעבען חבר קאַטץ לאַנגע יאָהר, געזונד און מוטה, און אַז ער זאָל פאָרטזעצען זיין טעטיגקייט אויף ווייטער אַזוי גוט ווי ביז איצט.

א. זעלדין

מ. קאַטץ אלס קאַלעגע

אפשר האָט ער זיך מיט דער צייט געענדערט — די אומבארמהערציגע צייט שאַנעוועט אונז קיינעם ניט. נאָך אַלעמען האָבען מיר דאָך אין די לעצטע צעהן יאָהר דורכגעמאַכט א מלחמה, א רעוואָלוציע און א רעאַקציע און אסך מענשען זיינען אין דעם נכשל געוואָרען. איך גיה דאָ שרייבען וועגען דעם מ. קאַטץ וואָס איך קען, דעם מ. קאַטץ פון א יאָהר צעהן־פופצעהן צוריק, אין דער צייט ווען ער האָט נאָך געוואוינט אין ניו יאָרק און געלעבט און געווירקט אין די ניו יאָרקער ליטעראַרישע קרייזען.

איך געדענק דעם ניו יאָרקער מ. קאַטץ זעהר קלאָהר, ווייל עס איז איהם זעהר לייכט צו געדענקען. צו יענער צייט איז ער געווען זעהר גוט באוואוסט אין ניו יאָרק. ער איז, דאַכט זיך, געווען א גאַנצע אינסטיטוציע.

איך מיין דערמיט צו זאָגען, אז ער איז דאַן געווען באוואוסט ניט נאָר אלס שרייבער, נאָר אויך אלס טוער, אלס א פּערזענליכקייט. ער איז געווען איינער פון די וועניגע, אויב ניט דער איינציגער, אויף וועמען די דאַמאַלסדיגע „יונגע" האָבען געקוקט, ריכטיגער — ארויפגעקוקט, מיט צוטרוי און אכטונג.

עס איז דאַן געווען אן אויסערגעוועהנליכע צייט, די צייט פון מאַסען־אימיגראַציע, און די באַציהונגען צווישען די מעהר אָדער וועניגער איינגעזעסענע און די אריבערגעקומענע איז ניט געווען קיין איבעריג פריינדליכע. איבערהויפּט האָט זיך אָט דער אנטאַגאָניזם גאַנץ שטאַרק געפיהלט אין באַצוג צו די יונגע אידישע שרייבער, וואָס זיינען דאַן אָנגעקומען אין א גאַנץ היבשער צאָהל.

ווען איך רעד פון די „יונגע" מיין איך, נאַטירליך, די דאַמאָלסדיגע „יונגע". אסך פון די דאַמאַלסדיגע יונגע לייט האָבען זיך שוין ביי היינטי־

גען טאָג איינגעאָרדענט, פארנעהמען פּאָזיציעס אין זשורנאליזם אָדער אין ליטעראטור און ווערען שוין אליין באטראכט פאר „אלטע". אסך וויעדער זיינען אינגאנצען אוועק פון דער ליטעראטור, זיינען געוואָרען אפּטייקערס, צייהן־דאָקטוירים, אָדער האָבען זיך אויסגעלערענט אנדערע פּראָפעסיעס, דאן זיינען זיי אָבער נאָך אלע געוועזען פארהעלטניסמעסיג יונגע לייט און אלע האָבען געשטרעבט צו איין זאך — אנערקענונג.

און די אנערקענונג צו יענער צייט האָט זיך ניט אויסגעדריקט אין מאַטעריעלע טערמינען, ווי למשל שטעלעס אין רעדאקציעס, מינימום לוין פער ארטיקעל, ליעד, אָדער סקיצע, ווי דאָס איז דער פאל ביי היינטיגען טאָג. די פאָדערונגען זיינען געווען מעהר עלעמענטארע. די יונגע שרייבער האָבען פארלאנגט פּלאַץ וואו צו דרוקען זיך און מען זאָל זיי אין דער פּראָפּעסיע בכלל באהאנדלען ווי שרייבער.

און דאָס איז אָנגעקומען גאָר ניט אזוי לייכט. די רעדאקציעס פון די טעגליכע צייטונגען זיינען אזוי גוט ווי געווען געשלאָסען פאר די יונגע שרייבער. זיי זיינען אינגאנצען געווען אָנגעוויזען אויף די עטליכע וועכענטליכע אויסגאבען. אָבער מעהר פון אלץ האָט פארדראָסען, וואָס די רעדאקטאָרען און די הויפּט מיטארבייטער פון די טעגליכע צייטונגען האָבען אינגאנצען איגנאָרירט דעם פאקט, אז עס זיינען דאָ יונגע שרייבער אין דער אידישער אמעריקא.

פאָלגענדער אינצידענט קאָן דיענען אלס אן אויסגעצייכענטע אילוסטראציע פון דער דאמאלסדיגער לאגע. עס איז נגעווען פאר שלום אש'ס ערשטען אָנקומען אין אמעריקא. די יונגע שרייבער זיינען דאן געווען פאראייניגט אין דעם "פאראיין ליטעראטור". פארשטעהט זיך, מען האָט איהם נעדארפט מאכען א קבלת פּנים, אָבער די יונגע שרייבער האָבען ניט געוואָלט דערלאָזען, אז דער „פאָרווערטס" זאָל איהם אויסנוצען אלס מיטעל פאר צירקולאציע. זיי האָבען געוואָלט, אז דער קבלת פנים זאָל טראָגען מעהר אָדער ווענינער א פאָלקס־כאראקטער. פאר דעם צוועק האָבען זיי איינגעלאדען צו א קאָנפערענץ פאָרשטעהער פון דער אידישער פּרעסע, טעגליכע, וועכענטליכע און מאָנאטליכע אויסגאבען, און צווישען זיי אויך דעם „פאָרווערטס". צו דער קאָנפערענץ זיינען אלע געקומען און אב. קאהאן, רעדאקטאָר פון "פאָרווערטס", אויך. ווען דער מיטינג האָט זיך געעפענט, האָט קאהאן גלייך געשטעלט די פראגע, ווער האָט דעם מיטינג פאררופען? מען האָט איהם געענטפערט — „די יונגע". „איך וויים גאָרניט, אז עס זיינען דאָ יונגע שרייבער אין אמעריקא". האָט קאהאן געענטפערט, און דאָס איז געווען דער סוף פון דער קאָנפערענץ. קאהאן איז אוועק און נאָך

איהם אלע איבעריגע פאַרשטעהער פון דער ראדיקאלער פרעסע. דעם קבלת פנים פאר אש׳ן האָט געמאכט דער „פאָרווערטס״ אויף זיין שטייגער און די „יונגע״ האָבען געליטען א נידערלאגע.

מ. קאַטץ׳ם באציהונג צו די יונגע איז געווען א מענשליכע, א פריינד־ליכע, א קאָלעגיאַלע. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט די יונגע שרייבער, האָט זיי געלייענט און ערמוטיגט. די „יוגענד״ האָט איהם געהאלטען פאר א פריינד און פלעגט זיך צו איהם ווענדען נאָך עצות און נאָך טובות. ניט אלעמען פלעגט ער קאָנען צופריעדענשטעלען, נאָר אויב ער האָט געקאָנט טאָן א טובה, האָט ער עס געטאָן גאנץ גערן. ווען אפילו ניט, פלעגט ער מאכען גוט פיהלען מיט א וויץ, א גלייכווערטעל, באגלייט מיט א שמייכעל. איך געדענק גאנץ גוט זיין שמייכעל — פול מיט גוטסקייט, מילדקייט און איבערגעבענקייט. איך האָב שוין קאַטץ׳ן ניט געזעהן א פאָר יאָהר, אָבער איך האָף, אז ער קאָן נאָך פונקט אזוי ליעב שמייכלען ווי אמאָל.

עס נעהט ארום א גלייכווערטעל אין די ליטעראַרישע קרייזען, וואָס ווערט צוגעשריבען צו קאַטץ׳ן און וואָס איז זעהר כאראַקטעריסטיש ווע־נען איהם און וועגען זיין באציהונג צו זיינע קאָלעגען. דערהויפּט צו די יונגע קאָלעגען. ער האָט אמאָל געדארפט צוריקקעהרען א מאנוסקריפּט איי־נעם א שרייבער און דערביי האָט ער געמאכט פאָלגענדע באמערקונג:

„איהר פארשטעהט, מיין פריינד, שרייבען איז קיין קונץ ניט, נאָר מען דארף דאָס קאָנען״.

אָט דאָס גלייכווערטעל כאראַקטעריזירט קאַטץ׳ן אמבעסטען סיי אין זיין באציהונג צו זיך און סיי אין זיין באציהונג צו אנדערע.

ער האָט קיינמאָל ניט געשפּיעלט די ראָלע פון דעם „גרויסען מענשען״, פון דעם אָנגעבלאָזענעם „גדול״, וואָס טוט אייך א טובה ווען ער רעדט צו אייך א פאָר ווערטער. גלייכצייטיג איז אין זיין באציהונג ניטאָ יענע פאלשע עניוות, וואָס איז נאָך אפשר אָפּשטויסענדער פון דער שרייענדיגער גדלות. קאַטץ איז אלעמאָל — ווענינגסטענס אויף ווי ווייט איך קען איהם — נאַטירליך. ער ווייסט זיין אייגענעם ווערטה, אָבער ער פארשטעהט אויך ווי אָפּצושאצען דעם ווערטה פון אנדערע.

איך געדענק איהם זעהר גוט אין די צייטען פון דעם ליטעראַרישען קלוב. קאַטץ איז געווען איינער פון זיינע גרינדער און איז געווען איינער פון זיינע זיילען. איך בין זיכער, אז די פּאָפּולאריטעט פון דעם קלוב אין זיין גלאנץ פּעריאָד, וואָס האָט געדויערט ביז דעם אומגליקליכען שרייבער־סטרייק, איז אין א גאנץ היבשער מאָס געווען צו פארדאנקען מ. קאַטץ. ער איז געווען, אזוי צו זאָגען, דער פארבינדונגס־רינג צווישען די פארשיע־

רענע עלעמענטען, וואָס האָבען דעם קלוב באַזוכט, דערהויפּט צווישען די „אַלטע" און די „יונגע". אַז קאַטץ איז געווען אין קלוב האָט ער געזאָרגט פאַר אַלעמען.

איינמאָל, געדענק איך, איז ער צוגעקומען צו מיר מיט אַזאַ טענה:

"וואָס שטעהט איהר אַזוי מיט די הענד אין די קעשענעס?"

„וואָס זאָל איך טהאָן?"

„אַ דאַגה וואָס? — מען טוט עפּעס! מען טאָר ניט זיצען ליידיג. קומט, מיר'ן מאַכען אַ דאָמינאָ".

ער האָט געשפּיעלט מיט מיר אַ ווײַלע, אָבער אַזוי שנעל ווי אַן אַנדע־רער איז אָנגעקומען, וואָס האָט געוואָלט איבערנעהמען זיין "האַנד", האָט ער מיך פאַרלאָזען און איז אַוועק „אונטערהאַלטען" אַ צווייטען.

אָט דאָס איז מ. קאַטץ — אַ גוטער, ליעבער, האַרציגער מענש.

מען זאָגט, אַז ער איז איצט שוין געוואָרען זעכציג יאָהר אַלט. מיר גלויבט זיך עפּעס ניט.

אַזעלכע מענשען, דאַכט זיך, ווערען קיינמאָל ניט עלטער.

י. ש. פּרענאָוויץ

מ. קאַטץ — דער „ייִדענער יונגער מאַן“

„דער זיידענער יונגער מאַן“ — אַזוי האָט מען אַמאָל, נאָך אין די קינדער־יאָהרען פון דער אידישער אַרבייטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקאַ, קאַטץ'ן גערופען. זינט דאַן זיינען שוין צוואַנציגער יאָהרען פאַרשוואונדען. דאָס לעבען האָט זיך אין אַמעריקאַ געענדערט, די מענשען האָבען זיך געענדערט. אַסך פון די, וועלכע האָבען אַמאָל געאַרבייט פאַר הויכע אידעאַלען, פאַר נאָבעלע ציעלען, האָבען יאָהר נאָך יאָהר אָנגעהויבען אַוועקצוגעהן פון דער שעהנער אַרבייט ; זיי האָבען די רייכע פּרינציפּען, די נאָבעלע אידעאַלען געלאָזען הינטער זיך ; זיי זיינען געוואָרען קאַריעריםטען, האָבען פאַרגעסען וואָס זיי זיינען אַמאָל געוועזען. מאַנכע פון זיי זיינען זאָגאַר געוואָרען אָפענע באַקעמפער פון זייערע אַמאָליגע איבערצייגונגען, פּרינציפּען און אידעאַלען. זיי האָבען אָנגעהויבען צו פאַרהערליכען דאָס וואָס זיי האָבען אַמאָל פאַרהאַסט ; צו פאַרשפּאָטען דאָס וואָס זיי האָבען אַמאָל פאַרהייליגט.

ניט פיעל פון די אַמאָליגע אידעאַליסטען זיינען איצט דאָ, וועלכע זיינען געבליבען טריי זייערע אַמאָליגע איבערצייגונגען, זייערע אַמאָליגע אידעאַלען, און איינער פון די זעהר ווייניגע איז — מ. קאַטץ.

* * *

איך געדענק נאָך קאַטץ'ן פון דער צייט, ווען איך בין אַ יונגער אינגעל געוועזען. איך געדענק איהם נאָך פון קאָוונאַ, וואו ער איז געוועזען אַ לעהרער, און אונטער'ן נאָמען „קאַטץ דער לעהרער“ איז ער אויך באַקאַנט געוועזען. איך געדענק נאָך ווי „קאַטץ דער לעהרער“ פלעגט שפּאַצירען איבער די

גאסען פון קאָוונא מיט א שטעקען אין האנד, און ווי אזוי מען פלעגט קוקען אויף איהם מיט אכטונג און עפּעס ווי אויף איינעם, וועלכער איז ארומגערינגעלט מיט געהיימניסען.

„ניהיליסט" איז אין יענער צייט געווען א זעהר אינטערעסאנט און אויך א געפעהרליך וואָרט אין רוסלאנד. מען האָט מורא געהאט דאָס דאָזיגע וואָרט הויך ארויסצורעדען, ווייל עס האָט געשמעקט מיט טורמע... ווען מען פלעגט ווענגט „ניהיליזם" און "ניהיליסטען" שוין יא וועלען רעדען, פלעגט מען עס מוזען טאָן אין דער שטיל, אין דער היים, און מען האָט זיך געמוזט גוט ארומקוקען איידער מען האָט ווענען אזעלכע זאכען אָנגעפאנגען צו רעדען...

און אלע זיינען געווען מאָדנע געשפּאנט. די מעשה'לאך ווענען זיי, זייערע מאָדנע אויפטואונגען, וועלכע זיינען, נאטירליך, געווען א היבש ביסעל איבערטריבען, האָבען אלע מאָל ארויסגערופען גרויס פארוואונדע־רונג, און — מען האָט אלץ געגלויבט. מען האָט די מעשה'לאך ווענען זיי פארשלונגען, און מען פלעגט וועלען נאָך, ווייל מען האָט א „ניהיליסט" באטראכט פאר אן איבערנאטירליכע באשעפעניש, פאר א מין גאָט, וועל־כער זעהט אלעמען און קיינער זעהט איהם ניט; וועלכער ווייסט וואָס אלע טוען, אָבער קיינער ווייסט ניט וואָס ער טוט...

און — מען האָט דאן אין דער שטיל, אז קיינער זאָל ניט הערען, פון צייט צו צייט א מורמעל געטאָן, אז „קאַטץ דער לעהרער" איז איינער פון יענע... ער האָט, דאכט זיך, אויסגעקוקט ווי אלע מענשען, פלעגט רעדען ווי אלע מענשען, און ער פלעגט אפילו מיט גרויס העפליכקייט ארונטער־נעהמען דעם הוט ווי אלע העפליכע מענשען, ווען מען פלעגט מיט „ציהען דעם הוט" זיי באגריסען, און דאָך, דאָך איז ער, ווי מען פלעגט מורמלען, געווען איינער אָט פון יענע... פון די „ניהיליסטען", וועלכע האָבען פאר קיינעם קיין מורא ניט, אפילו ניט פאר'ן קייזער, נאָר דער קייזער האָט מורא פאר זיי...

* * *

אָבער ניט ווענען מ. קאַטץ'ס רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט וויל איך רעדען, און איך וויל ווענען איהם אויך ניט רעדען אלס פּובליציסט, אלס דראמאטורג, ראָמאניסט, ליטעראטור־קריטיקער, אָדער אלס געזעלשאפט־ליכען טוער. דאָס וועלען זיכער טאָן אנדערע קאָלעגען אין אָט דעם זא־מעל־בוך. זיי וועלען אָהן צווייפעל אָבשעצען זיינע גרויסע אויפטואונגען אויף די דאָזיגע געביטען. איך וויל בלויז אויסנוצען די גרויסע געלעגענ־

היים, אום צו זאָגען עטליכע ווערטער וועגען מ. לאטיץ, דעם „זיידענעם יונגען מאן“, וועגען מ. קאטיץ דעם גוטען מענשען, דעם ליעבען פריינד און הארציגען חבר.

די יעניגע, וועלכע קענען קאטיץ׳ן, וועלכע האָבען געהאט דאָס פאר־געניגען צו קומען מיט איהם אין נעהענטערע באציהונגען, ווייסען און פיהלען זיין באדייטונג אלס פריינד, חבר און „זיידענעם יונגען מאן“, און זיי שעצען איהם ריכטיג אָפּ.

שוין איבער דרייסיג יאָהר ווי איך קען קאטיץ׳ן — אין אמעריקא, און מיר דוכט זיך, אז אין די איבער דריי צעהנדליג יאָהר וואָס איך קען איהם שוין אלס טוער אין דער אלגעמיינער סאציאליסטישער און אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג, האָב איך איהם נאָך קיינמאָל אין כעס ניט געזעהן. ער איז אלע מאָל געווען ליעבליך, פריינד־ליך צו אלעמען, האָט פאר אלעמען געהאט א צארט וואָרט. און ניט קיין געמאכטע צערטליכקייט איז ביי קאטיץ׳ן.

קאטיץ קען ווערען ערנסט, קען אמאָל ארויסזאָגען א הויך, שטרענג וואָרט, נאָר זיין הויך, שטרענג וואָרט ווערט ניט דיקטירט פון כעס, נאָר פון זיין טיפען ערנסט, פון זיין עהרליכער איבערצייגונג וועגען מענשען און זאכען, אָבער נאָך איידער א מינוט איז אריבער זיעט ער האָט זיין הויך, שטרענג וואָרט ארויסגעזאָגט, ווערט ער ווידער מילד און צערטליך, און גיט זיך אזוי א זאָג צו זיין פּאָליטישען אָדער געזעלשאפטליכען געגנער :

„פריינד, איהר האָט א טעות ; איהר זייט שלעכט אינפאָרמירט גע־וואָרען וועגען דער פראגע“.

און אלע פיהלען זיין טיעפען ערנסט, זיינע ערענסטע באציהונגען צו יעדער וויכטיגער פראגע, צו יעדען גרויסען אויפטו.

* * *

פאראן מענשען, וועלכע האָבען מורא וועגען יענעם א גוט וואָרט ארויסצוזאָגען, ניט דערפאר ווייל זיי זיינען אזוי שלעכט, נאָר זיי דוכט זיך אויס, אז דערמיט וואָס זיי וועלען וועגען יענעם זאָגען א גוט וואָרט וועלען זיי אליין ווערען קלענער אין די אויגען פון דער וועלט... פאראן אויך אזעלכע שרייבער, וועלכע וועלכע ניט וועלען זאָגען קיין גוט וואָרט וועגען א צווייטען שרייבער, און — אלץ צוליעב דערזעלבער אורזאך. מאנכע פון זיי קענען אפילו ניט הערען ווי אנדערע זאָגען א גוט וואָרט

וועגן יענעמ'ס שרייבען, אָדער דיכטער־טאַלאַנט... זיי האָבען מורא, אז דורך יענעמ'ס טאַלאַנט וועלען זיי אליין פאַרדונקעלט ווערען...

אָבער ניט אזוי איז קאַטץ. קאַטץ איז איינער פון די זעהר ווייניגע אידישע שרייבער, וועלכע האָבען אַלע מאָל געטוליעט מענשען וואָס האָבען זאָגאַר בלויז ארויסגעצייגט עטוואָס טאַלאַנט. קאַטץ, ווען ער האָט אויסגעפונען אז איינער באַזיצט די פעהיגקייטען צו שרייבען — פּראָזא אָדער פּאָעזיע — האָט ער איהם געגעבען אַלע געלעגענהייטען זיין טאַלאַנט צו ענטוויקלען. ער פלעגט מיט אַזא יונגען טאַלאַנט פאַרברייננגען גאַנצע אבענדען, איהם ווייזען, אָנדייטען וואו עס איז גוט און וואו מען דאַרף אויסבעסערען, אביסעלע צופוצען, צופיילען, מאַכען דעם ריטהם אביסעלע מעהר קלינגען... דער יונגער טאַלאַנט האָט זיך נעבען קאַטץ'ן געפיהלט ווי נעבען א גוטען גייסטיגען פאָטער ; און דאָס האָט איהם געגעבען מוטה, איהם געגעבען ענטוזיאזם צו ענטוויקלען זיין טאַלאַנט, צו ארבייטען פלייסיגער אויפ'ן ליטעראַרישען באָדען, אויף די קינסטלערישע ווענען.

א דאַנק אונזער יובילאַר זיינען ניט ווייניג טאַלאַנטען אויפגעגאַנגען אונטער זיינע שטראַהלען פון פריינדשאַפט און ליעבע.

די, וועלכע האָבען קיינמאָל קיין פאַרזוך ניט געמאַכט צו שרייבען פאַר צייטונגען, קענען זיך גאָר קיין באַגריף ניט מאַכען וועגען דער באַדייטונג פון דעם „ליטעראַרישען בריף קאַסטען", וואו די רעדאַקטערע ענטפערען די שרייבער וואָס שיקען זיי צו „זאַכען", אָדער „פּאָעזיען" צום דרוקען. די שרייבער קוקען אויס זייערע אויגען, איידער זיי דערלעבען צו זעהן אָט די בריעף קאַסטענס, ווייל זיי ערוואַרטען דאָרטען צו קריגען ענטפערס, צי זייערע „זאַכען" וועלען געדרוקט ווערען אָדער ניט. מייסטענס זיינען אָבער דאָ ענטוישונגען פאַר אָט די אַלע „שרייבער" און „דיכטער", ווייל טאַלאַנטען ווערען ניט געמאַכט אין קיין פאַבריקען ; מיט טאַלאַנט מוז מען געבאָרען ווערען... די רעדאַקטערע ענטפערען מייסטענס : „עס טויג ניט" ; „שלאָגט זיך ארויס פון קאָפּ אז איהר האָט טאַלאַנט" ; „איידער צו שרייבען פּאָעזיע, נעהמט זיך בעסער צו שוסטעריי", אָדער אנדערע אַזעלכע ענטפערס.

און עס איז אויך קיין וואונדער ניט. עס זיינען דאָ אזוי פיעל וואָס ווילען שרייבען, ווערען באַריהמט, און — אזוי פיעל קענען ניט שרייבען ! מען קען ווערען שטאַרק אויפגערעגט, לעזענדיג זייערע שריפטען, און דערפאַר ענטפערען די רעדאַקטערע די „שרייבער" און „דיכטער" מיט א שטרענגען טאָן, כדי צושיקער פון ארטיקלען און ליעדער זאָלען אויפ־

געבען זייער „קונסט“ און זאָלען אויפהערען צו מאכען איבעריגע ארבייט די רעדאַקטערע, וועלכע האָבען אנדערע זאכען צו טאָן.

אפילו אין די „בריעף־קאַסטענס“ איז מ. קאַטץ געווען דער „זיידענער יונגער מאַן“. זיינע בריעף־קאַסטענס זיינען געווען עדעלע. אלע האָבען געקראָגען זייערע ענטפערס, אָבער אָהן כעס, אָהן באַליידיגונגען, און גאַנץ אָפט פלעגען די יונגע שרייבער קריגען אויפמונטערונג אין בריעף־קאַסטען פון די "פרייע ארבייטער שטימע", וועמעס רעדאקטאָר קאַטץ איז געווען מיט פיעל יאָהרען צוריק, אָדער אין אנדערע אויסגאַבען, וועלכע ער האָט רעדאַקטירט. ער פלעגט הייסען מאנכע קומען אין רעדאַקציע, כדי זיך דורכצורעדען מיט זיי וועגען זייערע שריפטען; ער פלעגט זיי געבען עצות, א. אז. וו.

און אלע מאָל האָט זיך געפיהלט קאַטץ. לאַטץ דער מענש, קאַטץ דער פריינד און קאַטץ דער הארציגער חבר.

* * *

זעכציג יאָהר לעבען. אסך מענשען דערלעבען אזא עלטער, און אסך מענשען לעבען נאָך לענגער — אכציג און מאנכע זאָגאר הונדערט יאָהר. ווער אָבער ווייסט פון זיי? ווער אינטערעסירט זיך מיט זיי? זיי לעבען צווישען אן ענגען קרייז מענשען; זיי לעבען אליין און זיי שטאַרבען אליין.

פאַראן אָבער מענשען, וועלכע לעבען וועניגער ווי זעכציג יאָהר, וועלכע האָבען זאָגאר קיין פופציג יאָהר לעבען ניט דערגרייכט, און דאָך רעש'ט זיך די וועלט מיט זיי. מען פייערט די טעג פון זייער געבורט, מען פרעהט זיך מיט אנדערע „פערזענליכע“ ימים טובים זייערע, מען אינטערעסירט זיך מיט אנדערע באַגעבענהייטען פון זייער לעבען.

ווארום אינטערעסירט זיך די וועלט מיט אָט די מענשען און ניט מיט יענע?

די וועלט אינטערעסירט זיך ניט בלויז מיט יאָהרען, זי אינטערעסירט זיך ניט בלויז מיט א לעבען. די וועלט אינטערעסירט זיך בלויז מיט יאָה־רען וואָס זיינען געווען פול מיט טעטיגקייט פאר דער וועלט; מיט א לעבען וואָס האָט ניט בלויז באַלאַנגט צו דעם ספּעציעלען מענשען נאָר אויך צו אנדערע; וואָס איז געווען איינגעוועבט אין דעם העכערען, שעה־נערען לעבען פון דער מענשהייט.

און וואָס מעהר א לעבען באַלאַנגט צו דער מענשהייט, אלץ מעהר

ווערט עס פון דער מענשהייט אָפּגעשאצט, אלץ מעהר פאראינטערעסירט זיך די וועלט דערמיט. ווארים דאָס לעבען פון אזא מענשען איז אויך א טהייל פון׳ם לעבען פון דער גאנצער געזעלשאפט, אין וועלכער ער לעבט און ווירקט, און זאָגאר פון דעם לעבען פון די שפּעטערע דורות. דערפאר פיהלט די געזעלשאפט, אז יעדע פּאסירונג אין דעם לעבען פון אזא מענ־שען איז איהר פּאסירונג; אז יעדע שמחה פון אזא לעבען איז אויך איהר שמחה, ווייל אָט דער מענש איז דאָך א טהייל פון איהר...

די גרויסע צאָהל פארעהרער און פריינד פון מ. קאטץ, די גרויסע צאָהל אידישע אָרגאניזאציעס, וועלכע באטהייליגען זיך אין דעם זעכציג יעה־ריגען יובילעאום זיינעם דריקען אויך אוים דורך אָט דעם יובילעאום זייער בעסערען „איך״, ווייל זיי פייערען דאָך ניט בלויז די יאָהרען פון דעם יובילאר, נאָר זיי פייערען דאָך דעם יובילאר׳ס טעטיגקייט, די שעהנע און גוטע ארבייט וואָס ער האָט געטאָן אויף די פארשיעדענע געביטען פון מענשליכען פּראָגרעס און דערהויבונג פון דער מענשליכער ראסע.

א. ש. זאקס

מ. קאטץ אלס מענש

מ. קאטץ איז א באגאבטער, אויפריכטיגער, גאָט־געבענשטער שריפט־שטעלער.

ער איז געווען און איז איינער פון די הויפט זיילען פון דער אידישער פרעסע.

די אָבהאנדלונגען און עסאיס, וואָס זיינען ארויס פון זיין פען אין פארלויף פון איניגע צעהנדליג יאָהר, זיינען פיין, שעהן און זיינען שטענ־דיג באַ'טעמ'ט מיט א באזונדערען חן פון אויפריכטיגקייט און פון ניים־טיגער ערהויבענקייט.

גאנצע צוויי דורות האבען זיך מיט זיי געקוויקט, טויזענדע יונגע לייט האָבען פון זיי געלערענט און גרויס הנאה געהאט.

מ. קאטץ איז א הארציגער רעדנער. זיינע ווערטער פון דער טריבונע אפעלירען מיט אן אונגעהייער גרויסער קראפט צו די צוהערער. די פאר־זאמעלטע פיהלען, אז זיי קומען פון הארצען, פון א ריינעם און לויטערן קוואל. אויף זיי איז אויסגעגאָסען א מין צויבער, וואָס פארכאפט און פאנגט דעם אינטעליגענטען הערער. ניטאָ אויף זיי קיין שפרינקעלע פון דעמאגאָגיע — די קראנקהייט, פון וועלכער אונזערע רעדנער און פארטיי־טוער ליידען.

מ. קאטץ איז איינער פון אונזערע שעהנסטע און בכבוד'יגסטע כלל־טוער וועלכע זענען ניט נאָכגעלאָפען נאָך דער מאסע, נאָר זי געפיהרט, געלערענט, פארגרעסערט איהר וויסען און פארפיינערט איהר געשמאק. ער איז איינער פון די וויניגע, וועלכע האָבען זיך ניט אראָפגעלאָזען צו

דער מאסע, נאָר פארקעהרט, זי געהויבען און דערהויבען צו א העכערער מדרגה.

שניידט אוים קאַטץ'ס שרייבען און ריידען און ווירקען און עס וועט פעהלען א שטיק רוקען־ביין פון דער גייסטיגער ארבייט וואָס איז דורכ־געפיהרט געוואָרען פאר די לעצטע 35 יאָהר אויף דער אידישער ראדיקאַ־לער גאס אין אמעריקא.

איך וועל דאָ אָבער ניט ריידען פון קאַטץ דעם פיעלפאכיגען שריפט־שטעלער, פון קאַטץ דעם פראָפאגאנדיסט און רעדנער, אויך ניט פון קאַטץ דעם כלל־טוער. דאָס וועלען מסתמא טאָן זיינע עלטערע חברים און קאָ־לעגען, מיט וועמען ער איז געשטאנען שולטער־צו־שולטער אין א משך פון 35 יאָהר.

איך וועל דאָ בלויז ריידען פון מ. קאַטץ דעם מ ע נ ש ע ן.

לאכט ניט, רבותי, פון מיין טעמא! מיר זענען אלע מענשען, מיר אלע באלאנגען צו די אתה בחרתנו'ניקעס פון דער נאטור, מיר אלע טראָ־גען די מענשליכע קרוין פון דער בריאה. וויפיעל האָבען מיר אָבער צווי־שען אונז א מ ת ' ע מענשען, מ ע נ ש ל י כ ע מענשען, מענשען מיט הארץ, מענשען מיט נשמה? פאנגט זיי אָן איבערצוציילען אויף אייערע פינגער און איך בין זיכער, אז א פאָר פינגער פון אייער האנד וועלען בלייבען איבעריג, ניט דערציילט.

און דאָ וועל איך ניט געהן אויסרעכענען דעם יובילאר'ס גרויסע פער־זענליכע אייגענשאפטען, נאָר אויסדריקען מיין דאנק, מיין טיעפען און אָפענהערציגען דאנק צו איהם פאר די שעהנע מינוטען, וואָס זיין אמת מענשליכע באציהונג האָט מיר פארשאפט. דאָס זיינען געווען מינוטען פון טרייסט אין מיין נידערגעשלאָגענקייט, מינוטען פון נחמה אין מיין שווערער, געדריקטער שטימונג וואָס האָט מיך באהערשט.

דאָס איז געווען אין מיינע ערשטע „גרינע" יאָהרען פון מיין זיין אין אמעריקא, וואוהין איך בין געקומען פול מיט יוגענדליכע טרוימען און גרויסע האפענונגען עפעס צו טאָן פאר דער „אידעע".

איך בעט, מען זאָל מיר מוחל זיין, וואָס איך'ל דאָ דערמאָהנען א פאָר מאָמענטען, וואָס זיינען נוגע מיין אייגענער קליינינגקייט, ווייל זיי האָבען א שייכות צום ענין.

גלייך ווי איך האָב געענדיגט די אוניווערזיטעט בין איך אהער געקו־מען אויף דער איינלאדונג פון'ם פארשטאָרבענעם יעקב גאָרדין און (להבדיל בין חיים למתים) מאָרים ווינטשעווסקי, איבערצונעהמען די רעדאקציע

פון דער „צוקונפט“, וואָס איז דעמאָלט ארויסגעגעבען געוואָרען פון דער „צוקונפט פרעס פעדערייישאָן“.

נאָך מיין אָנקומען בין איך מיט דער צושטימונג פון מיינע פריינד, וואָס האָבען מיך ארויסגערופען פון דייטשלאַנד, אוועק קיין שיקאַגאָ צו ווערען דער רעדאקטאָר פון דער וועכענטליכער „אידישער ארבייטער וועלט“.

צוויי יאָהר האָב איך רעדאקטירט די צייטונג, געארבייט טאָג און נאכט. קיין האָנאָראר צו צאָהלען מיטארבייטער איז ניט געווען. איז מיר אויסגעקומען וואָך איין וואָך אויס אויסצופילען די גאנצע צייטונג אליין, אָדער כמעט אליין. פופצעהן וואָכען נאָכאנאנד האָב איך געשריבען פון עדיטאָריעל ביז די נאָטיצען פון די מיטינגען מיט מיין אייגענער האנד. ניט געווען קיין דריי דאָלאר א וואָך צו צאָהלען א שטיקעל געהילף.

די צייטונג האָט געהאט א גרויסען ערפאָלג. זי האָט זיך ארויפגעאר־בייט און איז געוואָרען א גרויסער פאקטאָר אין דער באוועגונג. האָט מען מיר אָבער אָנגעטאָן צרות אָהן א שיעור און אָהן אן ערך. קליינליכע אינ־טריגעס, וועלכע איך האָב נאָך דעמאָלט ניט פארשטאנען, זענען געוועבט געוואָרען ארום מיר. איך האָב סוף כל סוף ניט געקענט אויסהאלטען און רעזיגנירט צו דער פרייד פון געוויסע אונזעהבארע כחות...

נאָך מיין רעזיגנאציע פון דער "אידישער ארבייטער וועלט" בין איך ערוועהלט געוואָרען אלס רעדאקטאר פון „צוקונפט“.

צו דער „צוקונפט“ האָב איך זיך ווידער אָפגעגעבען מיט לייב און לעבען. מיינע שכירות האָבען געזאָלט זיין 13 דאָלאר א וואָך, זיי האָבען געזאָלט זיין, זיינען אָבער ניט געווען. קיין האָנאָראר צו צאָהלען איז דאָ אויך ניט געווען, פלעגט מיר אויסקומען צו בעטלען, צו שנאָרען, אָפּקלאפּען די טירען פון די יעניגע, וועמעס ארטיקלען און אנ־דערע שאפונגען זיינען געווען נויטיג. אליין פלעג איך אויספילען ניט ווייניגער ווי א דריטעל פון יעדען נומער. געארבייט מיט מיין גאנצען יוגענדליכען ברען, מיט מיין גאנצען חשק און התמדה.

אז די „צוקונפט“ איז אריבער צום „פארווערטס“, נאָכדעם ווי איך האָב איהר רעדאקטירט איבער צוויי יאָהר, בין איך דורך „פּאָליטיק“ פון איהר ארויסגעשטויסען געוואָרען. אייניגע פון די נאָהענטע מיטארבייטער און טוער, וועלכע האָבען יאָהרען לאַנג אויסגעהאלטען די „צוקונפט“, א שטיי־גער דר. קאספּע, דר. ארטמאַן, דר. לאַנדע און אנדערע, האָבען קעגען דעם פּראָטעסטירט, אָבער דער פאקט איז געבליבען א פאקט, מען האָט זיי געוויזען די טיהר און א סוף.

איך האָב דעמאָלט רעדאַקטירט דעם „פריינד" פון ארבייטער רינג. האָבען אויך דאָ געווירקט דיזעלביגע „פּאָליטישע" כחות מיך צו פאַר־טרייבען. מען האָט מיר אויף יעדען טריט און שריט געלייגט שטיינער. מען האָט מיר פשוט פארביטערט דאָס לעבען. מיינע „גענאָסען און פריינד", וועמען איך האָב אויסגעשטרעקט א האנד, ווען זיי זיינען פארפאָלגט גע־וואָרען פון דערזעלביגער „פּאָליטיק", האָבען דערפון הנאה געהאט. עס וואָלטען זיך פאר זיי געעפענט נייע האָריזאָנטען, נייע מעגליכקייטען...

איין ענטוישונג נאָך דער אנדערער. די אטמאָספערע האָט מיר געוואָר־גען, זי איז געוואָרען רויכיג, גרוי. מיינע אמאָליגע האָפענונגען צו טאָן, צו ארבייטען, צו שאפען, זיינען דערשטיקט געווארען. אנשטאט מיטגע־פיהל האָב איך באגעגענט הינטער־פּיסלאך, הינטער־געדאנקען און אלער־ליי געמיינקייטען. איך האָב אָנגעפאנגען מורא צו האָבען פאר מענשען.

איך וואָלט געווים געהאט דעמזעלביגען סוף אין „פריינד", ווי אין דער „אידישער ארבייטער וועלט" און „צוקונפט", איז אבער טשערמאן אין דער פּרעס קאָמיטע פון ארב. רינג געווען מ. קאטץ. קאטץ האט ביי מיר ארויס־גערופען א געשריי : עוד לא פסו אמונים מבני אדם.

חברה האָט קאטץ'ן געוואונקען, געגעבען איהם אָנצוהערענישען, אז ער אליין קען ווערען דער רעדאַקטאר פון „פריינד", אז מיט איהם וועט מען בעסער דורכקומען ווי מיט מיר. און לאָזט מיר אייך זאָגען, אז קאטץ'ן וואָלט די שטעלע גאנץ גוט צונויץ געקומען און ער וואָלט געווים געקענט געפינען טויזענדע תירוצים צו פארנעהמען מיין פּלאַץ, פּונקט ווי מיינע אייגענע „גענאָסען" האָבען דאָס פריהער געטאָן.

איז אָבער קאטץ א ריינער מענש, א מענש מיט דעם גרויסען געפיהל פון גערעכטיגקייט און יושר. און דעם ערשטען מאָל האב איך זיך דעמאָלט געפיהלט, אז איך בין זיכער, אז מיך באשיצט אן אייזערנע וואנד. איך וועל אגב אורחא דא באמערקען, אז איך האָב מיט קאטץ'ן קיינמאל ניט באלאנגט צו איין פּארטיי, אז אונזערע איבערצייגונגען זיינען קיינמאָל ניט געווען און זיינען נאָך עד היום ניט איינע און דיזעלביגע.

אָבער וואָס מיר איבערצייגונגען, וואָס מיר טעאָריע, א מ ע נ ש מ ו ז מ ע ן זיין.

א מענש הייסט א ק ע מ פ ע ר ז י י ן .

מ. קאטץ איז א מ ע נ ש . ער האָט שטענדיג באקעמפט אלץ, וואָס איז געמיין, וואָס איז נידריג, וואָס איז ניט שעהן און ניט ריין. ער האָט שטענדיג זיך אָנגענומען אָהן געוויסע פּניות פאר די געקריוודעטע און באליידיגטע. ער האָט קיינמאָל ניט געזוכט זיך ארויסצודרעהען מיט אויס־

ריידען און פּשט'לעך פון געוויסע אומאָנגענעהמע לאַגעס, ער האָט שטענ־דיג געקעמפט פאַר דאָס שעהנע, פאַר דאָס אמת'ע, פאַר דאָס ריינע. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען די „שטורעמדיגע מיטינגען", ווען קאַטץ איז געווען דער מאַן אויף זיין פּלאַץ. עס האָט געמעגט פייפען א קאַלטער ווינד, עס האָט געמעגט זיין די גרעסטע זאַווערוכע, עס האָט געמעגט גי־סען און פּלוכענען א רעגען, קוים האָט מען באַדאַרפט באַקעמפען א גע־מיינהייט — איז קאַטץ געקומען.

פאַר מיר, יעדענפאַלס, איז קאַטץ אין יענער צייט געווען דער איינ־ציגער ליכטיגער שטערן אויף דעם פאַרכמורעטען הימעל.

קאַטץ'ס יובילעאום איז פאַר מיר א גרויסער און א שעהנער יום טוב. איך פיהל זיך גליקליך, וואָס איך האָב די געלעגענהייט, נאָך צוועלף יאָהר צייט ווי מיר האָבען געאַרבייט צוזאַמען, איהם אָפּצוגעבען צום ערשטען מאָל מיין גרויסען דאַנק. איך האַלט פאַר א גרויסע פּריווילעגיע צו קענען זיין אויף דעם יובילעאום פון מ. קאַטץ, דעם שעהנעם, דעם ריינעם, דעם נשמה'דיגען, דעם הארציגען מענשען.

דער זשורנאַליסט און דראַמאַטורג

ל. קאָברין

מ. קאַטץ אין דער „גרינער" צייט

.1

אין דער שעהנסטער צייט פון מיין לעבען האָב איך איהם געטראָפען, ווען איך, ווי די אנדערע, וואָס זיי זיינען גרין געווען, פריהלינגס־גרין, האָבען שעהן גע'חלום'ט, שעהן געשטרעבט, שעהן געארבייט, שעהן געהונגערט, שעהן געליבט און שעהן געליטען...

יונג זיינען מיר דאן געווען. ניט נאָר אין יאָהרען, און גרין, ניט נאָר אין צייט !...

אין'ם יאָהר 1893 איז דאָס געווען.

איך האָב גענומען אנטייל אין דער אידיש־אנארכיסטישער באוועגונג און געברענט, ממש געברענט, צו ברייננגען זיך אלס קרבן אויף דעם מזבח פון דער באפרייאונג פון דער מענשהייט...

איך דערמאָן זיך : אין יענער צייט האָב איך אלץ געטראכט, און מיט קאָכעדיגער בענקעניש, צו אויפטאָן עפּעס גרויסעס, גרויסעס פאר די באפרייאונג פון דער מענשהייט און שטארבען... ווארים שטארבען וועל איך דאָך סיי־ווי־סיי אמאָל מוזען, וועל איך ווייניגער לעבען, דערפאר וועל איך עפּעס אויפטאָן, אויפטאָן...

ווי איך בענק נאָך היינט נאָך יענער צייט ! ווי איך בענק נאָך יענער גרינער צייט, מיט איהרע קינדעריש־פאר'חלום'טע אויגען, אזוי פריש און אזוי ריין, פון יונגען, הייסען בלוט באוועגט און פון דער שעהנסטער און הייליגסטער נשמה באלעבט !...

א גאנץ לעבען ניכטערקייט פאר א פּאָר יאָהר שעהנעם חלום אין דעם לעבען, וואָס איז באמת אין זיין גאנצען סך הכל נישט מעהר ווי א חלום !

אַט אין דער דאָזיגער גרינגער צייט האָב איך זיך געטראָפן מיט מ. קאַטץ'ן.

איך האָב צו איהם ארויפגעקוקט. ער איז געווען דער הויפּט־פיהרער ביי די אידישע אנארכיסטען און דער רעדאקטאָר פון דער „פרייער ארביי־טער שטימע", און איך, א יונגערמאַן, איין־און־צוואַנציג יאָהר אלט, האָב געקוקט אויף איהם ווי אויף מיין רבי.

קיין שרייבער בין איך נאָך דאַן אויך ניט געווען, הגם דעם ליטעראַרי־שען חוש האָב איך שוין געהאַט געטראָגען אין אלע מיינע ביינער, ווארים אסך פריהער האָב איך געפּרובט שרייבען מעשה'לעך אין דער רוסישער שפּראַך. און אונטער דעם איינפלוס טאקע פון מ. קאַטץ'ן האָב איך שפּעטער אָנגעהויבען צו שרייבען אידישע זאכען. די ערשטע זאַך מיינע, אן איבערזעצונג פון גליעב אוספּענסקי, האָט ער אָפּגעדרוקט אין דער „פרייער ארבייטער שטימע".

.2

מ. קאַטץ'ן האָבען דאַן אלע ליעב געהאַט. א פריינדליכער מענש און גוטער חבר, האָט ער זיך אויפריכטיג אינטערעסירט מיט דער לאַגע פון יעדען איינציגען פון זיינע „גענאָסען".

בעת אנדערע פון די פיהרער זיינען פול געווען מיט זיך און מיט דעם וועלט־שמערץ וועגען דער גאנצער מענשהייט און האָבען דעם שמערץ פון די נאָהענטע כמעט ניט באמערקט, האָט קאַטץ זיך תמיד אָפּגערופען אויף דעם שמערץ פון יעדען איינציגען פון זיינע באקאַנטע.

דער זוניגער שלייער פון דער ווייטער „מענשהייט" האָט איהם ניט פארבלענדעט אזוי די אויגען, ווי די אנדערע פיהרער, אז ער זאָל ניט זעהן דעם מענשען אין דער נאָהענט....

אלס רעדאקטאָר פון דער "פרייער ארבייטער שטימע" האָט ער דעמאָלט באקומען (אויב ער האָט עס נאָר באלומען!) אן ערך ארום צעהן דאָלאַר וועכענטליכע שכירות, און הגם ער האָט געדארפט באזאָרגען מיט חיונה א פאמיליע, האָט ער פון די שכירות אָפט געשטיצט א חבר, וועלכער האָט געהונגערט, די לעצטע עטליכע סענט ממש אוועקגעגעבען, — און אנדערען האָט ער גאָר צו זיך אין הויז אריינגענומען און איהם אויסגעהאַלטען — אפילו מיט סיגאַרעטען און „קאַר־פעיר"...

אזא מין „באָרדער" בין איך אליין א געוויסע צייט געווען ביי איהם...

א שעהנער בלאָנדין, האָט ער אין זיך געהאַט עפּעס ליכטיגעס, זוניגעס, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין זיין שמייכעל און וואָס האָט באהארצט זיין קול.

און דעם דאָזיגען שמייכעל — ווי ווייט איך געדענק היינט — האָב איך כמעט שטענדיג אויף זיין פּנים געזעהן. בלויז ווען ער האָט געשריבען זיינע אַרטיקלען פאַר זיין צייטונג, אָדער ווען ער האָט גערעדט צו אַן עולם פון אַ פּלאַטפאָרם, האָט זיין ברייטער שטערן און זיינע בלאָנדע וואָנצעס ערנסט זיך געכמורעט.

ער איז געווען דער לעבעדיגסטער שרייבער צווישען די מיטאַרבייטער פון דער „פרייער אַרבייטער שטימע". באַזונדערס, געדענק איך, זיינען מיר דאַן געפעלען געווען זיינע פעליטאָנען, וועלכע ער האָט געשריבען אונטער דעם נאָמען „רעיונות פון אַ בעל מחשבה".

אין די דאָזיגע פעליטאָנען, וועלכע האָבען תמיד געטראָגען אַ כאַראַקטער פון פּראָפּאַגאַנדאַ, האָט זיך כמעט שטענדיג געפיהלט נאַלנאַן־הומאָר און גאַל.

ער איז אויך געווען אַ שעהנער רעדנער, און אין פאַרגלייך מיט די אַנ־דערע, — סיי אַנאַרכיסטישע און סיי סאָציאַליסטישע רעדנער אין יענער צייט, איז ער געווען איינער פון די געבילדעטסטע.

מיין איינדרוק וועגען איהם פון יענער צייט איז: אין זיין יוגענד איז ער מסתמא זעהר פרום געווען, האָט אַסך געלערענט גמרא און אַנדערע אי־דישע ספרים, איז אַן אפיקורס דערנאָך געוואָרען, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן דאַן צו דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור און געפונען אַן אָפּקלאַנג פאַר זיין גייסט אין די ווערק פון אַזעלכע רוסישע שרייבער ווי ק. מיכאַי־לאָווסקי און פון אַנדערע שרייבער פון דער רוסיש־רעוואָלוציאָנערער ליטע־ראַטור, וועלכע ער האָט מיט זיין ג מ ר א ־ מ ח פאַרדייהט, בעת ניט אַלע פון די דאַמאָלסדיגע רעדנער און שרייבער האָבען אַלצדינג, וואָס זיי האָבען געלעזען, און וועגען וואָס זיי האָבען גערעדט און געשריבען, מיט זייער מח איבערגעקאָכט.

ער, קאַטץ, האָט אַלע מאָל געוואוסט וועגען וואָס ער רעדט. זיין שטאַנד־פּונקט איז איהם אַלע מאָל קלאָר געווען און ער האָט איהם קלאָר געמאַכט פאַר זיינע צוהערער.

זיינע רעדעס האָבען שטענדיג געצויגען אַ גרויסען עולם און דוקא אַן אינטעליגענטען.

אָפט האָט ער גערעדט איבער רעליגיע. און איך דערמאָן זיך, ווי דער דאָזיגער מילדער און פריינדליכער קאַטץ האָט זיך אָנגעצונדען, ממש אַ וואַלד־גזלן, בעת ער האָט געשילדערט פאַר אַן עולם דעם אַבערגלויבען און די שעדליכקייט פון רעליגיע און איהרע דינער.

פון דעם אופן, ווי אַזוי און מיט וואָס פאַר אַ טאָן ער האָט ציטירט גע־

וויסע שטעלען פון דער גמרא און פון אנדערע ספרים, האָט מען געקאָנט מיינען, אז א יונגערמאן א למדן, וועלכער איז פריהער פאנאטיש־פרום גע־וועָן, וויל איצט נקמה נעהמען מיט דער אייגענער פאנאטישקייט פאר די אלע פארנארטע און אָפּגענארטע יאָהרען זיינע...

בלויז דאן איז קאטץ בייז און אויפגערעגט געווען, אזעלכע מאָמענטען האָבען אויפגעדעקט זיין אינעוועניגסטען פייער, זיין קאמפס־נאטור, וועלכע אין געוועהנליכע צייטען איז פארשטעלט געווען פון זיין זוניגען, מילדען און פריינדליכען שמייכעל.

די דאָזיגע פריינדליכקייט זיינע איז ביי די אנארכיסטען געווען א חסרון. זיי האָבען איהם אויפגעוואָרפען, אז ער איז צו מילד, צו ווייך, אז ער האָט געדארפט זיין א שטארקערער כאראקטער אלס רעדאקטאָר פון זייער צייטונג און אלס איינער פון די הויפּט־פיהרער פון דער אידישער אנארכיס־טישער באוועגונג.

איבערהויפּט איז מ. קאטץ ניט געווען קיין פאר'דבלה'טער רעוואָלוציאָ־נער. ער האָט געהאט אין זיך עטוואס פון דעם ארטיסט, פון דעם באָהעם — זאָרגלאָזיגקייט און לעבענס־לוסטיגקייט.

צי האָט ער באקומען זיינע שבירות, אָדער ניט ; צי איז געווען אויף רענט, אָדער ניט ; צי אמאָל האָט גאָר אויסגעפעהלט אויף סיגארעטען אפילו, — קאטץ האָט געשמייכעלט, קאטץ האָט זיך געגלייכוועלטעלט, און אָפט האָט ער זיך גאָר צוזונגען מיט א גאנץ אנגענעהמער שטים, און דוקא ניט קיין רעוואָלוציאָנערע רוסישע לידער...

און אמאָל — געדענק איך — האָבען מיר מיט איהם און דעם באלאנ־טען אינזשעניר מאָיסעיעף, וועלכער איז אין יענער צייט אויך געווען א פיהרער ביי די אידישע אנארכיסטען — די זומערדיגע נאכט דורכגעשפּאַ־צירט און געשמועסט וועגען זאכען ווי באָהעמער און ווייט ניט ווי רעוואָ־לוציאָנערען.

דאָס מיינט אָבער ניט, אז ער איז געווען ווייניגער איבערגעגעבען צו זיין אידעאל, איידער די אנדערע. פארקעהרט, דאָס מיינט, אז טראָץ דעם דאָזיגען שטריך פון זאָרגלאָזיגקייט און באָהעמישקייט אין זיין כאראקטער, האָט ער דאָך אין גאנצען געלעבט אין דער באוועגונג און פאר דער באַ־וועגונג. ער האָט נאָר ניט געטראָגען, אָדער, ריכטיגער, ניט געקענט טראָגען, די מינע פון דעם פאר'דבקה'טען רעוואָלוציאָנער.

מיט א צייט צוריק, זיצענדיג מיט איהם און רעדענדיג וועגען יענער פארגאנגענער צייט, האָט ער מיר דערצעהלט, ווי איינמאָל איז צו איהם געקומען ישראל בן עולם (בארסקי מיט זיין אמת'ן נאָמען ; א שניידער,

א מערקווירדיגער טיפ פון א אידישען רעוואָלוציאָנער) מיט א גוואלד:

— וואו נעהמט מען אן אמת'ען רעוואָלוציאָנער? איך מוז האָבען אן אמת'ען רעוואָלוציאָנער.

פרעגט איהם קאטץ:

— וואָס דארפט איהר אזוי אן אמת'ען רעוואָלוציאָנער?

דערצעהלט איהם ישראל בן עולם, אז אין א געוויסען שאפ זיינען די שניידער ארוים אויף א סטרייק און סקעבס האָבען פארנומען זייערע פלעצער, דארף מען האָבען א ריכטיגען רעוואָלוציאָנער, אז ער זאָל די סקעבס ארונטערנעהמען.

פרעגט איהם קאטץ:

— פארוואָס דוקא א ריכטיגען רעוואָלוציאָנער, און אזוי אן ארבייטער טויג ניט?

ערקלעהרט איהם ישראל בן עולם:

—נאָר א ריכטיגען רעוואָלוציאָנער דארף מען. נאָר א ריכטיגען רעוואָלוציאָנער, ווייל דער באָס פון'ם שאפ סטראשעט, אז ער וועט שלאָגען, ממית'ען, וועט ארעסטירען, וועט דערשיסען יענעם, וואָס וועט נאָר זיך דערוועגען ארונטערצונעהמען די סקעבס פון זיין שאפ. דערפאר — טענה'ט ישראל בן עולם — דארף מען האָבען פאר דעם נאָר א ריכטיגען רעוואָלוציאָנער.

זאָגט איהם קאטץ, אז ער אליין וועט געהן. קוקט איהם אָן ישראל בן עולם צוטומעלט.

— און אז מען וועט אייך הרג'ענען? — פרעגט ער.

— נו, וועט מען מיך הרג'ענען, — ענטפערט קאטץ.

ער, קאטץ, וויל נאָר, אז ישראל בן עולם מיט נאָך עטליכע מענשען זאָלען געהן מיט איהם און זאָלען ווארטען אין דרויסען נעבען שאפ, ביז זיי וועלען דערהערען א געשריי פון אינעווייניג, דאן זאָלען זיי אריינלויפען אין שאפ, איהם צו העלפען.

און אזוי איז געווען, קאטץ איז אוועק אין יענעם שאפ, וואו די סקעבס האָבען געארבייט; האָט זיך געריכט ארעסטירט צו ווערען, צו כאפען קלעפ און אפשר גאָר דער'הרג'עט צו ווערען, ווייל אין יענער צייט האָט מען ביי אזא שליחות דעם נפש ממש איינגעשטעלט אין קאָן, און דוקא האָט איהם דאן אָפגעגליקט. ער האָט געהאלטען א רעדע פאר די סקעבס אין יענעם שאפ און איז דערנאָך ארויס פון דאָרט מיט זיי און מיט א גאנצען קאָפ...

דאָס איז געווען מ. קאטץ אין יענער גרינער צייט.

א שעהנע גליקליכע צייט איז דאָס געווען.

ב. גארין

מ. קאטץ׳ס ערשטע טריט אין אידישען טעאטער

חבר א. פרומקין האט מיך אין דעם נאָמען פון דעם יובילעאום־קאמיטעט איינגעלאדען צו שרייבען אן אָפּשאצונג פון חבר קאטץ׳ס טעטיגקייט פאר׳ן אידישען טהעאטער.

ווי קורץ מען זאל זיך ניט פאסען אין אזא אפשאצונג, מוז זי ארויסכור־מען א לענגערע ארבייט, וואס פאדערט מעהר צייט ווי מען קאן מיר געבען און ווי איך קאן נעהמען.

א חוץ דעם גלויב איך ניט, אז א זאמעלבוך, וואס ווערט ארויסגעגעבען לכבוד א יובילעאום, איז דער פאסיגער פלאץ פאר אזא אפשאצונג. אן אפּ־שאצונג איז א קאלטע זאך און איך רעכען זיך פאר איינעם פון קאטץ׳ס עלט־סטע פריינד און וויל בשום אופן ניט קומען צו זיין יום טוב ווי א קאלטער מחותן.

איך וועל דאריבער דערצעהלען עפּעס אזוינס, וואס האט א שייכות מיט׳ן בעל היובל׳ס ערשטע טריט אין אידישען טהעאטער און וואס ער אליין האט שוין מסתמא לאנג פארגעסען.

מיין באקאנטשאפט מיט קאטץ׳ן האָט זיך אָנגעהויבען נאָך איידער איך בין געקומען קיין אמעריקא, הגם פריהער האבען מיר זיך קיין מאל ניט באַ־געגענט. עס איז געווען צו ערוואַרטען אז מיר זאלען ווערען גוט באפריינדעט אין דער גאלדענער מדינה און דאס איז געשעהן אזוי גיך, ווי איך האב פון זיך אפּגעטרייסעלט דעם שטויב פון דער אלטער וועלט.

דאס איז געווען די צייט, ווען דער היימישער אינטעליגענט האט שוין אויפגעהערט צו קוקען אויף שוירט־מייקעריי, ווי אויף די איינציגע ארבייט וואס איז פון ששת ימי בראשית געווען באשטימט פאר איהם און דאס ליעדעל "ארבייט מאכט דאס לעבען זיס" האט מען שוין געזונגען מיט ביטערער איראניע. דער סתם־אינטעליגענט האט זיך געווארפען אויף אנדערע גרינגערע באשעפטיגונגען און דער אינטעליגענט וואס האט אין זיך געטראגען דאס לעבעדיג ווארט האט געזוכט צו געבען איהם אויסדרוק אין דער פרעסע אדער אויף דער רעדנער טריבונע אדער אין טעאטער און גאנץ אפט אין אלע צוזאמען.

אבער דא דארף דערקלערט ווערען, אז די פרעסע האט דעמאלט במעט ניט געצאהלט, און דער רעדנער האט מעהר ווי א יישר כח ניט ערווארט פאר זיין ריידען אדער לעקציע און דער טהעאטער איז געווען ארומגעצאמט מיט א כינעזישער וואנט.

קאטץ איז דעמאלט געווען דער גליקליכער, וואס האט יעדע וואך געהאט זיינעם אן ארטיקעל אדער צוויי אין א טעגליכער צייטונג, איז געווען איינער פון די אנגעזעהנסטע רעדנער און לעקטשורערס, און ועל כלם, ער האט דערוויזען דורכצושפאלטען די כינעזישע וואנט און פארלויפט אדלער'ן א פיעסע.

דאס איז געווען באלד נאך מיין קומען קיין אמעריקא און איך האב נאך דעמאלט קיין מגע ומשא מיט'ן טהעאטער ניט געהאט. מיין איינציג פעלד איז דעמאלט געווען בעלעטריסטיק און איך האב וועגען טהעאטער אפילו ניט גע'חלומ'ט.

אין א שעהנעם פריהמארגען, — פארשטעהט זיך, אז אזוי רעדט זיך און עס קאן גרייליך זיין, אז דאס איז דוקא געווען אין א כמורנעם אבענד — באגעגענט מיך קאטץ און מאכט מיר א פארשלאג, מיר זאלעןביידע צוזאמען שרייבען א פיעסע. איך האב ניט געווארט אז ער זאל דעם פארשלאג מאכען א צווייטען מאל און מיר האבען זיך גלייך ביידע גענומען צו דער ארבייט.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז פון איהם האט זיך געפאדערט, ער זאל אין זינען האבען די טעכניק פון דער ביהנע, וועלכע איז מיר געווען פרעמד, און פון מיר האט זיך געפאדערט, איך זאל שענקען מעהר אויפמערקזאמקייט דער ענטוויקלונג פון די כאראקטערס, וואס איז געווען מעהר אין מיין לאין.

נאר ווי ווייט איך קאן געדענקען, האבען מיר זיך ביידע מעהר אפגעגעבען מיט די כאראקטערס און מיט'ן דיאלאג, ווי מיט דער האנדלונג. אבער דאס איז געווען א קלייניגקייט, ווייל מיר האבען געשריבען א קאמעדיע. נאר ווי ווייט איך קאן זיך איצט דערמאנען, זיינען מיר באגאנגען א גרויסען טעכנישען פעה־

לער אָדער ריכטיגער, צוויי גרויסע טעכנישע פעהלערן, וועלכע ווערען אין די ביכער פון טעכניק קיין מאָל ניט דערמאָנט.

דער ערשטער פעהלער איז געווען וואָס מיר האָבען געשאפען א רייהע קליינע כאראקטערס, און ווי עס ווייזט אויס, האָט קאטץ דעמאָלט נאָך ניט געוואוסט, אז ווען א סטאר קויפט א שטיק ניט פון א לאטיינער און ניט פון א הורוויטש ערוואַרט ער, אז ער זאל פארנעהמען די גאנצע ביהנע און די אנדערע אקטיאָרען זאָלען זיך גאר ניט אָנזעהען. די גרויסע ראָל פאר דעם איינציגען אקטיאָר האט אין אונזער קאָמעדיע געפעהלט. דער צווייטער פעהלער איז געווען, וואס מיר האָבען זיך גענומען צו קאָמעדיע. אין יענער צייט זיינען שוין קאָמעדיעס געווען פארטריבען פון דער אידישער ביהנע און יעדער סטאר האָט גערעכענט פאר א פחיתת הכבוד צו שפּיעלען א קאָמישען כאראקטער.

מיר האָבען צוזאמען אָנגעשריבען צוויי שטיקער. די צווייטע שטיק איז שוין געווען פריי פון איינעם פון די דערמאָנטע טעכנישע פעהלערן. די צווייטע שטיק האט שוין געהאט א ראָל פאר א סטאר, אבער זי איז אויך געווען א קאָמעדיע. און דאָס האט געהייסען, אז פאר קיין טהעאטער איז זי קיין סחורה ניט געווען. אבער דער זכות, וואס זי האט געהאט א ראָל פאר א סטאר איז געווען אזוי גרויס, אז דער סטאר האט זיך געלאזט ריידען און אפילו אנגעבאטען א פּרייז פון פופציג דאלאר.

עס ווייזט אויס, אז נאָך אלעמען איז נאָך קאטץ אויך ניט געווען גוט באהאוועגט אין מהעאטער, ווייל אונז ביידען האט אויסגעוויזען, אז דער פּרייז איז זעהר א קליינער. מיר האָבען ביידע דעמאָלט ניט געוואוסט, אז דאס איז געווען דער געוואוינליכער פּרייז, מיט וועלכען אלטע דראמענמאכער האבען זיך געפּרעהט און אנפאנגער זיינען געווען איבערגליקליך. בפרט ווען דער סטאר האָט די שטיק געוואָלט קויפען ניט פאר'ן טעאטער, נאָר אויף דעם זעלביגען גרונט וואס א אידענע פרעגעלט איינגעמאכץ, דאס הייסט אז מען זאל ניט דארפען. זיין חשבון איז געווען, אז א סטאר וועלכער האט זיינע צוויי אייגענע בענעפיטס א יאהר, דארף האבען אונטער דער האנט פארטיגע פּיעסען . . .

און אפשר האט דער סטאר געהאט דערביי אויך אנדערע רעכענונגען. קאטץ'ס נאָמען איז געווען א גוטער פאר דעם אינטעליגענטערען עולם. און דער מהעאטער דארף האבען נייע קרעפטען, און אויב ניט היינט איז מארגען וועט דער יונגער פארפאסער קומען מיט דער גרויסער דראמא און מען דארף איהם צומוטהיגען.

צולעב געווייסע אורזאכען זיינען מיר מיט דער ערשטער פיעסע פארטיג געווארען א סך שפעטער, און ווען עס איז געקומען צו מאכען א פארלעזונג, האט זיך ארויסגעוויזען, אז קראפאטקין איז געלומען קיין ניו יארק און קאטץ האט פארלארען זיין גאנצען אינטערעס אין דעם שטיק, אין די אקטיארען און אין דעם טהעאטער.

פארשטעהט זיך, אז שפעטער האבען מיר די פיעסע געלייענט פאר דעם סטאר, נאר אזוי ווי דארטען איז ניט געווען קיין גרויסע ראל פאר איהם, איז ער געבליבען גאנץ קאלט.

די צוויי דערמאנטע פיעסען זיינען קיין מאל ניט אויפגעפיהרט געווארען און אונזער קאלאבאראציע האט זיך דעמאלט געענדיגט.

א. פרומקין

מיט קאַטץ'ן אין פרייד און אין לייד

(א 25 יעהריגע באקאנטשאפט)

ארום אָנפאנג פון יאָהר 1899 האָב איך זיך געפונען אויף א שיף וואָס האָט מיך געפיהרט פון האוור קיין נויאָרק. מיט א קורצער צייט פאר דעם האָבען עטליכע אנארכיסטישע חברים פארבונדען מיט מיר א קאָרעספאָנדענץ וועגען אריבערקומען קיין אמעריקא, אלס רעדאקטאָר פון א וועכענטליכער צייטונג, די „פרייע ארבייטער שטימע", וועלכע זיי האָבען געפלאנט צוריקצוברייגנען אין לעבען. דעם אמת געזאָגט, בין איך ניט געווען איבעריגס באגייסטערט דערפאר. איך האָב שוין ביים לאָנדאָנער „ארבייטער פריינד" געהאט פארזוכט דעם טעם פון זיין רעדאקטאָר פון א צייטונג וואָס ווערט ארויסגעגעבען פון א גרופע, און איך האָב קיין חשק ניט געהאט נאָך אמאָל דורכצומאכען די ערפאהרונג. אָבער ס'האָט געצויגען קיין אמעריקא, צו א ברייטערען פעלד פון טהעטיגקייט. בין איך געפאָהרען.

די גאנצע צייט, אויפ'ן שיף, האָב איך געזוכט זיך צו פארענטפערן די פראגע: וואָס האָבען זיי אזוינס דערזעהן אויף מיר, וואָס זיי אימ־פּאָרטירען מיך פון אייראָפּא? קארג האָבען זיי דאָרט שרייבער און זשורנאליסטען? איך האָב זיי פערזענליך ניט געקענט, נאָר זייערע שריפ־טען האָב איך געלייענט אין דעם מאָנאטליכען זשורנאל „די פרייע געזעל־שאפט" און אין דער אלטער „פרייע ארבייטער שטימע": זאלאטאראוו, מעריסאָן, מאָיסעיעף און קאטץ — איבערהויפט קאטץ, וועמעס „רעיונות פון א בעל מחשבה" עס האָבען אויף מיר געמאכט אזא טיעפען איינדרוק, און וועלכער האָט מיט א פאָר יאָהר פריהער, אונטער מיין רעדאקציע,

אָפּגעדרוקט א פּאָר קאַפּיטלעך פון זיין „טאָג־בוך פון אַן איבעריגען“, וואָס איז אפשר געווען דאָס אָריגינעלסטע וואָס איז אין יענער פעריאָדע ער־שיענען אין לאָנדאָנער „ארבייטער פריינד“. וואָס זשע האָבען זיי פּאָרט דערזעהן אויף מיר וואָס זיי אימפּאָרטירען מיך אזש פון פּאַריז ?

דאָס האָב איך זיך געהאלטען אין איין פרעגען, ביז איך בין אָנגעקומען קיין נויאָרק.

מיט קאַטץ'ן האָב איך זיך באַגעגענט עטליכע שטונדען נאָכדעם ווי איך בין אראָפּ פון שיף, ביי דעם ליעבען חבר מאַקס נ. מייזעל, וועלכער איז נאָך ניט געווען קיין פארלעגער און אפילו ניט קיין גרויסער בוכהענד־לער, נאָר ער האָט שוין דאמאָלס פארזאָרגט די איסט סיידער אינטעליגענץ מיט גייסטיגע שפּייז און צוגעשטעלט די גענאָסען די בעסטע ביכער אין פארשיעדענע שפּראכען. דאָרט, אין א בייסמענט אויף הענרי סטריט, איז געווען א שטיקעל צענטער, א זאמעל־פּונקט, וואו עס פלעגען זיך צונויפ־קומען אנארכיסטען און סאָציאליסטען ; און דאָרט האָב איך זיך צום ערשטען מאָל געטראָפען מיט מ. קאַטץ. איך געדענק ניט ווער נאָך עס איז יענעם אבענד געווען דאָרט ; איך ווייס נאָר, אז קאַטץ'ס געשטאַלט האָט מיך ווי צוגעשמידט. ס'איז געווען אומגעפעהר דאָס וואָס איך האָב ער־וואַרט. עס טרעפט זעלטען, אז דאָס בילד, וואָס איהר מאָלט זיך אויס פון א מענשען לויט זיין שרייבען, זאָל זיין גענוי ווי איהר האָט עס זיך פאָרגעשטעלט. גאַנץ אָפט בלייבט מען ענטוישט. דאָ, ביי קאַטץ'ן, איז קיין ענטוישונג ניט געווען. אזוי האָב איך זיך איהם פאָרגעשטעלט אין מיין געדאַנק. דורך די אויגען־פענסטערלעך האָט ארויסגעקוקט א לויטערע נשמה, די גוטמוטיגקייט, די מילדקייט האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אויף זיין געזיכט, און הינטער דעם איז געלעגען די סאַטירע, דער שאַרפער בליק פון דעם קלוגען פעליטאָניסט, פון דעם „בעל מחשבה“. אין די קומענדע עט־ליכע טעג האָב איך געהאט א געלעגענהייט זיך צו באַקענען מיט די אַנ־דערע גענאָסען. זיי זיינען אַלע געווען פארשידענאַרטיג : דער וואַרעמער, טעמפּעראַמענטפולער זאָלאָטאַראָוו, דער אַנאַליטישער דענקער מעריסאָן, דער פיינשמעקער מאָיסעיעף, דער איבערגעבענער, פריינדליכער מייזעל, דער פּראַקטישער, קלוגער קאָפּעלאָוו און נאָך אַנדערע, די מעהרסטע פון זיי אינטערעסאַנטע מענשען. אָבער דער מאַגנעט, די צוציהונגס־קראַפט איז געווען קאַטץ. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט זיך אינטערע־סירט מיט מיר ניט בלויז ווי מיט דעם „גענאָסע“, ניט בלויז וועגען דעם צוועק, צוליעב וועלכען איך בין געקומען, נאָר האָט אויך געוואָלט וויסען וואָס מיט מיר אליין טהוט זיך, ווענען איך האָב איבערגעלאָזט אויף יענער

זייט ים און ווי אזוי איך קאָן זיך דאָ איינאָרדנען. מיר האָבען זיך צורעדט און מיר זיינען באַפריינדעט געוואָרען פון דער ערשטער מינוט.

באַלד האָב איך זיך אויך באַקענט מיט דער לאַגע און עס איז מיר קלאָר געוואָרען, פאַרוואָס מען האָט זיך באַדאַרפט ווענדען קיין אייראָפּאַ נאָך אַ רעדאַקטאָר. קיינער פון די נויאָרקער האָט ניט געוואָלט נעהמען אויף זיך דעם „דזשאָב“. דערצו זיינען די אַנאַרכיסטען דאַמאַלס ניט געווען אייניג צווישען זיך וועגען די פּראָפּאַגאַנדאַ־מיטלען. זיי זיינען געווען צוטיילט אין צוויי גרופּען : איינע האָט געוואָלט אַ וועכענטליכע צייטונג, וואָס דאָס מיינט אַ ברייטערע פּראָפּאַגאַנדאַ, מיט דעם צוועק צו שאַפען אַ גרויסע באַוועגונג, און די צווייטע האָט געוואָלט אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל, מיט גרינדליכע וויסענשאַפטליכע אָבהאַנדלונגען איבער פאַרשיעדענע סאָציאַלע פראַגען און אויך די בעסטע בעלעטריסטיק און אַרטיקלען איבער ליטעראַטור און קונסט. דאָס האָט געמיינט אויפקלערונגס־אַרבייט. פּראָפּאַגאַנדאַ פאַר אַן ענגערן קרייז. מען האָט דיסקוטירט, זיך אַרומגעריסען און אַ שטיק צייט ניט געקאָנט קומען צו קיין שלום. די אינטעליגענטערע כחות, די וואָס האָבען געקאָנט לייסטען מיט וואָרט און שריפט, זיינען מעהרסטענס געווען שטאַרקע אָנהענגער פון אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל. קאַטץ, לויט זיין שטייגער, איז געשטאַנען אויף אַ מיטעל־וועג ; ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז ביידע גרופּען זיינען גערעכט, און מען דאַרף ביידע זאַכען : אי אַ צייטונג, אי אַ זשורנאַל. און ביידע צדדים האָבען געריסען קאַטץ׳ן צו זיך ; זיי האָבען איהם געוואָלט האָבען, אָבער ניט האַלב, נאָר אין גאַנצען, מיט לייב און לעבען. און אויף ביידע זייטען האָט מען געקאָנט הערען מענות, אַז קאַטץ איז „ניט אַהין און ניט אַהער“. אָבער דער סוף איז געווען, אַז מען האָט אַנדערש ניט געקאָנט שליכטען די פראַגע, נאָר אָננעהמענדיג קאַטץ׳ס פאָרשלאַג צו האָבען ביידע זאַכען : אַ צייטונג און אַ זשורנאַל.

מען האָט זיך צוטיילט מיט דער קליינער „ירושה“ — אַן ערך 800 אָדער 900 דאָלאַר וואָס איז פריהער געזאַמעלט געוואָרען פאַר דעם צוועק — און מען האָט אָנגעהויבען אַרבייטען אין באַזונדערע גרופּען פאַר דער „פר. אַרב. שטימע“ און פאַר „די פרייע געזעלשאַפט“. קאַטץ איז געבליבען מיט זיינע אַלטע חברים ביי דער „פרייער געזעלשאַפט“, וועלכע איז ערשיענען רעגעלמעסיג אַ יאָהר צייט, אונטער דער רעדאַקציע פון דר. מערריסאָן און מ. לעאָנטיעף (מאָיסעיעף).

* * *

אונזער פריינדשאפט האָט זיך צעמענטירט, פארשטארקט, ארבייטענ־דיג צוזאמען כמעט טאָג טעגליך ביי דער „פרייער געזעלשאפט“ און שפּע־טער אין „פאָרווערטס“. קאַטץ איז דאן געווען א שטענדיגער מיטארביי־טער אין „פאָרווערטס“ — אין „אינעווייניגסטער“; און הגם אלס אנאר־כיסט איז ער ניט געווען קיין „אייגענער מענש“, האָט מען פונדעסטוועגען פאר איהם געהאט די טיעפסטע אכטונג און זיין ארבייט איז זעהר הויך אָפּגעשאצט געוואָרען. ס'איז דאן געווען א מערקווירדיגע צייט. דער „פאָר־ווערטס“ איז נאָך געווען א קליינע, שוואכע צייטונג, 4 זייטען די גרויס, מיט ווייניג מיטארבייטער, וועלכע האָבען געארבייט פאר זעהר קליינע שכירות. די רעדאקטערע פלעגען זיך בייטען אלע צוויי דריי וואָכען: אמאָל איז דאָס געווען עליזאָוויץ, אמאָל פּעסקין, אמאָל זאמעטקין, אמאָל האָלצמאן און מייסטענס ל. ע. מילער. מילער איז פאקטיש שטענדיג גע־ווען דער רעדאלטאָר, אפילו ווען אן אנדערער האָט אין נאָמען באקליידט דעם אמט. יעדעס מאָל וואָס מילער פלעגט קומען אין דער רעדאקציע, איז ער געווען דער רעדאקטאָר. צווישען די מיטארבייטער איז קאַטץ גע־ווען ניט בלויז איינער פון די טיכטיגסטע, נאָר אויך דער פּראָדוקטיווסטער שרייבער. ער פלעגט זיך ניצליך מאכען אויף אלע געביעטען: האָט גע־שריבען ארטיקלען, עדיטאָריעלס, פעליטאָנען, ביכער־קריטיק, ראָמאן און נייעס. און אלעס אזוי שנעל, אז מען פלעגט גאָרנישט באמערקען ווי דאָס קומט ארויס פון זיינע הענט.

דער פארהעלטניסמעסיג שוואכער „פאָרווערטס“ האָט דאן געפיהרט א ביטערען קאמף מיט'ן „טאָגעבלאַט“. די צוויי צייטונגען פלעגען זיך מורא־דיג אטאקירען. מילער האָט אלע ווייל געהאט עפּעס א „באָמבע“ געגען כתריאל צבי שרהזאָהן, און דאָס „טאגעבלאט“ האָט ניט אויסגעלאָזט קיין שום געלעגענהייט אָנצופאלען אויף די אידישע סאָציאליסטען און זיי בא־שמוצען, מאכען אויף זיי די שענדליכסטע בלבולים. קאַטץ האָט פון צייט צו צייט אנטייל גענומען אין אָט דעם קאמף, און זיין גלענצענדע פעדער פלעגט גאָר אָפט אויסשמידען א שפּיציגע, שארפע פייל וואָס פלעגט טרע־פען אין סאמע הארץ פון דער דאמאלסדיגער „טאגעבלאט“־חברה. איינמאָל האָט געטראָפען אן עקסידענט וואָס האָט געקאָנט קאָסטען דעם „פאָר־ווערטס“ זיין עקזיסטענץ און דאָס „טאגעבלאט“, ווי געוועהנליך, האָט אָט דעם עקסידענט אויסגענוצט פאר א ביטערער, שענדליכער אטאקע אויף די אידישע סאָציאליסטען. בלויז א דאנק מילער'ס מוטה און קאַטץ'ס שארפע פעדער איז די סיטואציע געראַטעוועט געוואָרען.

ס'איז געווען סוף זומער 1899. דער „פאָרווערטס“ האָט ארגאנזירט

אן עקסקוירשאָן. מען האָט אָפּגעדונגען צוויי שיפען פאר א גאנצען שבת'־דיגען טאָג. פון אין דערפריה אָן האָבען די שיפען אויפגענומען מענשען אין נויאָרק און זיי אָפּגעפיהרט אויף א באשטימטען פלאַץ, אין א פּארק, וואו מען האָט לוסטיג פארבראכט. אזוי זיינען די שיפען געגאנגען הין און צוריק, געבראכט מענשען אין פארק און צוריק געפיהרט מענשען אין שטאָדט אריין. דער אָפּמאך מיט דער קאָמפּאני איז געווען, אז די שיפען זאָלען מאכען זייער לעצטע רייזע ארום 8 אזייגער אין אבענד, ווען זיי זאָלען אויפנעהמען אלע איבערגעבליבענע אין פּארק און זיי צוריקברענגען קיין נויאָרק. איך געדענק ניט אויף ריכטיג וואָס פאר א טעות עס איז געשעהן, נאָר די צוויי שיפען זיינען ארום 5 אזייגער אָפּגעפאָהרען פון דעם עקסקוירשאָן פּלאַץ און זיינען מעהר ניט צוריקגעקומען.

אין פּארק זיינען געבליבען עטליכע הונדערט מענשען, מענער, פרויען און קינדער. ס'איז געוואָרען נאכט, דער עולם איז געווען אומרוהיג, הונגעריג, אָבער דער בופעט איז געווען אין גאנצען אויספארקויפט; ס'איז גאָרנישט געווען וואָס צו נעהמען אין מויל. אן אונאנגענעהמע געשיכטע, אָבער ניט קיין אומגליק. ס'איז געווען א ווארעמע נאכט. די יונגע חברה, בּאָים און מיידלאך, האָבען געזונגען און געטאנצט און זיך אמוזירט. די קליינע קינדער האָבען אביסעל געוויינט און זיינען איינגעשלאָפען צוזאמען מיט די מאמעס אונטער די בוימער און אויפ'ן גראָז. אָבער אין שטאָדט, אין נויאָרק, האָט זיך געטאָן חושך. דאָרט האָבען מענער געווארט אויף זייערע פרויען און קינדער, ברידער אויף זייערע שוועסטער א. א. וו. מען איז געשטאנען א גאנצע נאכט ביים דאק אין אנגסטען און אין שרעק.

אויף מאָרגען, זונטאג אין דערפריה, איז דאָס „טאגעבלאט" ארויסגעקומען מיט א שטיק נייעס, אז „סאָציאליסטען פארפיהרען טויזענדער מענשען אין א וואלד און לאָזען זיי אויסגעהן פאר הונגער; מיידלאך פארגוואלטיגט א. א. וו., א. א. וו." מען קאָן זיך פאָרשטעלען וואָס פאר א שטימונג עס האָט געהערשט אין אידישען קווארטאל, ווי אויפגערעגט דער עולם איז געווען געגען „פאָרווערטס", באזונדערס נאָך דערפאר וואָס עס איז ניט געלונגען צו ברענגען די מאסע מענשען פון פארק ערשט ביז זונטאג פינף אזייגער פארנאכט.

ווען די עטליכע שרייבער פון „פאָרווערטס" זיינען אויף מאָרגען, מאָנטאג גאנץ פריה, טרויעריגע, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, געקומען צו דער ארבייט, האָבען זיי זיך געוואונדערט וואָס דער אָפיס און די רעדאקציע שטעהען נאָך אויף אָן אָרט און וואָס די שויבען אין די פענסטער זיינען גאנץ... אָבער מילער איז ניט געשלאָפען. ער האָט צוגעגרייט זיין פּלאַן

נאָך זונטאג, אָנקלאָגענדיג די קאָמפּאַני פאר דעמעדזשעס ; און קומענדיג אין דער רעדאקציע, האָט ער זיך דאָס ערשטע געוועגדעט צו קאטץ׳ן און איהם געפרעגט, צי ער איז געוועז אויפ׳ן עקסקורשאָן צווישען די פּאר־בליבענע אין פּארק, און אויסגעפינענדיג אז יא, האָט ער איהם געבעטען צו באשרייבען די גאנצע געשיכטע. קאטץ האָט אָנגעשריבען א דריי לאָ־לום׳דיגע נייעס ווענען דער פּאסירונג און געשילדערט מיט לעבהאפטע שטריכען די לוסטיגע און טראגי־קאָמישע סצענקעס וואָס זיינען פּאָרגע־קומען אין פּארק. אָבער דאָס איז ניט געוועז אלעס. זיין „איין און אויס“, זיינע „שפּריצען“ וואָס ער פלעגט שרייבען א פּאָר מאָל אין וואָך, האָט קאטץ יענעם טאָג אין גאנצען געווידמעט דעם „טאגעבלאט“ און באזונ־דערס זיין דאמאלסדיגען רעדאקטאָר, דעם גע׳שמד׳טען יאָהאן פּאליי, ווע־מען ער האָט געשטעמפּעלט מיט׳ן נאָמען „יאָהאנוס קאָלבאסוס“. אָט די „שפּריצען“ און די באשרייבונג אויף דער ערשטער זייט פון “פאָרווערטס” זיינען געווען דער געשפּרעך פון טאָג. „יאָהאנוס קאָלבאסוס, א ליכטעל שטעל !“ — אָט די פראזע האָט זיך איבערגעטראָגען פון מויל צו מויל. די סיטואציע איז ניט בלויז געווען גערעטעט, נאָר דער „פאָרווערטס“ איז נאָך ארויס זיגרייך.

אין צוויי, דריי וואָכען ארום האָט די צייטונג אָנגעהויבען ערשיינען אין זעקס, אנשטאט פיער זייטען.

* * *

ארום אָנפאנג פון 1900 האָט קאטץ איבערגעלעבט עטליכע שטורמישע וואָכען, און מיט דער פרייד און לייד וואָס יענע טעג האָבען איהם פאר־שאפט האָבען זיך געטיילט מיט איהם זיינע אינטימסטע פריינד. צו יענער צייט האָט ער פארטיג געמאכט זיין דראמא „דער אידישער דאָן קיכאָט“, וואָס איז אייגענטליך געווען די ערשטע ווירקליגע שאפונג זיינע פאר דער אידישער ביהנע. ער האָט שוין פריהער געהאט געמאכט א פּאָר פּארזוכען פאר׳ן טעאטער, אָבער זיי זיינען געבליבען אָהן באדייטונג. דאָ איז ער ארויסגעקומען מיט א פּיעסע וואָס האָט אין יענער צייט געזאָגט א ניי וואָרט און ארויסגערופען באגייסטערונג ביי יעדען איינעם פון די, וועלכע האָבען זיך באקאנט מיט איהר אינהאלט. דער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאט, „דיאָכלע“, וואָס איז געמאָלען מיט אזוי פיעל ווייכקייט, מיט אזויפיעל הארציגער ליעבשאפט ; דער טיפּ פון דעם חובב ציון, ר׳ יחזקאל לאנדא, וועלכער פארקערפּערט אין זיך די עדעלסטע שטריכען פון דעם טריי־הארציגען און קלאָהר־דענקענדען אידען, און די אלע אנדערע פּערזאָנען פון דער דראמא, אזוי גוט ווי די שפּראך, דער סטיל, אין וועלכען זי איז

געשריבען, — דאָס אַלעס האָט געווירקט ווי א צויבער. אין די ליטעראַ־רישע און דראמאטישע קרייזען האָט מען גערעדט מיט דעם טיעפסטען אינטערעס פון קאטץ'ס ווערק, און די גרופּע „פרייע געזעלשאפט" האָט באשלאָסען צו שטעלען דעם „אידישען דאָן קיכאָט" אלס בענעפיט פאר דעם אנארכיסטישען זשורנאל.

מען האָט אראנזשירט מיט דעם דאמאלדיגען „טהאליא טעאטער" אויפצופיהרען דאָס שטיק און עס שפּיעלען דריי אָבענדען נאָכאנאנד בשותפות — „פּיפטי פּיפטי". אין דעם אנסאמבל פון די שוישפּילער האָבען זיך געפונען אזעלכע קרעפטען ווי מאָגולעסקאָ, מאָשקאָוויטש, זיגמונד פיינמאן, בינה אבראמאָוויטש און אנדערע באדייטענדע אקטיאָרען און אקטריסען. די דריי פאָרשטעלונגען זיינען געקרוינט געוואָרען מיט דעם גרעסטען פינאנציעלען און מאָראלישען ערפאָלג. דאָס זיינען געווען דריי יום טוב נעכט. דאָס טעאטער איז געווען איבערגעפּאקט מיט באגייסטער־טע צושויער, וועלכע האָבען אפּלאָדירט די שוישפּיעלער און יעדען אבענד ביים שלום ארויסגערופען דעם פארפאסער און איהם אויפגענומען מיט די וואַרימסטע אָוואציעס. דאן האָט מען, פאר א פּאָר וואָכען צייט, גע־האַלטען אין איין רעדען און אין איין שרייבען וועגען „אידישען דאָן קיכאָט". אב. קאהאן, וועלכער האָט דאן מיטגעארבייט אין דעם ענגלישען „קאמיר־שעל אדווערטייזער" און פלעגט בלויז פון צייט צו צייט זיך ווייזען אין אידישען קווארטאל, איז געווען אזוי ענטציקט פון קאטץ'ס דראמא, אז ער האָט דאן אין „פאָרווערטס" געשריבען א גאנצע רייה ארטיקלען וועגען איהם.

די געהויבענע, יום־טוב'דיגע שטימונג האָט אָנגעהאַלטען א פּאָר וואָכען צייט. דאן האָט דער וואָרם פון קנאה זיך ארייגנעכאפּט אין מאנכע הערצער, און די פרעהליכע טעג האָבען זיך געענדיגט מיט א „קאצעניאמער" וואָס האָט אונזער ליעבען קאטץ געקאָסט א שטיק געזונד.

* * *

איך מוז זיך אומקעהרען צוריק צו קאטץ'ס ארבייט אין „פאָרווערטס".

אין זומער פון 1900 בין איך אָנגעקומען אלס „אינעווייניגסטער", אלס שטענדיגער מיטארבייטער אין „פאָרווערטס", וואו איך בין פארבליבען מיט קאטץ'ן צוזאמען די קומענדע דריי יאָהר צייט. דער צושטאנד אין דער רעדאקציע איז געווען דערזעלבער וואָס מיט א יאָהר פריהער. אלע „מאָנטאג און דאָנערשטאג" אן אנדער רעדאקטאָר, און אָפט איז די צייטונג געבליבען גאָר אָהן א רעדאקטאָר, אָהן א פאראנטוואָרטליכען פּאָליטי־

שען וועג־ווייזער. מען פלעגט זיך פארלאָזען אויף קאטץ'ן. מען האָט גע־ האט צוטרוי צו איהם, אז ער וועט ניט מיסברויכען די צייטונג פאר זיינע אידעען און ער וועט, חלילה, ניט ארײנשמוגלען קיין אנארכיזם אין איהרע קאָלומס. איך געדענק, ווי קאטץ האָט זיך אמאָל געבעטען ביי דעם פאר־ וואלטונגס־ראטה, מען זאָל איהם וועניגסטענס באשטימען איינעם, א סאָציאל־דעמאָקראט, וואָס זאָל אכטונג געבען אויף „כשרות" אין דער צייטונג ; און מען האָט באשטימט מאקס פיין'ן אלס „משגיח"...

נאָר איין זאך האָט מען איבערגעגעבען פאָלשטענדיג אין קאטץ'ס הענט. דאָס איז געווען די ליטעראַרישע זייט פון „פאָרווערטס", און די ארבייט וואָס ער האָט געטאָן אויף דעם געביעט איז געווען מוסטערהאפט.

אין יענער צייט פלעגט מען אָנשטרענגען אלע כחות אויף דעם שבת'־ דיגען נומער. שבת פלעגט מען געבען אסך מעהר און די בעסטע לעזע־ שטאָף. קאטץ פלעגט דאן צוזאמענשטעלען שבת'דיגע ליטעראַרישע נו־ מערען, וועלכע זיינען געווען גלענצענד ניט בלויז פאר יענער צייט, נאָר זיי וואָלטען זיך אָסור געדארפט שעהמען פאר דאָס בעסטע וואָס מיר קריגען איצט אין דער אידישער פרעסע. דערביי האָט ער ארויסגעבראכט א פאָר נייע טאלאנטען און אויפגעדעקט עטליכע אלטע, וועלכע זיינען געלעגען באגראָבען צווישען די פארשטויבטע מאנוסקריפּטען אין דעם רע־ דאקציאָנס־דעסק. פון דאָרט האָט ער ארויסגעזוכט בריליאנטענע געדיכטע פון יהואש, גלענצענדע ארטיקלען פון זשיטלאָווסקי און פיינע סקיצען און ערצעהלונגען פון „גרינע", נאָך אונבאקאנטע שרייבער, וועלכע האָבען דער־ נאָך געקראָגען זייער נאָמען און זייער פלאץ אין דער אמעריקאנער אידי־ שער ליטעראטור. אונטער קאטץ'ס רעדאקציע האָט ה. רויזענבלאט דער־ זעהן זיין ערשט געדיכט אין דרוק, און י. ראָלניק האָט דאן פון דאָס ניי אָנגעהויבען שרייבען זיינע ליעדער.

די העכסטע הויך האָבען אָט די רייכע ליטעראַרישע שבת'דיגע נומערן פון „פאָרווערטס" דערגרייכט אין זומער 1901. אויסער קאטץ'ס אייגענע זאכען פלעגען אָט די נומערען ענטהאלטען ארטיקלען, סקיצען און געדיכ־ טע פון אב. קאהאן, ווינטשעווסקי, ליבין, יהואש, רויזענבלאט און אנדערע. אויסער דעם פלעגען ערשיינען רעגעלמעסיג איבערזעצונגען פון די בעסטע ליטעראַרישע שאפונגען אין העברעאיש.

אחוץ זיינע רעגעלמעסיגע „ערנסטע פלוידערייען", וועלכע ער פלעגט שרייבען אונטער דעם פסיוודאָנים „בן אמוץ", האָט קאטץ אין יענער צייט געשריבען ארטיקלען איבער קונסט, ביכער־קריטיק און רעצענזיעס. דאָ

געט זיך א קליינע באמערקונג. מען איז געוואוינט געווען, אין קרייז פון פריינט, שטענדיג צו רעדען פון קאטץ'ס גוטמוטיגקייט, און אָפט האָט מען געקלאָגט הערען קריטישע באמערקונגען, אז קאטץ איז שוין אביסעל צו גוט, צו מילד, וואו מען דארף און וואו מען דארף ניט, — אז ער קאָן גאָר קיינמאָל ניט אין כעס ווערען. דאָס איז א גרויסער טעות. מען דארף לייענען קאטץ'ס קריטישע ארטיקלען איבער ביכער און זשורנאלען און מען וועט אויסגעפינען, אז דאָרט וואו מען דארף איז ער שוין גאָרנישט מילד. אָפט איז ער זאָגאר בייסענד. אָבער ער איז שטענדיג צוגלידערענד, ער זשאלעוועט ניט קיין וואָרט, סיי ווען ער לויבט און סיי ווען ער טאדעלט, ווייל דער עיקר ביי איהם איז איבערצייגונג; ער וויל ניט איהר זאָלט איהם גלויבען אויפ'ן וואָרט. און צייטענווייז, ווען מען דארף, ווערט ער אין כעס, אזוי ווי יעדער בשר ודם, און זיין שארפע פעדער שניידט זיך אריין אין דער זיבעטער ריפ...

* * *

דאן זיינען געקומען עטליכע יאָהר, ווען מיר זיינען געווען ווייט איינער פון אנדערען. דער ים האָט אונז צושיידט — אין צוויי וועלט־טיילען. ענדע 1903 בין איך צוריקגעפאָהרען קיין אייראָפּא, וואו איך האָב פון ווייטען מיט אינטערעס נאָכגעפאָלגט קאטץ'ס טהעטיגקייט, זיין זשורנאליסטישע ארבייט אין דער „ווארהייט", זיין אקטיווען אנטייל אין דער רוסישער סאָציאל־רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, זיינע עפענטליכע ארויסטריטען פאר די נאציאָנאל־סאָציאליסטישע אידעען א. א. וו.

אין 1908 האָב איך איהם אויף אן אומגעריכטען אופן באגעגענט אין פּאריז, אויף גערשוני'ס לויה. אויסערליך איז פאר מיר געשטאנען כמעט אן אנדער קאטץ. ער האָט זיך אין די עטליכע יאָהר שטארק פארענדערט. פיעלע קנייטשען האָבען זיך אויסגעלעגט אויף זיין געזיכט, ער איז גראָה געוואָרען. איך האָב דערקענט די שווערע האנד פון דער צייט און פון די אומשטענדען. אָבער ווען מיר האָבען זיך צורעדט, האָב איך דערזעהן דעם זעלבען גוטמוטיגען און ליעבען קאטץ, מיט דער זעלבער פרישקייט און מונטערקייט, מיט דעם זעלבען פרייען און ברייטען בליק אויף וועלט און מענשען, מיט דעם זעלבען אפּטימיזם.

ער האָט פארבראכט א שטיקעל צייט אין פּאריז, וואו עס האָבען זיך אן געפונען עטליכע פּראָמינענטע פיהרער פון דער סאָציאל־רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין רוסלאנד, מיט וועמען ער האָט געהאט אָפטע באַראטונגען. מיר פלעגען זיך טרעפען כמעט יעדען טאָג, און ביי איינע פון

די דאָזיגע באַגעגענישען האָב איך געזעהן, ווי אַזוי לאַטץ קאָן ווערען אין כעס ווען מען דאַרף. און ווי נאָך אין כעס!

מיר האָבען אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפען אין אַ באַקאַנטען אידישען רעסטאָראַן אויף „ריע דעז עקוף", וואו עס פלעגען טאָג טעגליך זיך צו־נויפקומען אַנאַרכיסטען און סאָציאַליסטען. עס זיינען געווען אַ צעהנדליג מענשען, וועלכע האָבען מיט אונגעדולד געוואַרט אויף׳ן קאַטץ׳ן, וועמען זיי האָבען ניט געקענט פּערזענליך, אָבער וועמען זיי האָבען געלעזען און וועגען וועמען זיי האָבען זיך אַזויפיעל אָנגעהערט. איינער פון אָט דער גרופּע, אַ געוויסער טאָמאַרינסאָן, האָט יאָ געקענט קאַטץ׳ן פּערזענליך, און ער איז געווען אונגעדולדיגער פון די אַנדערע. אָט דער טאָמאַרינסאָן איז צו יענער צייט געווען אַ גאַנצער מאַכער ביי די אידישע און רוסישע אַנאַר־כיסטען אין פּאַריז. מען האָט זעהר פיעל געהאַלטען פון איהם, ווייל ער איז געווען זעהר ענערגיש און טהעטיג און פלעגט פּשוט באַווייזען וואונ־דער. די וואָס האָבען איהם נעהענטער געקענט, האָבען ניט געהאַט צו איהם קיין צוטרוי, ווייל ער פלעגט אָפּטאָן אַלערליי אונאַנשטענדיגע זאַכען און אָפט אין גאַנצען פאַרשווינדען אויף אַ לענגערע צייט. אָבער די מעהרסטע האָבען איהם באַטראַכט פאַר אַ העלד און אַ טיכטיגען פיהרער. אין דעם אָבענד, ווען לאַטץ האָט געדאַרפט קומען אין יענעם רעסטאָראַן, איז טאָ־מאַרינסאָן געווען זעהר נערוועז. ער האָט ניט געקאָנט איינזיצען אויף אָן אָרט און האָט געהאַלטען אין איין פרעגען, ווען קומט שוין קאַטץ. ענדליך איז קאַטץ אריין אין רעסטאָראַן. דער חברה־מאַן איז דער ערשטער צוגע־לאָפען און געוואָלט זיך ארומכאַפּען מיט איהם, אָבער קאַטץ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד, ער זאָל בלייבען שטעהן פון וויטען, און ער האָט זיך אויסגעדרעהט און צו איהם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

דאָס איז געווען אַ שרעקליכע סצענע. פאַר דעם „מנין" אַנאַרכיסטען וואָס זיינען געזעסען ארום אַ פּאָר טישלעך איז דאָס געווען די גרויזאַמסטע האַנדלונג וואָס אַ מענש קאָן באַגעהן. זיי זיינען געבליבען ווי צעמישט, און ווען קאַטץ איז אַוועק, האָבען זיי זיך געפרעגט איינע די אַנדערע: „וואָס איז דאָס פאַר אַ מענש? איז דאָס קאַטץ?"

אָבער אין אַ פּאָר יאָהר ארום האָבען זיי זיך ווידער דערמאָנט אָן דער סצענע, און זיי האָבען איינגעזעהן וואָס פאַר אַ מערקווירדיגער מענש אָט דער לאַטץ איז, וואָס פאַר אַ וויטען בליק ער האָט. ס׳האָט זיך ארויסגע־שטעלט, אַז טאָמאַרינסאָן איז אַ רוסישער שפּיאָן און אַז ער איז דאָס גע־ווען יאָהרען־לאַנג, בעת ער האָט געשפּיעלט די ראָלע פון אַן אַנאַרכיסטישען פיהרער. ווען קאַטץ האָט איהם אַזוי גרויזאַם אָפּגעשטויסען פון זיך, האָט

ער נאָך ניט געוואוסט אויף זיכער, אז טאָמארינסאָן איז א שפּיאָן. ער האָט אָבער געהערט וועגן פארשיעדענע געמיינהייטען און שווינדלערייען, וועל־כע דער חברה־מאן האָט אָפּגעטאָן, און ער האָט ניט געוואָלט וויסען פון איהם.

* * *

עס בלייבט נאָך איבער א גאנצע פּעריאָדע — די לעצטע עלף יאָהר וואָס מיר זיינען געווען פארבונדען צוזאמען אין אונזער טאָג־טעגליכער ארבייט ביי דער „אידישער וועלט“. אָבער דער פּלאַץ איז באשרענקט.

קורץ געפאסט: דאָס זיינען געווען יאָהרען פון שווערער ארבייט, פון פיזישער און גייסטיגער אָנשטרענגונג. און די צייט האָט זיך געטאָן איהרס, און די עלטער האָט ארויפגעלעגט איהר שטעמפּעל אויף דעם זשורנאַליס־טישען וועטעראַן, האָט אביסעל איינגעבויגען זיין רוקען און ארויפגעשאָ־טען נאָך זילבער אויף זיין קאָפּ. אָבער די נשמה איז געבליבען יונג, דאָס הארץ פריש און דאָס אויג ליכטיג און ווייט־זעהענדיג ווי אין יענער שענער, שענער צייט פון אונזער ערשטער באקאנטשאפט.

ב. ריוואָקין

מ. קאַטץ אלס בויער פון אידישען זשורנאליזם

.1

ווען איהר זעהט היינט פאר זיך די פיעל פארצווייגטע אידישע פרעסע אין אמעריקא מיט איהרע צייטונגען און זשורנאלען; ווען איהר לייענט לייט־ארטיקלען, אויפקלעהרענדע און אינפאָרמירענדע ארטיקלען, קריטי־קירענדע און פאָלעמיזירענדע ארטיקלען; ווען איהר לייענט פעליטאָנען, וואָס טראָגען אייך אונטער ערנסטע געדאנקען אויף שארפע שפּיזען, אויף לוסטיגע איינפאלען — און דאָס וואָס איהר לייענט נעהמט איהר אויף אזוי לייכט, און עס רעדט צו אייך און מאכט אייך דענקען און פיהלען און זיך אָפּרופען — איהר נעהמט האנדלען לויט דעם געלייענטען וואָרט — זייט וויסען, אז צו פארדאנקען האָט איהר עס צו א גרויסען טייל אונזער יובילאר מ. קאַטץ'ן.

מ. קאַטץ איז איינער פון די באשעפער פון דער אידישער פּרעסע אין אמעריקא — די פּרעסע, ווי זי איז היינט צו טאָג, וועלכע העלפט אייער גייסט זיך צענויפוואקסען מיט דעם ארומיגען, אידישען, אמעריקאנישען און אלוועלטליכען לעבען.

עס איז א גרויסער פארדיענסט.

וואָרים עס איז גאָר ניט אזוי לייכט צו רעדען צום לעזער אזוי אז עס זאָל איהם נעהמען; אזוי אז ער זאָל קריגען דעם איינדרוק, אז דאָס רעדט מען צו איהם פּערזענליך — וועגען אן ענין, וואָס איז איהם נוגע, און אז עס איז זעהר וויכטיג, ער זאָל זיך נאָך מעהר פאראינטערעסירען אין דעם.

היינט קען דאָס יעדער דורכשניטליכער שרייבער באוויזען; דער וועג איז פאר איהם אויסגעטראָטען; ער האָט פאר זיך ליגען פארטיגע מוס־טערן, און ער דארף נור נאָכשרייבען; יעדער ארטיקעל געשריבען פון אן עלטערן שרייבער לערענט איהם, ווי צו האלטען די פען אין האנד. איינס

צוויי און ער קען שוין די חכמה, ווען ער האָט נור דעם שרייבערשען פונק אין זיך.

אָבער אמאָל פלעגט אפילו דעם בעסטען שרייבער, דעם געבאָרענעם שרייבער געפאלען אומגעהייער שווער צו רעדען דירעקט וועגען א טאָג־טעג־ליכען ענין. בלעטערט דורך די צייטונגען און זשורנאלען פון פאר דרייסיג יאָהרען — די אלטע „צוקונפט“, דעם „צייט גייסט“, די „נייע צייט“ — וועט איהר קריגען דעם געפיהל, ווי איהר וואָלט ארויפגעקראָכען אויף די וואָלקענס. אלע שרייבער שוועבען אין דער לופטען. פון מרחקים קומען זיי צעפליהען און אין מרחקים טראָגען זיי זיך אוועק. נור טעאָריען, נור וועלט־אנשויאונגען דעבאטירען זיי. מעהרסטענס פלעגען זיי זיך אלע אָפּ־געבען מיט פּאָפּולאריזירען וויסענשאפט; מיט איבערזאָגען פרעמדע שווע־רע ביכער אויף א לייכטען אופן. אפילו אזא שרייבער, ווי דער פארשטאָר־בענער בעראנאָוו, וועלכער האָט שפּעטער זיך געמאכט א נאָמען מיט זיין פעהיגקייט אויפצושטעכען מיט זיין שפּיציגער פען א געשעהעניש פון טאָג — האָט דאמאלס געמאכט זיך פאר זיין ספּעציאליטעט — פּאָפּולאריזירען וויסענשאפט.

די „פרייע געזעלשאפט“, דער „צייט גייסט“, די „נייע צייט“ זיינען פון טאָוועל צו טאָוועל איבערגעשריבען פון דייטש, פראנצויזיש, רוסיש, ענגליש.

אפילו ווען זיי האָבען גערעדט צום ארבייטער וועגען דער פּראַקטיש־סטער פראגע — וועגען א רעיז אויף זיינע ווייזשעס — זיינען זיי גלייך אריבערגעשפּרונגען צו מארקסען אָדער קראָפּאָטקינען. מיט מארקסען פלעגט זיך אָנהויבען, מיט מארקסען פלעגט זיך ענדיגען.

וועגען דער עצם־פראגע — דעם רעיז — איז נור געווען אגיטאציע, און מען שפּירט, אז דער איבערגאנג פון וועלט־אנשויאונג צו דער פּראַק־טישער פראגע קומט אָן דעם שרייבער מיט מאטערניש. ער האָט זיך אליין געמאטערט און דעם לעזער פארמאטערט. ער דארף אזוי נידריג זיך אראָפּ־לאָזען! ער דארף מאכען אזא שפּרונג! און קיין בריק פון דער וועלט־אנשויאונג — פון זיין סאָציאליזם אָדער אנארכיזם — צו דער טאָג־טעג־ליכער געשעהעניש איז ניט געווען.

איין אויסנאהמע איז געווען — פיליפּ קראַנץ. אָבער איהם איז געווען לייכטער. ער פלעגט שרייבען וועגען לאנד־פּאָליטיק און וועלט־פּאָליטיק, האָט ער נור געדארפט נאָכפּאָלגען דער ענגלישער פּרעסע, און ער האָט געקענט רוהיג פארבלייבען אין די מרחקים.

אָבער צוקומען צו דער ווירקליכקייט — צו דער נאָהענטער ווירקליכ־

קייט — ספּעציעל צו דער אידישער ווירקליכקייט — האָט כמעט קיינער פון זיי ניט געקענט. נאָך מעהר, זיי האָבען ניט געוואָלט. עס איז זיי גאָר ניט איינגעפאלען אז אזא זאך דארף געטאָן ווערען.

אידישע ענינים האָבען גאָר ניט עקזיסטירט פאר זיי. אין דעם פּרט ווייזט זיך ארויס באזונדערס בולט זייער דערווייטערטקייט פון לעבען, זייער לופט־שוועבעריי. פון קאָפּ ביז די פיס אָפּגעטונקט געווען אין די מוטנע וואסערען פון דעם נייעם אידישען לעבען אין אמעריקא, מיט די עלענ־בויגנס זיך געריבען אין מנושם׳דיגע אידישע פאקטען — אָבער ארויס־קריגען ביי זיי א וואָרט וועגען דעם איז אונמעגליך געווען. אויסער אין די ימים נוראים, ווען א טייל פון זיי האָבען געהאלטען פאר זייער פליכט צו פיהרען אגיטאציע געגען גאָט.

אפילו נאָכ׳ן יאָהר 1897, ווען עס איז אונטערגעקומען דער ציוניזם, און עס האָט זיך אָנגעהויבען די גרויסע דעבאטע וועגען אידען און אידיש־קייט, איז די גרויסע דעבאטע אויך געפיהרט געוואָרען פון דעם גרייסען מהלך. מען האָט דעבאטירט צי אידען זיינען א נאציע — אודאי ניט! און אויב אפילו יא א נאציע, צי איז נאציאָנאליזם ניט פארבאָטען; צי עס איז ניט א פארברעכען געגען די צעהן געבאָט פון קאָסמאָפּאָליטיזם אָפּצו־זונדערן זיך אלס איד...

דאָס איז געווען די אידישע פרעסע פון פאר 30 יאָהרען. — א פרעסע, וועלכע וואָלט אויף דעם היינטיגען לעזער געוואָרפען א חלשות׳דיגע קעלט. א קאלטער פּוסטער ווינט וואָלט אויף איהם א בלאָז געטאָן פון דעם טיעפען אָפּגרונד צווישען דער וועלט־אנשויאונג און ווירקליכקייט.

און מ. קאַטץ איז געווען דער יעניגער, וועלכער האָט גלייך מיט זיינע ערשטע שריט אין אידישען זשורנאליזם אריבערגעוואָרפען א בריק איבער אָט דעם אָפּגרונד. זיין גאנג איז גלייך פון אָנהויב געווען פון טעאָריע צו פאקט.

אָנגעקומען איז ער אין אמעריקא אין יאָהר 1888; און אין דעמזעלבי־גען יאָהר מאכט ער זיין ערשטען ארויסטריט אויפ׳ן פעלד פון אידישען זשורנאליזם — מיט א סעריע ארטיקלען וועגען דער אידען־פראגע אין דער דאמאלסדיגער וועכענטליכער „ווארהייט“. און זיין לעצטער אויספיהר איז אזעלכער, וואָס על פּי טעאָריע וואָלט עס גאָר קיין דאמאלסדיגען שרייבער ניט איינגעפאלען. אידען, אפילו ווען עס פעהלען זיי אלע געוועהנליכע סימנים פון א נאציע — ניט דער סימן פון שפּראך און ניט דער סימן פון טעריטאָריע; און דער רעליגיעזער סימן אליין איז ניט גענוג צו מאכען א נאציע — אָבער פאלטיש זיינען זיי פּאָרט א נאציע; אן אייגענארטיגע

נאציע, וואָס צו איהר איז גאָר קיין גלייבען ניטאָ. מיט זייער מערקווירדי־גער צופּאסונגס־פעהיגקייט, מיט זייער קענען פּאַרוואַנדלען זיך אומעטום אין יענער נאציע, צווישען וועלכע זיי לעבען — דאָ זיינען זיי פּאָלשטענ־דיגע רוסען, און דאָרט פּאָלשטענדיגע דייטשען; און פראנצויזען און אמע־ריקאנער — מיט אָט דער איבערראשענדער פארענדערליכקייט זייערער שיידען זיך די אידען אָפּ פון אלע אנדערע נאציעס; דאָס טיילט זיי אוי־מעטום אוים אין א באזונדערען פּסיכאָלאָגישען טיפּ; דאָס שטעמפּעלט זיי אלס אידען.

קיינע פאקטישע, אויסערליכע סימנים, אָבער פּסיכאָלאָגיש בלייבען די אידען א נאציע. רופט עס פּסיכישע נאציע, רופט עס ווי איהר ווילט, רופט עס גאָר קיין נאציע ניט — אָבער אידען בלייבען אידען.

פון דער דאמאלס הערשענדער קאָסמאָפּאָליטישער טעאָריע האָט מ. קאטץ אזא אויספיהר גאָר ניט געקענט מאכען. ער האָט זיך געדארפט שטיצען אויף געזעהענע, בעאָבאכטעטע, ווירקליכע פאקטען.

און אין גרונד גענומען האָט ער ריכטיג געטראָפען.

2.

און מ. קאטץ'ס ערשטער פּרוב ווייזט שוין אויף זיין ווייטערדיגען וועג: די טעאָריע איז נור זיין אויסגאנגס־פּונקט, זי בלייבט ביי איהם אין הינ־טערגרונד, הענגען הענגט ער זיך אָן אָן פאקטען.

און דאָס איז געווען מ. קאטץ'ס עובדא פאר די ערשטע 10 יאָהר פון זיין שריפטשטעלערישער טעטיגקייט אין אמעריקא, ווען ער האָט געשרי־בען אין וועכענטליכע אָדער מאָנאטליכע צייט־שריפטען — „ווארהייט“, „פרייע ארבייטער שטימע“, „פרייע געזעלשאפט“, „צייט־גייסט“, „פאָלקס־אדוואָקאט“ — ער האָט אריינגעארבייט וועלט־אנשויאונג אין פאקטען.

צוזאמען מיט אלע שרייבער פון יענער צייט האָט ער געטאָן די ארבייט וואָס האָט דאמאלס געגאָלטען אלס זשורנאליזם; פּאָפּולאריזירט און אי־בערגעזאָגט; אָבער אנדערש פון אלע אנדערע שרייבער, האָט ער נאָך גע־שריבען אין א ספּעציעלער פאָרם, וואָס היינט וואָלט מען עס אָנגערופען פילאָזאָפיש־פּאָעטישע פעליטאָנען, וועלכע זיינען געגאנגען אונטער דעם נאָמען „ערנסטע פלוידערייען“, „רעיונות פון א בעל מחשבה“.

און ווען איהר לייענט זיי היינט, שפּירט איהר בחוש וואָס פאר א גע־וואלדיגע ארבייט מ. קאטץ האָט גענומען אויף זיך; עס איז געווען א רייסען זיך פון די וואָלקענס אויף דער ערד. א פארמעסטען זיך אראָפּצו־שפּרינגען פון דער הויך. אזוי ווי א רויב פויגעל באשרייבט קרייזען אין דער לופטען, און מאכט אלץ ענגער און ענגער זיינע קרייזען — ביז ער

פאַלט אַרויף מיט אַ אימפּעטדיגען ריס אויף זיין קרבן און פאַרצוקט איהם — אַזוי אויך מ. קאַטץ אין זיינע „רעיונות פון אַ בעל מחשבה״ : ער טרייבט זיינע אידעען און שטימונגען אין ווירבעל־קרייזען — אין אַ גערעג נאָך די פאַלטען פון לעבען — ביז ער כאַפּט זיי און שלינגט זיי איין.

נור אַ פּראָפּעסיאָנעלער שרייבער קען אָפּשאַצען, וויפיעל אויפטהו דאָ איז געווען. הימעל און ערד, וועלט־אַנשויאונג און ווירקליכקייט, טעאָריע און פאַקט זיינען אַזוי אָפּגעשיידט געווען ; ווי בלעכענע פּאַרהאַנגען וואָלטען געהאַנגען צווישען זיי. שרייבער האָבען ניט געזעהן, זיינען בלינד געווען צו זאַכען וואָס פאַר זייערע אויגען.

און מען האָט געדאַרפט באַזיצען אַ שאַרפע ראיה, און אַן איינגעבאָרענעם אַפּעטיט צו ענינים, וואָס פאַרלויפען זיך צווישען מענשען, וואָס מען באַגעגענט זיי פּנים אל פּנים — אום צו קענען ערפאָלגרייך דורכמאַכען דעם פּראָצעס פון אַראָפּלאָזען זיך פון דער לופטען אויף דער ערד.

עס איז געווען פּונקט אַזאַ ריזיקאַלישער איינשטעל, ווי פאַר די ערשטע לופט־פליהער אַראָפּצושטייגען מיט'ן עראָפּלאַן.

צום סוף פון די צעהן יאָהר איז עס קאַטץ'ן פאָלשטענדיג געלונגען. ווען ער איז אין יאָהר 1899 אָנגעקומען אין „פאָרווערטס״ — איז ער שוין געווען אַ זשורנאַליסט, ווי איהר קענט איהם היינט צו טאָג : איינער וואָס האָט צענויפגעשמאָלצען זיין וועלט־אַנשויאונג מיט דער ווירקליכקייט, וואָס האָט זיין טעאָריע צו פאַלטען געמאַכט. ער איז איינער פון די ערשטע וואָס האָט אויפגעהערט צו שלעפּען זיין וועלט אַנשויאונג פאַר די האָר, אָבער און ווידער צו ברייגנען זיין טעאָריע פאַר אַן עדות, אַז דאָס וואָס ער זאָגט איז אמת. ער האָט זיך ניט באַרופען אויף געלעהרטע אויטאָריטעטען, ער האָט ניט געבראַכט קיין ציטאַטען פון פרעמדע ביכער, ער האָט ניט געשוואָרען ניט אויף מאַרקסען און ניט אויף פּרודאָנען, ער האָט געוואָלט באַשטעהן אויף זיך אַליין ; זיין וועלט־אַנשויאונג, זיין טעאָריע זאָל דער לעזער זוכען צווישען זיינע רייד.

און דערמיט איז מ. קאַטץ געוואָרען איינער פון די אויפבויער פון אידישען זשורנאַליזם אין אַמעריקאַ — פון דעם וויכטיגסטען טייל פון זשורנאַליזם, דער פיהרענדער פּובליציסטיק, וועלכער רעדענדיג וועגען עניני דיומא, דערהויבט און פאַרטיעפט דעם לעזער'ס בליק ער זאָל דערזעהן ווייטער און טיעפער פון דער צופעליגער טאָג־טעגליכקייט ; ער זאָל דערזעהן דעם נעכטען און דעם מאָרגען ; די סבות און די פאָלגען ; דעם פּלאָנטער מיט דעם אויסוועג פון פּלאָנטער.

פון אַ פאַקט זאָל דער לעזער אויף דאָס גאַנצע לעבען לערנען.

דער סעקרעט פון גוטען שרייבען איז, אז די פאקטען דארפען ארויס־קומען באלויכטען מיט אידעע. אן ארטיקעל וואס גיט נור דעם טרוקענעם פאקט, אינפארמירט בלויז, לאזט דעם לעזער איבער קאלט און גלייכגילטיג. אבער די אידעע דארף ניט צוגעקלעפט ווערען צום פאקט מיט טינט, אדער אנגעטאן ווערען אויף איהם ווי א היטעל, נור אריינגעטאן ווערען אין איהם ווי זיין נשמה. נור אזוי געשריבען, קען אן ארטיקעלווירקען. ער אפעלירט צום לעזער, דער לעזער באהארציגט איהם. עס מאכט איהם צום דענקען און נאך מעהר: עס מאכט איהם אפרופען זיך מיט א באשלוס ווי ער זאל האנדלען.

און ווען דער אידישער לעזער אין אמעריקא לעבט מיט דעם לעבען פון גאנצען אידישען פאלק און פון דער גאנצער וועלט — איז עס א דאנק דעם פיינעם ארט שרייבען, וואס מ. קאטץ איז געווען איינער פון די ערשטע אין אמעריקא עס איינצופיהרען.

מ. קאטץ איז געווען איינער פון די גאר ווענינע וואס האבען דערהויבען די אידישע פרעסע צו דער מדרגה פון אמת'ן זשורנאליזם.

ער דארף דארום פארעכענט ווערען פאר א פיאניר־בויער פון דעם אידישען זשורנאליזם.

אפען גערעדט — אין אייראפא, האבען זיי נאך ביז איצט די מדרגה ניט דערגרייכט, די שרייבער — אפילו די בעסטע — שוועבען נאך אלץ אין די וואלקענס; אין זייער שרייבען איז נאך דא א גרויסע מאס איידעלע בטלנות, אפגעשריבענע פון העברעאיש מליצה.

דאס איז דערפאר, ווייל זיי האבען דארט ניט דורכגעמאכט דעם שווע־רען קאמף, וואס די אידישע שרייבער דא; דארט האבען זיי געהאט פאר־טיגע מוסטערן — די העברעאישע, רוסישע, פוילישע פרעסע, — זיי האבען דאס פארטיגע בלויז איבערזעצט אין אידיש.

דא זיינען קיין פארטיגע מוסטערן ניט געווען; די ענגלישע פרעסע איז געווען צו ווייט פון אידישען אינטערעס; און אפעלירען האט דער אידישער שרייבער געדארפט צו א לעזער, וואס האט קוים די אידישע אותיות געקענט. און א לעזער איז ער געווען דוקא א פאדערדיגער — א בירגער אדער קינפטיגער בירגער פון א דעמאקראטישער רעפובליק, האט ער קיין באציהונג ניט געהאט צום שרייבער, ווי צו א גרוסען יחסן, וועמען ער דארף אויסהערען, אפילו ווען ער פארשטעהט איהם ניט.

דער שרייבער פאר זיין סענט — מוז איהם געבען זיין „מאני'ס וואירט" — תוך, ענין, אינטערעס.

איז דער שרייבער געצוואונגען געווען צו דערפיהרען די אידעע, וואס

ער האָט געוואָלט צוטראָגען דעם לעזער, די כונה, וואָס ער האָט געוואָלט אין איהם אריינגעבען — צו אזא איינפאכקייט, אז דער לעזער זאָל עס אָהן שוועריגקייטען באנעהמען.

און צוטראָגען האָט ער געדארפט גאנצע פילאָזאָפיען, טיעפע טעאָריען, וועלט־אנשויאונגען, וואָס געלעהרטע פּראָפעסאָרען האָבען עס ארויסגע־בראכט פון זייער מוח.

איז אין דעם שרייבער אָנגעגאנגען א גרויסע ראנגלעריי מיט זיך אליין — ביז ער האָט זיך איינגעקלעמט צו שטאָהלענער איינפאכקייט, צו נעשליפענער דורכזיכטיגקייט.

געלונגען איז עס פריהער פון אלץ, נאטירליך — די בעסערע, די באַ־רופענע שרייבער, וואָס מ. קאטץ איז געווען איינער פון די ווייניגע.

און געלונגען איז עס איז אמעריקא פיעל מעהר ווי אין אייראָפּא — איז אזוי ארום מ. קאטץ ניט נור א פּיאָניר־בויער פון אידישען זשורנאַ־ליזם אין אמעריקא, נור אויך פון אלוועלטליכען אידישען זשורנאליזם.

דאָס דארף פּארו־עכענט ווערען פאר זיין ערשטען און גרעסטען פאר־דיענסט.

3.

מעגען מיר איצט פרעגען : ווארום איז אויף מ. קאטץ'ס גורל אויס־געפאלען צו זיין א פּיאָניר־בויער ? וועלכע איינענשאפטען פון זיין שריי־בערישען טאלאנט אָדער וועלכע מעלות פון זיין פּערזענליכקייט האָבען איהם באזונדערס פאסיג געמאכט פאר דער ראָלע — מעהר ווי יעדען אנדערן ?

ווייל ער איז מעהר ווי א שרייבער געווען. אחוץ שרייבערישען טאלאנט האָט מ. קאטץ מיטגעבראכט פון דער אלטער היים א פּערזענליכקייט. א פיעל־זייטיגע פּערזענליכקייט, רייך אין אידעען, פארבען, שטימונגען, א שווערמערישע, פאנטאסטישע נאטור. און געלעבט האָט ער ניט מיט'ן קאָפּ אליין, נור דורך קיינמאָל ניט אויפהערענדע, קיינמאָל ניט שטום־בלייבענ־דע אינערליכע איבערלעבונגען.

און וועלט־אנשויאונג איז ביי איהם געווען ניט קאָפּ־שטיק, ניט שאטען פון טעאָריע, נור די אידעע פון א טרוים — א טרוים וועגען מענשען. א טרוים, וואָס רוהט ניט און וויל ווערען ווירקליכקייט. אָבער ווען א טרוים פּרובט ווערען ווירקליכקייט, האלט ער ניט אויס, קען ער ניט בלייבען גאנץ, נעהמט ער זיך ברעכען, און פון א צעבראָכענעם טרוים רינט בלוט — הארץ־וועהטאָג. איז מ. קאטץ'ס וועלט־אנשויאונג געווען גלייכצייטיג אידעע, טרוים און הארצוועהטאָג. א זיך ראנגלענדע, האָפענדע, צווייפלענדע און פארצווייפלענדע וועלט־אנשויאונג. א וועלט־אנשויאונג אין שטענדיגער

באוועגונג, וואָס קען זיך נור צוזאַמענהאַלטען אויף דעמזעלביגען אופן, ווי קאָנפליקטען, סתירות האַלטען זיך צוזאַמען אין אַ דראַמאַ. דער סוזשעט האַלט זיי צוזאַמען.

איז קאַטץ׳ס פּערזענליכקייט געווען אַ סוזשעט פון אַ דראַמאַ, אין וועל־כער עס שפּיעלען זיך אָפּ קאָנפליקטען, זעלבסט־ריסעריייען — אַ דראַמאַ־טישע פּערזענליכקייט.

אָט אין דעם איז די גאַנצע נפקא מינה. קאָפּ־מענשען קענען זיך צוקלע־פּען צו אַ טעאָריע, און ווען די טעאָריע איז נאָך אָפּגעשטעמפּעלט מיט אַ פּאַרטיי זיגעל, קענען זיי זיך בארוהיגען אין דער פולער זיכערקייט, אַז פון איצט אָן איז די גאַנצע וועלט „אָלרייט". אָבער אַ דראַמאַטישע פּער־זענליכקייט קען זיך ניט בארוהיגען, ווייל זי קען פון זיך אַליין ניט באַ־האַלטען איהרע סעקרעטען; ווייל זי קען פאַר זיך אַליין ניט אָפּלייקענען, אַז איהר גאַנצקייט איז אַ געשפּאָלטענע, אַ זיך צוזאַמענשטויסענדע. אַ דראַמאַטישע פּערזענליכקייט מוז זיך דראַמאַטיזירען אין שרייבען, זי מוז ארויסקומען מיט איהר פולער אָנגעלאָדענקייט, פונאַנדערלייגען איהר גאַנ־צען פּאַק: איהר חושך און איהר ליכט; איהר מרה שחורה און אויפבלי־צענדען גלויבען.

האָבען אַלע שרייבער — מיט ווייניגע אויסנאַהמען — געקענט זיך באַנו־גענען מיט איבערשרייבען און איבערזאָגען די חכמות פון זייער פּאַרטיי־אישער תורה; און מ. קאַטץ אַלס האָרעפּאַשנער מענש האָט געטיילט מיט זיי די ניט פּרעהליכע מלאכה. אָבער אַנטפּלעקען זיך פול מיט זיין גאַנצער אייגענאַרטיגקייט, האָט ער נור געקענט אין דעם פרייען, ניט געבונדענעם פּעליטאָן, דורך וועלכען עס לאָזט זיך אַלעמאָל דורכשמוגלען פאַרבאָטענע אידעען־קאָנטראַבאַנדאַ, צו וועלכער קיין פּאַרטיי־שניידער וועט ניט ווי־סען ווי זיך צוצוריהרען מיט זיין שער.

אין פעליטאָן לאָזט ער זיך וואוילגעהן. דאָרט לאָזט ער אָפּשפּיעלען די דראַמאַ פון זיין „איך", מיט אַלע איהרע סתירות און ניט־זיכערקייטען. קיין אידעע איז ניט זיכער מיט זיך, קיין אידעע איז ניט שטאָלץ מיט זיך, קיין אידעע בראַווירט ניט מיט איהר כשר׳ער פּאַרטיי־אנגעהעריגקייט. אַלע ווייזען זיי זיך אויס, ווי אַראָפּגעקומענע פון זייער גדלות, אביסעל צוגע־סם׳טע מיט סקעפּטיציזם. די גאַנצע וועלט־אנשויאונג, וועלכע איז, פאַר־שטעהט זיך, געווען די סאַמע קאָסמאָפּאָליטישע, די סאַמע פרייהייטליכע — קומט אויס ווי אַ צעשמעטערטע פון אַ קלאַפּ אין דעם צוזאַמענשטויס מיט די פאַקטען פון לעבען... און די הויפּט־פאַקטען, וועלכע האָבען געגעבען דעם שטאַרקסטען זעץ צו דער קאָסמאָפּאָליטיש־פרייהייטליכער וועלט־אנ־

שויאונג, זיינען געווען די אידישע צרות איבער דער וועלט, פון וועלכע אנדערע שרייבער האָבען אַזוי לייכט זיך געקענט פאַרשטעלען מיט בלע־בענע פּאַרטיי־פּראָגראַמען.

דאָ וועלען מיר אביסעל צוריקגעהן צו מ. קאַטץ'ס אידעען־אַנטוויקלונג, צו זיינע גייסטיגע איבערגאַנגען.

א קאָסמאָפּאָליט איז ער געווען, און על פּי קאָסמאָפּאָליטיזם האָט מען ניט געטאָרט דעם אידען זעהן, אָבער מ. קאַטץ האָט איהם ניט אויפגעהערט צו זעהן. זיין ערשטער ארויסטריט, ווי מיר ווייסען שוין, איז געווען וועגען דער אידען־פראַגע.

דאַרף מען פאַרשטעהן די טבע פון א דראַמאַטישער פּערזענליכקייט. א דראַמאַטישע פּערזענליכקייט איז א דראַמאַטורג, און פּונקט ווי א דראַ־מאַטורג לעבט מיט יעדען פון זיינע העלדען באַזונדער, און אפילו אז ער לאָזט איינעם שטאַרבען, לעבט ער מיט איהם ביז אין טויט אריין — אַזוי באַציהט זיך אויך א דראַמאַטישע פּערזענליכקייט צו די פאַרשיידענע גע־שטאַלטען, דורך וועלכע זי איז דורכגעגאַנגען; זי לעבט כסדר אין יעדע און אַלע איהרע אַמאָליגע געשטאַלטען, און שיידט זיך קיינמאָל ניט פון זיי אין גאַנצען. א דראַמאַטישע פּערזענליכקייט קוקט אויף איהרע געשטאַל־טען־שטופען, ווי אויף די העלדען פון איהר אייגענער דראַמאַ, וועלכע זיינען אַלע געבליבען לעבען...

אַזוי איז אויך געווען מיט קאַטץ'ן: ער האָט קיינמאָל זיך ניט ארויס־געלעבט פון זיין ערשטער געשטאַלט, ווי ער האָט זיך אויסגעהאָדעוועט ביי זיין פּאָטער דעם שעהנעם אידען, דעם משכיל, דעם גמרא למדן, דער חסיד מיט'ן היינטוועלטיגען בליק. א טרוקענער קאָפּ־מענש קען זיך געזע־גענען מיט זיין פאַרגאַנגענהייט אויף אייביג; ווייל זי איז נור ביי איהם אין קאָפּ, טוט ער א טרייסעל, און זי פאַלט ארויס. אָבער א געפיהלס־מענש, בפרט א דראַמאַטישער געפיהלס־מענש, א דראַמאַטורג, טרייבט זיין אי־בערגעלעבטע געשטאַלט ניט ארויס; ער פאַררוקט זי נור אין הינטער־גרונד פון זיין אינעווייניגסטער ביהנע, און לאָזט זי שטעהן, כדי צו קענען זיך זעהן מיט איהר פון צייט צו צייט.

און מ. קאַטץ האָט קיינמאָל זיך ניט ארויסגעלעבט פון זיין צווייטער געשטאַלט, ווי ער האָט זיך געהאָדעוועט, אלס אידיש־רוסישער אינטעליגענט אויף דער נשמה'דיגער רוסישער ליטעראַטור, אויף איהרע וואַרימע מענש־ליכקייט־אידעאַלען, און אויף די רוסישע גייסטיג־סאָציאַלע באַוועגונגען.

און די צוויי געשטאַלטען זיינען געבליבען לעבען אין איהם — און אפשר לעבען זיי נאָך עד היום אין איהם — און ביידע האָבען גערעדט

דורך זיין שפּראַך. אין זיינעם אַ פּעליטאָן האָט איהר געקענט באַגעגענען אַ גמרא־ווערטעל מיט אַ רוסישער אַנצוהערעניש אין איין זאַץ. דאָ האָט איהר אַ ביישפּיעל: „און סדנא דארעא חד הוא — איז יעדעם ווינקעלע גוט אין מיינע אויגען. די היימאַט פון דעם מענשען — זאָגט דער רוסישער שריפטשטעלער בעלינסקי — איז יענעם לאַנד, וואו ער קען פריי לעבען".

אגב אורחא, אין יענער צייט, ווען דער געשריבענער אידיש איז געווען אַן אָפּגעבלאַקירטער דייטש איז מ. קאַטץ געווען דעריעניגער, וועלכער האָט געווירצט זיין סטיל מיט בע'טעמ'טע גמרא־ווערטלאַך. איהר באַגעגענט זיי הויפענווייז, אַזוי אַז אַ היינטיגער אידישיסט וואָלט פון קאַטץ'ס אַמאָליגע פעליטאָנען גאַנץ לייכט זיך געקענט אויסלערנען העברעאיש מיט אַראַמעאיש צוזאַמען.

אָבער צו קאַטץ'ס סטיל וועלען מיר זיך נאָך אומקעהרען, דער סטיל איז דער מענש. דער סטיל איז געווען אַן אַנווייזונג אויף דעם מענשען — ריכטיגער אויף די מענשען, וואָס האָבען געלעבט אין איהם.

ער האָט קיינמאָל זיך ניט אָפּגעשיידט פון דעם יוגענד־אידען אין איהם. ניט נור האָט ער איהם ניט אויפגעהערט צו זעהן, נור ער האָט כסדר איהם געפּיהלט. און ניט ווי אַ זייטיגער פּיהלט, דורך מיטלייד, נור ער האָט געוואוסט ווי דער איד וועט האַנדלען אין אַ ניט פאָראויסגעזעהענעם פאַל, און ווען ער וועט צוזאַמענברעכען. אַזוי אינטים קענען אַ אידען קען נור דער, וועלכער איז אַליין דער איד.

דערויף זאָגט עדות מ. קאַטץ'ס באַריהמטע דראַמאַ — „דער אידישער דאָן קיכאָט", וועלכע האָט געמאַכט אַ פורור אין איהר צייט און וועלכע איז געשריבען געוואָרען אין די סאַמע האָניג־יאָהרען פון אידישען קאָפּיטאַליזם אין אַמעריקאַ — אין יאָהר 1898.

דער העלד יחזקאל לאַנדאַ איז אַ קאָמבינאַציע פון זיין פאָטער, יהודא ליב קאַטץ און הרב יצחק יעקב ריינעס, דער גרינדער פון דער לידער ישיבה און דער גרינדער פון מזרחי.

כאָטש צאָהלענדיג צינז צום גייסט פון דער צייט, האָט מ. קאַטץ באַצייכענט זיין העלד יחזקאל לאַנדאַ מיט דעם אַביסעל שפּאָטישען נאָמען „אידישער דאָן קיכאָט", וואָס דאָס מיינט אַ אידעאַליסט, וואָס די צייט האָט איהם אַריבערגעיאָגט, אָבער ליעב האָט ער איהם מעהר ווי זיך אַליין.

יחזקאל לאַנדאַ איז אַ למדן און אַ משכיל, די געאַכטעטסטע פּערזאָן פון זיין שטעדטעל; ער האַלט אויס אויף זיין חשבון אַ ישיבה און רופט די שטעדטעלשע בעלי־בתים צו דער ערשטער ציוניסטישער אסיפה.

דער גרעסטער גביר פון שטאָדט האלט פאר א כבוד צו נעהמען זיך יחזקאל'ס טאָכטער פאר א שנור.

אָבער דאָ שטעלט זיך ארויס, אז דער דיאָמקע, דער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאט, וואָס דיענט ביי יחזקאל'ן פאר א שבת־גוי, איז ניט קיין אנדערער, ווי זיין פארפאלענער עלטערער ברודער דניאל, וועלכער איז אלס קינד פארטריבען געוואָרען אין די קאַנטאָניסטען.

שמד אין דער משפחה! — און כאָטש יחזקאל ווייס נור אליין דעם שרעקליכען סוד — אָבער נארען וועט ער ניט, און ער לאָזט אָפּ דעם שידוך פון זיין טאָכטער מיט דעם גביר'ס זוהן.

ניין, ניין! דאָס איז וועניג. פלוצלינג שטעלט זיך איהם די פראגע: וועט אין דעם אויפגעבויטען ציון זיין פלאַץ פאר אזעלכע אומגליקליכע ווי זיין ברודער איז, וועלכער איז קינדווייז פארשמיסען געוואָרען אין שמד אריין, און איז אזוי צענויפגעוואקסען מיט זיין שמד, אז כאָטש ער איז געבליבען א איד מיט די ביינער, קען מען איהם שוין צוריק ניט מגייר זיין — וועט ציון האָבען א פלאַץ פאר איהם? ניין, ענטפערט זיך יחזקאל. ציון קען ניט אויפנעהמען דעם גאנצען אידישען בראָך — און, ביי איהם, דעם פיאָניר פון דער ציון־אידעע, נעהמט זיך מישען אין מוח, ער האלט ביים פארלירען דעם פארשטאנד. ער ברעכט צוזאמען.

נאָכדעם זיינען פיעלע דראמען געשריבען געוואָרען אויף דעם טיפּ פון יחזקאל לאנדא, אָבער אלע זיינען זיי פון די דראמאטורגען אויסערליך, פון דער זייט געזעהן, אָבער מ. קאטץ ווייס אפילו, ווען אזא איד, ווי יחזקאל לאנדא, וועט ניט אויסהאלטען און צוזאמענברעכען. ניט נור לעבט יחזקאל לאנדא אין איהם, נור ער קען איהם מאכען אויסלעבען אין זיך ביז'ן סוף.

עס איז קלאָר, וואָס מ. קאטץ וויל זאָגען מיט זיין דראמא. עס איז ניטאָ קיין ענדגילטיגע לייזונג פאר דעם אידען, ווען ער זאָל בלייבען בלויז א איד. דער איד צעברעכט זיך אָן דעם אל־מענש, דעם קאָסמאָפּאָליט.

אָבער ווארט, ווארט — באלד וועט זיך אויך ארויסשטעלען, אז עס איז ניטאָ קיין ענדגילטיגע לייזונג פאר דעם אידען, ווען ער בלייבט א קאָסמאָפּאָליט; דער איד וועט איהם צוברעכען.

פאר מ. קאטץ'ן איז מעגליך געווען אזא איבערגאנג פון איד צו קאָס־מאָפּאָליט, און א מקים־פסק זיין איבער זיי ביידען. ער איז א דראמאטורג, א דראמאטישע פערזענליכקייט, וועלכע וואנדערט פון איין געשטאלט צו דער אנדערער. האָט ער אויסגעלעבט דעם אידען, האָט ער גענומען אויס־

לעבען דעם קאָסמאָפּאָליט, און איהם אויסגעלעבט ביז צום סוף — ביז צו זיין צוזאמענברוך.

מ. קאטץ האט געשריבען א נעבענשטיק צום „אידישען דאָן קיכאָט“ — א דראמא וועגען דעם צוזאמענברעכען פון קאָסמאָפּאָליט — „אין גלות“, געשריבען אין 1908, געדרוקט אין ציוניסטישען וואָכענבלאט „דאָס אידישע פּאָלק“ אין 1912, און אויפגעפיהרט מיט גרויס ערפאָלג אין פילאַדעלפיא אין 1913 אונטער דעם נאָמען „די אייביגע טראגעדיע“. אָבער נאָך מיט א צעהנדליג יאָהר פריהער האט דער איבערברוך פון קאָסמאָפּאָליט צום אידען געפונען אויסדרוק אין זיינע פילאָזאָפיש־פּאָעטישע פעליטאָנען, און דערפאר טאקע האט ער זיי געשריבען, ווייל פעליטאָנען וועלען פּארטייצענזאָרען ניט בודק זיין און מען וועט זיי קענען אריינשרייבען אפילו אין פּארטיי־צייטונגען.

אלע פּארטייאישע לאָפּ־שרייבער האָבען זיך געקענט פארפאנצערען נעגען דער אידישער כמארע פון רוסלאנד, מיט זייערע בלעכענע פּארטייי־שילדען. אָבער מ. קאטץ, אלס געבאָרענער דראמאטורג און בעלעטריסט־דערצעהלער דערצו, וועלכער זוכט זיין חיות פון די פאקטען און געשעהעניסען פון לעבען, האט זיך ניט געקענט אָפּשפּארען און זיך פארשליסען. ער האט דעם קאָסמאָפּאָליט אין זיך געשטעלט אויף פּראָבע, אויספּראָבירענדיג איהם אויף דער גרוילִיכער אידישער ווירקליכקייט — און דער איד־קאָסמאָפּאָליט האט ניט אויסגעהאלטען ; ער האט זיך גענומען שאָקלען.

האט מ. קאטץ גענומען זוכען א טעריטאָריע אונטער זיינע פיס ; פאר 18 וואָכען האט ער אין 1906 רעדאגירט דעם טעריטאָריאליסטישען „פּאָלק“.

ער האט דאָרט געשריבען א רייהע פעליטאָנען, קלאָג־לידער אויף דער דורכגעפאלענער קאָסמאָפּאָליטישער ציוויליזאציע.

„מיר האָבען געמיינט, אז מיר זיינען שוין העט־העט אין אלף השישי. אוים שנאה, אוים קנאה — הלא אל אחד לכולנו, הלא אב אחד בראנו“. ער נעזעגענט זיך מיט זיין צווייטען יוגענד אידעאל.

אָבער די טעריטאָריע איז באלד פארשוואונדען פון אונטער די פיס פון דעם איד־קאָסמאָפּאָליט ; אוגאנדא האט זיך אויסגעוועפּט ; נישטאָ קיין מקלט פאר איהם ; די גאנצע וועלט האט זיך צוזאמענגעענגט, און עס האט זיך אָפּגעשטעלט ציון, אלס די אידישע צוקונפטס־טעריטאָריע.

און מ. קאטץ האט זי אָנגענומען, אויך וויסענדיג, מיט דעם הינטער־געדאנק, אז קיין גאנצע ענדגילטיגע לייזונג פאר דעם אידען איז עס נאָך ניט.

און אזוי ווי א דראמאטורג האלט זיך מיט זיינע העלדען, אפילו ווען ער

געפינט פאר זיי קיין אויסוועג ניט, האלט זיך מ. קאטץ מיט ציון, אפילו וויסענדיג, אז עס איז נאָך ניט דער גאנצער אויסוועג. האלט ער זיך מיט ציון, און לאָזט ניט אראָפּ פון אויג די גאנצע וועלט, מיט איהר פּלאָנטער־ניש פון סאָציאל־פּאָליטישע פּראָבלעמען.

דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט געבראכט קיין אמעריקא די טעאָריע פון אי־דישען סאָציאליסטישען נאציאָנאליזם — מ. קאטץ האָט עס פון זיין געפיהל און איבערלעבונג ארויסגעבראכט. ער האָט עס לכתחילה געהאט אין זיך.

מאכען מיר דעם סך הכל: אן אריסטאָקראט פון גייסט, א רייכע פּיעל־זייטיגע פּערזענליכקייט, מיט דעם אידישען משכיל און רוסישען אינטעל־ליגענט אין זיך, קומט אראָפּ קיין אמעריקא, א דעמאָקראטיש לאנד, וואו קיין גייסטיגער יחוס איז ניטאָ, און דער יחסן איז דאָס לעזער־פּאָלק.

דארף ער אראָפּנידערען פון די הויכע הויכען — פון זיינע גייסטיגע מאָהלצייטען מאכען פּראָסטע טאָגטעגליכע מאכלים, שפּייז פאר'ן פּאָלק.

די קאָפּ־שרייבער זיינען יוצא פאר'ן פּאָלק מיט פּאָפּולאריזירען טעאָ־ריען פון מארקס און קראָפּאָטקין; פאר מ. קאטץ'ן איז דאָס ניט גענוג; ער לעבט מיט'ן לעבען, ער זעטיגט זיך מיט לעבענס־ערפאהרונגען, און האָט ליעב די לעבענס פאקטען. און דאָס העלפט איהם צום אראָפּשטייגען.

ער באהעלפט זיך מיט פעליטאָנען, געשריבען אין א סטיל, וואָס שפּי־געלט אָפּ זיין רייכע, פארשיידענארטיגע פּערזענליכקייט. דער סטיל איז דער מענש, זיין שרייבען איז געווען א רייסען זיך פון דער הויך אין דער נידער. וואָלקענס, נעבלען, פאנטאזיעס, ענטדעקונגען, צווייפלען, בליצען און וויצען.

יא, וויצען. וויצען קומען, ווען מען זעהט דעם טאָפּעלטען מיין פון יע־דער זאך. און מ. קאטץ'ס גאנצער גאנג איז געווען טאָפּעל־מיינענדיג! ער האָט געזעהן וואָס אלע זעהען, און וואָס ער אליין זעהט. ער האָט געזעהן טאָפּעלט. קאטץ איז דאָך געגאנגען אין די קאָרידאָרען צווישען וועלט־אנשויאונגען; האָט ער געקענט איין שטאנדפּונקט אָפּשפּאָטען מיט א צווייטען; איין כונה מיט א צווייטער — טיעפערער כונה.

און דאָס מיינט וויציג זיין. איז קאטץ'ס סטיל געווען וויציג, זאפטיג, מיט טעם און ריח.

און דער עיקר: מיט דעם ריח פון איבערלעבונג. עס קען זיין א גלאַט שרייבען, וואָס די גלאטקייט נעהמט זיך דערפון, וואָס דער מענש איז דערביי ניטאָ. דער מענש טוט גאָרנישט צו. אָבער קאטץ האָט זיך געגעבען אין זיין שרייבען. יעדעס וואָרט אן עדות אויף אן איבערלעבונג. דאָס הארץ

אריינגעלעגט אין וואָרט. ער האָט די דראמא פון זיין נשמה אריינגעטאָן אין זיין סטיל.

דאָס איז אמת'ער סטיל. קאַטץ איז געווען א סטיליסט, א שעהן־שרייבער, נאָך אין יענער צייט, ווען געשריבען האָט מען ביי אונז גראָה—גראָה, ווי שלעכטע שרייבער שרייבען נאָך היינט פּאָפּולאַריזאציעס.

פארשטעהט זיך, אז ניט מיט אמאָל האָט זיך קאַטץ'ן עס געגעבען.

פון אָנפאנג אין זיין רייסען זיך פון דער הויך צום לעזער — איז ער צום לעזער נאָך ניט דערגאנגען. ער איז אָפענהערציג זיך מודה :

„מיינע פּלוידערייען זיינען אפשר נעבעלדיג פאר'ן לעזער און ער קען פון זיי ניט האָבען קיין קלאָהרע ידיעה : וועמען זוכט אייגענטליך בן אמוץ ?" (בן אמוץ — קאַטץ'ס אונטערשריפט אונטער די ערנסטע פּלוידערייען.)

פון אָנפאנג איז עס געווען מעהר וואָלקענס ווי בליצען — אָבער סוף כל סוף האָט דער דעמאָקראטישער יחסן — דער לעזער — באזיעגט דעם גייסטיגען יחסן, וועלכער האָט זיך אויסגעארבייט א מעטאָדע צו רעדען פון דער הויך אין פולער איינפאכקייט, צו קאָמבינירען רייכקייט פון געדאנק מיט דורכזיכטיגער פארשטענדליכקייט.

ארויסגעהאָלפען האָט קאַטץ'ן זיין איינגעבאָרענער טאלאנט צו בעלעטריסטישער עקספּאָזיציע — פונאנדערצוליייגען פאקטען אין דער ברייט, אין אזא קאָמבינאציע, אז זיי זאָלען דערצעהלען די מעשה מיט דער כונה צוזאמען.

ווען ביי גאָר פיעלע שרייבער טרעפט איהר, אז איידער זיי דערצעהלען אייך דעם פאקט, מוזען זיי פריהער אייך צוטראָגען א פילאָזאָפיע, וואָס זיי האָבען אויסגעטראכט אין חדר, אין אויבער־שטיבעל פון זייער מוח — ביי קאַטץ'ן פילאָזאָפירען די פאלטען אליין. זיי גיבען אלץ וואָס מען דאַרף — וועלט־אנשויאונג, איינבליק און אויסבליק, און א מוסר השכל, וואָס עס דאַרף געטאָן ווערען — און אָהן פילאָזאָפיע.

דאָס איז די געלונגענסטע ארט שרייבען — און ווען דער סטיל בירגערט זיך איין אין אונזער פּרעסע, איז עס איינער פון מ. קאַטץ'ס פארדיענסטען.

איז פייערענדיג דעם 60 יעהריגען יובילײ פון מ. קאַטץ'ן, פייערען מיר דעם יובילײ פון א פּיאָניר בויער פון אידישען זשורנאליזם.

און זשורנאליסטען פייערען נאָך דערצו דעם יובילײ פון א רבי'ן אין גוט שרייבען, א מוסטער־געבער אין פיינעם סטיל.

די ארבייט אין פילאדעלפיא

ווזשייקאָב גינצבורג

מ. קאַטץ און די „אידישע וועלט“

אין צוויי פאַרשיעדענע פּעריאָדען בין איך געקומען אין נאָהענטער באַריהרונג מיט אונזער געעהרטען יובילאַר, מ. קאַטץ. מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט איהם דאַטירט נאָך פון יענער אינטערעסאַנטער צייט, מיט אומגעפעהר דרייסיג יאָהר צוריק, ווען ער איז געווען א מיטאַרבייטער אין דעם „פאָלקס־אַדוואָקאַט“ און „העראָלד“ און איך בין דאַן אַרומגעפאָהרען אלס רייזענדער אַגענט פאַר יענע צוויי צייטונגען. די צווייטע פּעריאָדע איז געווען מיט א פּאָר צעהנדליג יאָהרען שפּעטער, ווען מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין ענגע באַציהונגען, אויף איין פעלד פון טהעטיגקייט — ער אלס רעדאַקטאָר און איך אלס אַרויסגעבער פון „די אידישע וועלט“.

ביידע פּעריאָדען האָבען פאַר מיר אַזויפיעל זיסע און אַזויפיעל שטורמישע ערפאַהרונגען, אז די געפיהלען וואָס זיי רופען אַרויס אין מיין הארצען זיינען ווי די בראַוזענדע כוואַליעס אין ים, וועלכע שטויסען זיך איינע איבער די אַנדערע, אָדער ווי די שטיינער אונטער יעקב אבינו׳ס קאָפּ, וואָס יעדער פון זיי בעט זיך: „עלי יניח צדיק את ראשו“... ס׳איז שווער איבערצוהיפּען יענע אינטערעסאַנטע צייט, — מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט קאַטץ׳ן — ווען איך האָב זיך מיט איהם געטראָפען צום ערשטען מאָל און איהם גלייך ליעב געקראָגען. דאָס איז געווען וואָס מען רופט „לאַוו עט פוירסט סייט“. איך האָב איהם ליעב געקראָגען פאַר זיינע מעלות אלס מענש, אלס זשורנאַליסט און אלס דענקער. ער איז ערשיענען פאַר מיר אלס קעמפּפער פאַר די פרייהייטס־אידעאַלען פון יענער פּעריאָדע, מיט וועלכע די אידישע יוגענד איז געווען דורכגעדרונגען. איך האָב דאַן פון איהם פיעל געלערענט, פיעל גענאָסען און אין א געוויסען זינען האָב

איך זיך באטראכט אלס זיינער א תלמיד און האָב איהם באמת ליעב גע־האט און געאכטעט, ווי ער וואָלט געווען מיין רבי.

מיר וואָלט זיך זעהר וועלען ריידען באריכות וועגען יענער א־נטערע־סאנטער צייט, אָבער דער פּלאץ איז באשרענקט, און מיין אויפגאבע דאָ אין דעם ארטיקעל איז צו געבען א קורצען איבערבליק איבער מ. קאטץ׳ס בייטראג צו דער ענטוויקלונג פון די „אידישע וועלט“. דאָס פיהרט מיך צו צו אונזער צווייטער פּעריאָדע, ארום ענדע 1913, ווען מיר האָבען זיך ווידער באגעגענט, אָבער דאן שוין אויף א גאנץ אנדער אופן.

איך בין געווען גליקליך, איבער־גליקליך וואָס דער מאן, וועלכען איך האָב אזוי טייער געהאלטען פון מיינע יונגערע יאָהרען אָן, וועט רעדאק־טירען די צייטונג, וועלכע איך האָב דאן געהאלטען ביים גרינדען. איך האָב אין איהם דערקענט דיזעלבע הייסע, פייערדיגע א בערגעבענהייט צו דעם אלוועלטליכען פרייהייטס־אידעאל, אָבער אין דערזעלבער צייט האָב איך אין איהם דערזעהן א גאנץ אנדער קאטץ. די יאָהרען, וועלכע זיינען פארביי צווישען אונזער ערשטער און צווייטער פּעריאָדע, האָבען געהאט זייער ווירקונג אויף איהם, האָבען קריסטאליזירט זיינע געדאנקען, דער־וועקט און ארויסגערופען אין דער עפענטליכקייט די טיעפע ליעבע צו זיין פאָלק, וועלכע איז פריהער געלעגען פארדוקט אין הינטערגרונד פון זיין הארצען. אויסער דעם קעמפער פאר די אלגעמיינע פרייהייטס־אידעאלען האָב איך אין איהם אנטפלעקט דעם איד, דעם אידישען נאציאָנאליסט, וועלכער זעהט ניט מעהר קיין שום סתירה אין דער דאָפּעלטער ארבייט פאר דעם וואוילזיין פון דער מענשהייט בכלל און פאר דער ערלייזונג פון זיין פאָלק בפרט.

אָט די ענטוויקלונג האָט איהם געמאכט פאר דעם פּאסענדסטען צו פארנעהמען דעם וויכטיגען פּאסטען. איך האָב זיך גאָר ניט געקאָנט ווינשען צו האָבען א בעסערען רעדאקטאָר פאר אונזער צייטונג.

אלס גייסטיגער און ליטעראַרישער פיהרער פון די „אידישע וועלט“ האָט מ. קאטץ פון דעם ערשטען טאָג אָן זיך באמיהט צו געבען דער צייטונג א געזונדע, אויסגעהאלטענע טענדענץ. מיטברענגענדיג מיט זיך די פיעל־יעהריגע ערפאהרונג פון א זעהר פעהיגען, געפּרואווטען זשורנאליסט, האָט ער קאָנצענטרירט ארום זיך די נייטיגע עלעמענטען, וועלכע האָבען געהאָלפען צו דעם וואוקס פון דער צייטונג און צו איהר גלענצענדער ענט־וויקלונג. זיינע אלגעמיינע און אידישע קענטענישען און זיין בריליאנטע פעדער האָבען פיעל בייגעטראָגען דערצו, אז די „אידישע וועלט“ זאָל ניט זיין פּראָווינציאל, נאָר זאָל שטעהן אויף דער הויך פון א גרויס־שטאָדטי־

שער צייטונג; און זיין גלענצענדע פארגאנגענהייט, זיין גוטער נאָמען האָט געווירקט ווי א מאגנעט צוצוציהען צו איהר די פארשיעדענע עלעמענטען פון דער היגער אידישער באפעלקערונג.

פון דעם ערשטען טאָג אָן האָט זיך די „אידישע וועלט" געשטעלט די אויפגאבע צו דיענען די אינטערעסען פון דעם אידישען פאָלק בכלל און די בעסטע אינטערעסען פון דער היגער אידישער באפעלקערונג בפרט, אָהן אונטערשיד פון פּארטיי אָדער ריכטונג. אָט די הויפּט אויפגאבע איהרע האָט זי זיך באמיהט צו ערפיעלען אין משך פון איהר עלף־יעהריגער עקזיסטענץ. זי האָט געדיענט אלס פּראָפּאגאנדא־מיטעל צו שאפען מאנכע נייע און ניצליכע אידישע אינסטיטוציעס, האָט געהאָלפען ענטוויקלען און שטארקען די אלטע. אין סכסוכים, אין שטרייטיגקייטען צווישען פּראקציעס, צווישען קאפּיטאל און ארבייט און אנדערע געגענגעזעצטע עלעמענטען האָט זי אימער געזוכט און עס איז איהר אָפט געלונגען צו געפינען א מיטעל־וועג און פיהרען צו פריעדען און אייניגונג. אין דער ענטוויקלונג פון דעם נאציאָנאלען געפיהל צווישען די היגע אידען, אין דעם וואוקס פון דער ציוניסטישער באוועגונג, אין דער טיכטיגער און ערנסטער ארבייט וואָס איז ביי אונז אין שטאָדט געטאָן געוואָרען פאר דעם אמעריקאנער אידישען קאָנגרעס, און אין דעם וואקסענדען אינטערעס פאר דער אידישער נאציאָנאלער היים אין ארץ ישראל איז די „אידישע וועלט", אָהן שום צווייפעל, געווען א גרויסער און באדייטענדער פאקטאָר. און אויף דעם אלעם איז שטענדיג געלעגען מ. קאטץ'ס שטעמפּעל און אין דעם אלעם האָט זיך צו יעדער צייט געפיהלט זיין פיהרענדע האנד.

דאן דארף מען ניט פארגעסען דעם וויכטיגסטען פונקט.

די „אידישע וועלט" איז געבוירען געוואָרען אין א זעהר ערנסטער צייט — ערנסט פאר דער וועלט בכלל און נאָך ערנסטער פאר דעם אידישען פאָלק. בלויז עטליכע חדשים נאָכדעם ווי דער ערשטער נומער פון דער צייטונג איז ערשיענען, האָט אויסגעבראָכען די מלחמה, וועלכע האָט געבראכט מיט זיך ניט בלויז א פיזישען, נאָר אויך א גייסטיגען וועלט־חורבן. ס'איז געקומען א מורא'דיגע פארטומלעניש פון די מוחות. עס האָבען געפאָלגט יאָהרען פון אויסשלאכטונג און פארניכטונג, אין וועלכע אונזער פאָלק האָט געליטען אם מעהרסטען. אמעריקא איז אריינגעצויגען געוואָרען אין דער מלחמה און אין רוסלאנד איז געקומען די באָלשעוויסטישע איבערקעהרעניש, וועלכע האָבען נאָך מעהר צוטומעלט די מוחות, און גאָר פיעלע, פיעלע טעות'ן זיינען אין פארלויף פון יענע יאָהרען באגאנגען געוואָרען פון מאנכע אידישע צייטונגען און מאנכע אידישע וואָרט־פיהרער — טעות'ן,

וועלכע קאָנען נאָך עד היום ניט פארריכט ווערן. ס'איז געווען א שווערע צייט, א שווערער נסיון פאר א אידישער צייטונג. די „אידישע וועלט" האָט געטאָן אלעס מעגליכע צו האלטען הויך איהר אויפגאבע, דיענענדיג די בעסטע אינטערעסען פון אידישען פאָלק און אין דערזעלבער צייט בלייבענדיג טריי און איבערגעבען די אינטערעסען פון אונזער לאנד, פון אמעריקא. און אויב די „אידישע וועלט" האָט זיך אויסגעהיט פון באדוי־ערענסווערטהע טעות'ן; אויב זי איז אָפט געגאנגען געגען דעם אלגעמיי־נעם שטראָם און האָט זיך ניט געלאָזט פארפיהרען פון בלענדענישען און פוסטע איינריידענישען, — איז דאָס גרעסטענטיילס צו פארדאנקען מ. קאטץ'ס טיעפען, ווייט־זעהענדען בליק און זיין מוטה אלס גייסטיגער פיהרער.

דאָס איז, אין א פאָר קורצע שטריכען, די ראָלע וואָס מ. קאטץ האָט געשפיעלט אין דער ענטוויקלונג און אין דעם אויפטהו פון די „אידישע וועלט". צוריקבליקענדיג אויף מיין ערשטער באגעגעניש מיט איהם, פיהל איך זיך גליקליך וואָס איך קאָן איצט, נאָך א דרייסיג יעהריגער באקאנט־שאפט, איהם באגריסען צו זיין 60טען געבורטסטאָג, ווי א חבר און א פריינד, וועלכער איז געשטאנען מיט מיר אין פרייד און אין לייד אין פארלויף פון די לעצטע עלף יאָהר וואָס די צייטונג עקזיסטירט, און איהם ווינשען צו לעבען נאָך לאנגע, לאנגע יאָהרען און זיין פראָדוקטיוו און טהעטיג פאר דעם וואוילזיין פון דער מענשהייט בכלל און פאר די אינ־טערעסען פון זיין פאָלק בפרט.

חיים פיינמאַן

מ. קאַטץ און די נאַצ.־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין פילאַדעלפיאַ

איך האָב איהם צום ערשטען מאָל באַגעגענט אין 1914, ווען ער איז שוין געוועזען א תושב אין פילאַדעלפיאַ. איך האָב נאַטירליך געהערט פון איהם אסך פריהער, געוואוסט פון זיין טעטיגקייט אין דער אידישער אר־בייטער־וועלט, געהערט פון זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען און פון זיינע באַציהונגען צו די סאָציאַליסטען־טעריטאָריאַליסטען און אז ער האָט ענדליך געפונען זיין תיקון אין דער פועלי־ציון פאַרטיי. נאָך אין 1904 האָבען חברים מיר דערצעהלט וועגען זיין קוראַזש אלס סאָציאַליסטישער דענקער, און וועגען זיין טיעף־פיהלענדער פאַרשטענדניש פאַר די ליידען און נויטען פון די גרויסע פאָלקס־מאַסען. זיי האָבען איהם מיר אָפּגעמאָלט אלס אַריס־טאָקראַטישער דיכטער, וועלכער האָט פון זיינע סאַמע יונגסטע יאָהרען גע־ווידמעט זיינע פעהיגקייטען צו דער ערהויבונג פון דעם קולטורעלען מצב פון די אַרבייטער־מאַסען. זיי האָבען אָבער מיר ניט דערצעהלט פון זיין באַשיידענהייט. און דער ספּעקטאַקל וואָס האָט זיך פּלוצלינג אנטפּלעקט פאַר מיר פון א כלל־טוער, וועלכער איז האַלב־שעהמעוודיג, פון א קעמפּער, וועלכער פאַרמאָגט ניט קיין ברעקעל אַגרעסיוויטעט, און פון א דיכטער, וועלכער האָט אונטערדריקט יעדען סימן פון עגאָאיזם — דאָס האָט מיך איבערראַשט.

א קורצע צייט נאָך מיין אנגענעהמער איבעראַשונג האָב איך באַלד געהאַט א געלעגענהייט זיך בעסער צו באַקענען מיט איהם.

אין 15־1914 האָט אויסגעבראָכען די וועלט־מלחמה. די פּועלי־ציון פאַרטיי איז דאַן כמעט געשפּאָלטען געוואָרען איבער דער שטעלונג צום וועלט־קריעג. צוזאַמען מיט דער איבערוועגענדער מעהרהייט פון דער פאַר־

טיי בין איך געווען נעגען דער מלחמה בכלל און נעגען די אלעאירטע מעכטע בפרט. איך האָב קיין אמונה ניט געהאט אין דעם אידעאליזם פון דער צאריסטישער רוסלאנד, אימפעריאליסטישער ענגלאנד, און שאָווינים־טישער פראנקרייך. חבר מ. קאטץ איז דאן געקומען צו פועלי־ציון פאר־זאמלונגען. כדי אויפצוקלערען זיין שטעלונג. אין יענע צייטען האט מען אין עפענטליכע דעבאטען זיך ניט זעהר שטארק געהיט מיט דעם כאראק־טער פון קאמפס־מיטלען. עס איז געווען ברודער־קריעג ; מען האט געוואוסט ווי זיך איינעם דעם אנדערען שטעכען אין די אָנגעווייטאָגסטע פלעצער, און יעדער כלי־זין איז באטראכט געוואָרען אלס ערלויבט אין מלחמה. די לופט איז געווען פאר׳סם׳ט, אָנגעפילט מיט נעגענזייטיגע חשדים, און עס איז געווען לייכט אין אזא אטמאָספערע זיך צו פארליערען. אָבער גראָד אין דעם ברודער־קאמף האט זיך חבר קאטץ געפונען. זיין טאָן פון רעדען — זיין מעטאָדע פון ענטפערען אויף אָנפעלע האט אויפגעהויבען די גאנצע דיסקוסיע אויף א גרויסער הויך.

מיט זיין דעבאטע װעגען דער װעלט־מלחמה האט זיך אָנגעפאנגען זיין גרויסער עטישער איינפלוס איבער דעם גאנג פון דער נאציאָנאל־סאָציא־ליסטישער טעטיגקייט אין פילאדעלפיא.

די נאציאָנאל־סאָציאליסטישע באוועגונג איז אין 1916־17 פלוצלינג געוואָרען א וויכטיגע פאסירונג אין דעם אמעריקאניש־אידישען לעבען. די פועלי ציון זיינען געווען די איניציאטאָרען פון דער קאָנגרעס־באוועגונג און אויף זיי איז געפאלען דער היסטאָרישער גורל דורכצופיהרען וויכטי־גע קעמפע.

די נאציאָנאלע סאָציאליסטען — די פועלי־ציון, דער נאציאָנאלער אר־בייטער פארבאנד, און יחידים פון דעם ארבייטער רינג — האָבען געמוזט אָנפיהרען אין פילאדעלפיא א צווייפאכיגען קאמף. אינערהאלב די יוניאָנס און די ארבייטער רינג ברענטשעס האָבען זיי געמוזט באווייזען די נויט־ווענדיגקייט פון שאפען א פאראייניגטען ארבייטער־פראָנט, וועלכער זאָל ארויסשטעלען פאָדערונגען פאר נאציאָנאלע רעכט און פאר ארץ ישראל, און זאָל זיין פאר דעם באטייליגען זיך אין דעם אידישען קאָנגרעס. אויסערהאלב דער ארבייטער באוועגונג האָבען זיי געמוזט אָנפיהרען אן אויפקלעהרונגס־קאמף וואס זאָל ארייננעבען אינהאלט אין די באגריפען פון די פונקציעס פון׳ם אידישען קאָנגרעס און זאָל פארזיכערען דרייסטע פאָדערונגען סיי בנוגע ארץ ישראל און סיי בנוגע נאציאָנאלע רעכט אין די גלות־לענדער. די קאָנגרעסיסטען האָבען דאן געפיהרט אונטערהאנדלונ־גען מיט דער אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע, און עס איז ענטשטאנען די

געפאהר, אז צוליעב אחדות זאָל מען זיין גרייט אויפצוגעבען א גרויסען טייל פון דעם תוכן פון דער קאָנגרעס־באוועגונג. די אידישע אָרגאַנזיאציעס וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער קאָנגרעס באוועגונג זיינען נאָך גע־ווען רויה אין אידישע נאציאָנאלע ענינים און זיינען געווען צופיעל אונטער דעם איינפלוס פון גרויסע נעמען, און מען האָט זיי געדארפט לערנען אויסגלייכען דעם רוקען־ביין; מען האָט זיי געדאַרפט אויסטייטשען דעם א"ב פון דעם כאראקטער פון אידישע נאציאָנאלע פאָדערונגען.

אין די קעמפע אויף ביידע פעלדער — סיי אינערהאלב די ארבייטער אָרגאניזאציעס און סיי אינערהאלב דער ניי־באשאפענער קאָנגרעס־באווע־גונג — האָט מען באדארפט ארויסצייגען טאקט, געדולד, אסך לעגטנים און וויסען, און ערציהערישע פעהיגקייט. מען האָט זיך געמוזט אויפהויבען איבער פארטיי־אינטערעסען און אָנפיהרען א קאמף געגען אלערליי קליינ־ליכקייטען אין דעם כאאָטיש אָרגאניזירטען אידישען לעבען אין אמעריקא. ניט אלעמאָל זיינען די קעמפע געשטאנען אויף דער געהעריגער הויך, און די באשיידענהייט און דער מאָראלישער קוראזש פון חבר קאַטץ האָבען דאָ געשפיעלט א וויכטיגע שעפערישע ראָלע.

ווען מען האָט פאנאנדערגעטיילט די כחות פאר דעם קאמף אויף די צוויי פראָנטען, איז דער גורל פון אָנפיהרען די נאציאָנאל־סאָציאליסטישע אויפקלערונגס ארבייט אינערהאלב דער קאָנגרעס־באוועגונג גופא, געפאלען אויף חבר קאַטץ. און אויב דער פילאדעלפיער קאָנגרעס־קאָמיטעט האָט גע־האט א באדייטענדען איינפלוס אויף דער קאָנגרעס־באוועגונג בכלל, און אויב עס איז טיילווייז געלונגען צו ערציהען אינערהאלב דער פילאדעלפיער קאָנגרעס־אָרגאניזאציע א באוואוסטזיין וועגען דער ראָלע וואָס א קאָנגרעס קען און דארף שפיעלען אין דעם היגען אידישען לעבען, — איז דאָס אין א גרויסער מאָס צו פארדאנקען קאַטץ'ס אונערמידליכע ארבייט, און א דאנק דער אָפשפיגלונג פון זיין הויך עטישען בליק אויף דעם גאנצען גאנג פון דער קאָנגרעס טעטיגקייט.

זיין ארבייט אין דער קאָנגרעס־באוועגונג איז אָבער געווען בלויז א טייל פון זיינע נאציאָנאל סאָציאליסטישע טעטיגקייטען. אייגענטליך, נאָך איידער די קאָנגרעס־ארבייט האָט זיך פונאנדערגעשפרייט זיינען שוין אויפ־געשוואומען נייע קאָנסטרוקטיווע ארבייטען: דער אידישער לעגיאָן, דער ארבייטער קאָנגרעס פאר ארץ ישראל, דער קאמף פאר קאָנסטרוקטיווע רע־ליעף און פאר דער פראָדוקטיווירונג פון די אידישע מאסען, און די שאפונג פון פאָלקס־שוהלען. אין די אלע ארבייטען, וועלכע האָבען געזוכט צו פארבעסערען דאָס לעבען פון די אידישע מאסען פאָליטיש, עקאָנאָמיש

און קולטורעל, האָט זיך קאַטץ באַטייליגט, און ער האָט זיך אויפגעהויבען אין זיינע טעטיגקייטען איבער די ראַמקעס פון פּאַרטייאישקייט און האָט געהאָלפען אין זיי אַריינברענגען אַ גרעסערען שוואונג.

פאַר גאַנצע עלף יאָהר האָט ער געפונקציאָנירט אינערהאַלב די רייהען פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען אין פילאַדעלפיא אַלס פאַקטאָר פון ערמוטיגונג און באַגייסטערונג. ניט בלויז זיינע געדאַנקען, נאָר די אַרט און וועיזע פון זיין דענקען האָט אַפּגעפרישט און דערהויבען.

און איצט, ביים סוף פון די עלף יאָהר, פאַנגט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטעל:

די נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטען האָבען זינט 1921 אָנגעפאַנגען דורכלעבען אַ קריזיס. עס האָט זיך ביי זיי אָנגעפאַנגען אַ סדרה פון שפּאַלטונגען. זייער פאַרזוך אַריינצוציהען די מאַסען דורך אַ טעגליכער צייטונג („די צייט") איז ניט געלונגען. דער גלאַנץ פון זייער ערפאָלג איז פאַרשוואונדען. מיטגלידערשאַפט אין זייערע רייהען האָט אויפגעהערט צו זיין אַ כבוד. ערנסטע חברים האָבען אָנגעפאַנגען פאַרלירען דעם מוטה פאַר קאַמף. אָט אין די מאָמענטען פון שוואַכקייט האָט חבר קאַטץ'ס פּערזענליכקייט זיך אויפגעהויבען אויף אַ נאָך העכערער מדרגה. זיין אָפּטימיזם און זיין אמונה אין די אמת'ען פון דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם האָבען געהאָלפען בייקומען דעם געפיהל פון יאוש ביי אנדערע. לאַנגזאַם, טיילווייז אַ דאַנק זיין איינפלוס, האָט זיך די צושפּליטערטע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אָנגעפאַנגען אויף דאָס ניי צו קריסטאַליזירען. די צעשוואָרמענקייט האָט אָנגעפאַנגען צו פאַרשווינדען, און ווידער זיינען קלאָהר געוואָרען די ליניעס פון אַקטיוויטעט. אַ באַנייטע באַוועגונג מיט אַ קלאָרען אַרבייטס־פּראָגראַם פאַר ארץ ישראל און פאַר די גלות־לענדער איז ענטשטאַנען. דער געצייג־קאַמפּיין פאַר די אַרבייטער־חלוצים אין ארץ ישראל; די אַקציע פאַר דער אַרבייטער באַנק; דער פאַרזוך צו שאַפען אַן אָרגאַניזירטע אַרבייטער־חלוצים־באַוועגונג אין אַמעריקאַ; די אויפהויבונג פון אַ קאַמף געגען דעם פאַרזוך איינצופיהרען אַ רעליגיעזען צוואַנג איבער די אידישע אַרבייטער פון ארץ ישראל; די אַקציע צו אָרגאַניזירען אַלע עלעמענטען, וועלכע זיינען געגען פאַרוואַנדלען דעם קרן היסוד אין אַ פאָנד וואָס קען אַקספּלואַטירט ווערען פון פּריוואַטע פּערזאָנען; די פאַרזיכערונג פון דעם רעפּרעזענטאַנט פון אידישען אַרבייטער אין דער „אידישער אַגענטור", און די פאַרזוכען צו קומען צו הילף מאַטעריעל און מאָראַליש דעם סאָציאַליסטישען לעבען וואָס ווערט איצט אַזוי ראַשיג געשאַפען אין ארץ ישראל — דאָס זיינען צווישען די נייע געביטען פון אַרבייט פאַר

ארץ ישראל, מיט וועלכע די נאציאָנאלע סאָציאַליסטען האָבען זיך אָנגעפאנגען צו באשעפטיגען.

און בנוגע ארבייטען פאר דעם אידישען נאציאָנאלען לעבען אין אמעריקא האָט פאסירט ביי די נאציאָנאל־סאָציאַליסטען דער זעלבער קריסטאליזירונגס־פּראָצעס. די אָפּשטעלונג פון אימיגראציע האָט געמוזט פיהרען צו א באוואוסטזיין פון גרעסערע אחריות פאר דער אידישער צוקונפט דאָ אין לאנד. עס איז איצט קלאָהר פאר א באדייטענדע צאָהל אידען, סיי אינערהאלב און סיי אויסערהאלב די ראדיקאלע קרייזען, אז מען קען זיך מעהר ניט פארלאָזען אויף אימיגראציע און אויף דער גייסטיגער שפּייז פון מזרח איירָאפּא, כדי אויפצוהאלטען דעם אידישען תוכן פון אמעריקאנישען אידענטהום. עס מוזען דאָ באשאפען ווערען די מעגליכקייטען פאר א זעלבסטשטענדיגע אידישע קולטור. די פרעסע, דער טעאַטער, די אידישע יוניאָנס, די צדקה אנשטאלטען, די ארבייט פאר'ן קאָנגרעס און די געלד־זאמלונגען פאר ארץ ישראל, טראָץ זייער קולטורעלען ווערטה, האָבען ניט באשאפען קיין קלאָרען נאציאָנאלען באוואוסטזיין, און ערנסטע שריט מוזען געמומען ווערען אין דער ריכטונג. דער פארלאַנג צו שאפען פאָלקס־שוהלען פאר די קינדער פון די ארבייטער־מאסען און פאר דער נייער ראדיקאלער יוגענד איז במילא איצט געוואָרען פיעל שטארקער ווי אין פריהערדיגע יאָהרען. די אנשטרענגונג אויפצוהאלטען און ענטוויקלען אידישע קולטור אין די אידישע און העברעאישע שפּראכען אין אמעריקא איז במילא איצט געוואָרען אינטענסיווער. און עס איז ענדליך אָנגעקומען די צייט צו באשאפען א געזונטען אידישען נאציאָנאליזם דאָ אין לאנד; א נאציאָנאליזם, וועלכער זאָל זיך אויסדריקען אין א באוואוסטזיניגע זעלבסטשטענדיגע אידישע פּאָליטיק וואָס זאָל פיהרען צו א קולטורעלער נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע. און עס ליעגט אויף דאָס ניי די אויפגאבע אויף די נאציאָנאלע סאָציאַליסטען אריינצוברענגען אינהאלט אין די נאציאָנאלע פאָדערונגען, וועלכע דארפען פאָרמולירט ווערען.

און חבר מ. קאטץ — ווענעם 60 יאָהריגען יובילעאום מיר פייערען — איז איצט דאָ אין די ערשטע רייהען פון די קעמפער. זיין אָפּטימיזם, זיין יונגקייט, זיין גרייטקייט אויפצונעהמען נייע געדאנקען און זיי באַפרוכפּערען, שטעהען ווייטער אין דיענסט פון די נייע פארגרעסערטע טעטיגקייטען.

זיין קאמף אין די נאציאָנאל־סאָציאַליסטישע רייהען פאר דער פאָלקאמער באפרייאונג פון די אידישע מאסען, פאנגט זיך אָן אויף דאָס ניי.

אברהם הירש

מ. קאטץ'ס אידישע טעטיגקייט אין פילאדעלפיא

אויב פילאדעלפיא האט אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע יאהר אנגעהויבען שפילען א פיהרענדע ראָלע אין דעם אידישען לעבען פון אמעריקא, איז עס א גרויסען טייל צו פארדאנקען אונזער ליבען יובילאר מ. קאטץ.

ביי דעם פילאדעלפיער אידישען עולם איז כמעט ווי אן אנגענומענע זאך, אז די טעטיגקייט פון מ. קאטץ ביי אונז אין שטאדט הויבט זיך אן פון דער צייט, ווען ער האט זיך דא באזעצט, אין סוף 1913, אלס רעדאקטאר פון די „אידישע וועלט". עס איז אבער א טעות. קאטץ'ס טעטיגקייט אין פילאדעלפיא דארף גערעכענט ווערען פון אסך א פריהערדיגער צייט.

שוין אפגערעדט פון דעם, וואס מ. קאטץ, אלס איינער פון די ערשטע בויער און וואָרטפיהרער פון דער אידישער פרעסע אין אמעריקא, האט אויך פון ווייטענס אויסגעאיבט א געוויסען איינפלוס אויף דער אידישער אינטעליגענץ ביי אונז אין שטאדט ; אבער אין'ם יאהר 1906, ווען עס האט אנגעהויבען צו ערשיינען אין פילאדעלפיא די ערשטע טעריטאָריאַליסטישע וואכענשריפט „דאס פאָלק", האט קאטץ זיך אריבערגעקליבען אהער, און זיין איינפלוס איז געוואָרען דירעקט און פיעל באדייטענדער.

דאס איז געווען א זעהר אינטערעסאנטע צייט, און א באזונדער אינטערעסאנטער קאפיטעל אין דער געשיכטע פון דער אויפלעבונג פון דעם אידיש־נאציאָנאלען געדאנק צווישען די אידען אין אמעריקא. עס איז געווען די צייט, ווען דר. חיים זשיטלאָווסקי, דר. הלל זאלאטאראוו, צוזאמען מיט מ. קאטץ, די דריי רעדאקטערע פון „דאס פאָלק" האבען אנגעהויבען זייער קאמף קעגען די אידישע אסימילאנטען און גענומען וועקען די אידישע אינטעליגענץ, אומצוקעהרען זיך צום אייגענעם פאָלק. איך האב גע־

האט דאָס פאַרגעניגען צו זיין דער ביזנעס־מענעדזשער פון דער וואָכענ־צייטונג „דאָס פאָלק“, און אלס אזעלכער איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין א שטענדיגער נאָהענטער פאַרבינדונג מיט מ. קאַטץ און מיט אַלע אַנ־דערע שריפטשטעלער פון יענער צייט, וועלכע האָבען זיך גרופּירט אַרום דער אידיש־נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג.

מ. קאַטץ׳ס באַזעצען זיך אין יענער צייט ביי אונז אין שטאָדט, איז פון דער היגער אידישער אינטעליגענץ באַטראַכט געוואָרען אלס גאָר א גרויסער געווינס, און עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס די היברו ליטעראַטור סאָסייטי, פון 310 קעטהרין סטריט, וועלכע איז דעמאָלט גע־ווען אין איהר גלאַנץ פּעריאָדע, האָט געזוכט אויסצונוצען איהם פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דעם אידישען געדאַנק, און פאַר דער באַלייכטונג פון די פאַרשיעדענע אידיש־ליטעראַרישע ווערק און פּראָבלעמען.

די דירעקטאָרען פון דער היברו ליטעראַטור סאָסייטי, צוזאַמען מיט דער אידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך דעמאָלט גרופּירט אַרום איהר, האָבען געפייערט מ. קאַטץ׳ס באַזעצען זיך אין פילאַדעלפיא מיט א באַנ־קעט, וואָס איז געגעבען געוואָרען אין די לעזע־צימערען פון ה. ל. ס. מ. קאַטץ איז דעמאָלט געוואָרען דער צענטער פון יעדער ליטעראַרישער טע־טיגקייט אין פילאַדעלפיא.

צום באַדויערען האָט אָבער „דאָס פאָלק“ ניט געהאַט ביי אונז קיין לאַנגע יאָהרען, און נאָך אַן עקזיסטענץ פון עטליכע מאָנאַטען, איז די רע־דאַקציע, מיט דעם גאַנצען געשעפטליכען קלאַפּער־געצייג איבערגעפיהרט געוואָרען קיין ניו יאָרק, און ממילא איז אויך מ. קאַטץ אַוועק פון אונז.

זיין געדעכניש איז אָבער געבליבען טיעף איינגעקריצט אין די מוחות פון דער היגער אידישער אינטעליגענץ, און אסך האָבען געבענקט נאָך איהם, און האָבען מיט ליעבע זיך דערמאָהנט אָן יענער צייט, ווען ער איז געווען אונזער בן־עיר. קאַטץ איז נאָכדעם אויך ניט געבליבען קיין פרעמ־דער אין פילאַדעלפיא. ער פלעגט אהער קומען צו פאַרשיעדענע געלעגענ־הייטען, איבערהויפּט אלס לעקטשורער, און יעדעס מאָל, ווען ער איז גע־קומען אהער אין שטאָדט, איז טאַקע ביי אונז געווען א יום־טוב.

אין ווינטער פון 1913—1914, מיט דער ערשיינונג פון די „אידישע וועלט“, איז מ. קאַטץ ווידער געוואָרען אַן אונזעריגער, און דאָס מאָל — טאַקע שוין אויף שטענדיג. און פּונקט ווי אין 1906, אַזוי האָט אויך איצט

זיך גלייך געלאָזט פיהלען אין שטאָדט די טעטיגקייט פון מ. קאטץ. ער איז ווידער געוואָרען טעטיג אין דער היברו ליטעראטור סאָסייטי, און האָט פאר א צייט איבערגענומען די גאנצע לייטונג פון אידישע לעקטשורס און איינגעפיהרט דאָרט לעקציעס וועגען העברעע אידישע ענינים, און אחוץ דעם וואָס ער אליין האָט געגעבען אָפטע לעקציעס, האָט ער אויך אראָפּגע־בראכט אהער די בעסטע לעקטאָרס פון ניו יאָרק.

אָבער די אמת'ע טעטיגקייט זיינע האָט זיך אָנגעהויבען ביי אונז אין שטאָדט אין סוף 1914, ווען די וועלט־מלחמה האָט זיך צעפלאקערט, און עס איז באשאפען געוואָרען די באוועגונג פאר א אידישען קאָנגרעס, צו וועלכער מען האָט געדארפט צוציהען אלע שיכטען פון די אידען אין אמע־ריקא. מ. קאטץ האָט דאן, דורך שריפט און וואָרט, אָנגעפיהרט א העפטי־גען קאמף מיט די ראדיקאלע געגנער פון דער באוועגונג, איבערציייגענדיג זיי, אז ניט נאָר איז עס ניט קיין זינד פאר א אידישען ראדיקאל צו באַ־טייליגען זיך אין א אידישען קאָנגרעס, נאָר אז עס איז זיין חוב צו זיין דאָרט פארטראָטען און העלפען אויסקעמפען פאר'ן אידישען פאָלק א גליי־כען פלאץ צווישען אלע פעלקער.

עס וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאָגען, אז קאטץ האָט אין דער דאָזיגער באוועגונג געשפּיעלט די סאמע ערשטע ראָלע ; א ראָלע, וועלכע איז געווען באדייטענד ניט נאָר ביי אונז אין פילאדעלפיא, נאָר אויך אי־בער'ן גאנצען לאנד. פילאדעלפיא, אלס שטאָדט, איז געווען די שטארקסטע קעמפערין פאר דעם אידישען קאָנגרעס, און א דאנק דעם דאָזיגען פאקט, האָט פילאדעלפיא זוכה געווען ניט בלויז צו האָבען דאָ די ערשטע פאָר־קאָנפערענץ אין מארטש, 1916, נאָר אויך דעם ערשטען אידישען קאָנגרעס, וועלכער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען גלייך נאָך דעם וואפענשטילשטאנד פון דער וועלט־מלחמה, אין דעצעמבער, 1918.

נאָך דער פאָר־קאָנפערענץ איז מ. קאטץ ערוועהלט געוואָרען אין דער קאָמיטע פון פינף, וועלכע האָט אויסגעארבייט דעם היסטאָרישען אגרימענט מיט א קאָמיטע פון דער גרופּע, וואָס איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון דער אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע, נאציאָנאלע ארבייטער קאָמיטע און אנ־דערע, מיט לואיס מארשאל אָן דער שפּיץ. דער רעזולטאט פון יענע פאר־האנדלונגען האָבען מעגליך געמאכט אז אלע אידישע עלעמענטען פון אמע־ריקא האָבען אנטייל גענומען אין דעם ערשטען אידישען קאָנגרעס.

די פילאדעלפיער אידישע באפעלקערונג האָט שפּעטער באוויזען, אז זי ווייסט ווי אָפּצושעצען קאטץ'ס אונערמיעדליכע ארבייט, און ווען עס זיי־

נען פֿאַרגעקומען די וואהלען צו דעם ערשטען אידישען קאָנגרעס, איז ער געווען צווישען די ערשטע דריי אויף דער ליסטע פון די ערוועהלטע דעלעגאַטען, מיט איינער פון דער גרעסטער צאָהל שטימען (איבער אכטצעהן טויזענד).

אָבער קאַטץ'ס טעטיגקייט האָט זיך ניט באשריינקט בלויז אויף דעם געביט פון דעם אידישען קאָנגרעס. ער איז אין דערזעלבער צייט אויך געווען זעהר טעטיג אין דער רעליעף־ארבייט, וועלכע האָט זיך דעמאָלט אזוי שטארק פונאנדערגעבליהט צוליעב די שווידערליכע אומגליקען וואָס די מלחמה האָט געבראכט אויף דעם אידישען פאָלק. קאַטץ'ס טעטיגקייט פאר די מלחמה־קרבנות האָט זיך שפּעטער ווידערהאָלט, מיט דעם זעלבען אימפּעט און אייפער, פאר די פּאָגראָם־קרבנות אין אוקראינע און אין פּוילען. מיר האָבען נאָך ניט פארגעסען די אימפּאָזאנטע טרויער און פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען ביי אונז אין שטאָדט אין יוני, 1919, אלס פּראָטעסט קעגען די פּוילישע פּאָגראָמען. דאָס איז געווען דער צווייטער וויכטיגער מאָמענט אין'ם לעבען פון די אידען אין פילאדעלפיא זייט דעם אידישען קאָנגרעס אין 1918. אויך דאָ איז אונז געלונגען צו פאראייניגען אלע היגע אידישע עלעמענטען, און צוזאמען אויסדריקען דעם שטארקסטען פּראָטעסט, וואָס האָט פאראורזאכט א גרויסען רושם ניט נאָר ביי אונז אין לאנד, נאָר אויך אין די לענדער אויף יענער זייט ים.

און אָט די דאָזיגע גרויסע און אימפּאָזאנטע פאָלקס־דעמאָנסטראַציע איז דורכגעפיהרט געוואָרען אונטער דער פעהיגער און טאקטישער האנד פון מ. קאַטץ, וועלכער איז געווען דער טשערמאַן פון דער גאנצער ארבייט, און די פּאסענדסטע פּערזאָן, ארום וועלכער אלע עלעמענטען פון פילאדעלפיא האָבען זיך פאראייניגט.

מ. קאַטץ האָט אויך מיט שריפט און מיט וואָרט געהאָלפען אלע אַנדערע געזעלשאפטליכע טעטיגקייטען אין פילאדעלפיא, דעם קרן היסוד, דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, פארשיעדענע לאָקאַלע אידישע אנשטאַלטען, און באַזונדערס האָט ער מיט זיין גאנצער ענערגיע זיך אריינגעוואָרפען אין דער ארבייט פאר'ן „האיאס", די איינציגע קערפּערשאפט, וועלכע האָט געזאָרגט און זאָרגט פאר דעם אידישען עמיגראַנט.

איך קאָן מיט רעכט באהויפּטען, אז אויב פיעלע פון די אידישע אָרגאַניזאציעס האָבען אין פארלויף פון די לעצטע צעהן יאָהר זיך אויפגעהויבען

צו א העכערער מדרגה און האָבען זיך אָנגעהויבען פאראינטערעסירען אין אידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, און אויב זייערע מיטינגען האָבען פון צייט צו צייט גענומען טראָגען א קולטורעלען כאראקטער, איז דאָס פיעל צו פארדאנקען דעם איינפלוס פון קאטץ׳ס לעקטשורס וואָס ער האָט גע־געבען פאר די פארשיעדענע אידישע אָרגאַניזאציאָנען ביי אונז אין שטאָדט.

פילאדעלפיא, וועלכע האָט אין אלע צייטען פארנומען אן אנגעזעהענעם פּלאַץ צווישען די אידישע קהלות אין אמעריקא, האָט מיט דעם וואָס מ. קאטץ איז געוואָרען אונזערער א תושב, אָנגעהויבען צו פארנעהמען נאך א העכערען און בכבוד׳יגערען פּלאַץ אין אלע אידישע באוועגונגען פון אמעריקא.

מאָזעס פרימאַן

מ. קאַטץ — דער שליח פון הילף

געווען איז דאס אין די טעג פון חורבן. אין די יאהרען פון דער רוסישער רעוואָלוציע. קערענסקים רעגיערונג איז געפאלען און די באָלשעוויקעס האָבען פערכאפּט די מאכט. עס האט אויסגעבראכען דער בירגער־קריג אין רוסלאנד, און שרעקליך איז געווען דער חורבן אין פוילען, גאליציען און אוקראינא. די פּאוסטאנצעס אונטער דער אנפיהרונג פון פּעטלורא, דעניקין, ווראנגעל, מאכנא און אלערליי אוקריינישע אטאמאנעס האבען פּארוויסט אידישע קהילות, פארניכטעט שטעדט און שטעדטלעך. פּאגראָמען האָבען זיך אנגעהויבען, צו וועלכע עס איז ניטא קיין גלייכען אין דער לאנגער געשיכטע פון אידישע יסורים. אידיש בלוט האט זיך געגאסען ווי וואסער.

זייענדיג פּארבלאָקאדירט פון די אייראפּעאישע מעכטע פון דרויסען און פּארשפּארט אויף אלע גרעניצען פון אינעווייניג, האָט זיך די דריי מיליאָנינגע אידישע באפעלקערונג פון אוקריינא געפונען אין א פייער פּאסטקע, צו וועלכער עס איז ניט געווען קיין צוטריט און פון וועלכער עס איז ניט געווען קיין ארויסטריט. א העלישער גהינום האט אונטער זיי געברענט און פערניכטעט זייער האָב און גוטס, זייער סאמע לעבען. און קיין הילף פון ערגעץ ניט ! פון צייט צו צייט פלעגען זיך דורכרייסען פון דארט טרויעריגע בשורות ווי די האידאמאקען האבען זיך צובושעוועט און אידען קומען אום אין די טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער על קדוש השם אויף דעם שוידערליכסטען אופן, און די גאנצע ציוויליזירטע וועלט האט געשוויגען. געשוויגען האט אויך די אמעריקאנער עפענטליכקייט און די פּרעסע. די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע מיט די אנדערע רעליעף סאסייעטיס האבען געטאָהן אלעס מעגליכע

צו העלפען די מלחמה קרבנות פון גאליציען, עסטרייך און פוילען. אבער צו די אונגליקליכסטע פון אלע אונגליקליכע, צו די אוקרייינער אידען האט קיינער ניט געקאנט צוקומען.

דעמאלט האט זיך געגרינדעט דער פערבאנד פון אוקרייינער אידען אין אמעריקא מיט א הויפט־אפיס אין ניו־יארק. דער פערבאנד האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו רופען און וועקען די עפענטליכע מיינונג געגען די האלסייל שחיטות אין'ם ארץ הדמים און זוכען וועגען און מיטלען ווי צו ברייינגען הילף צו די אונגליקליכע און פערבינדען קרובים מיט קרובים, פריינד מיט פריינד, דורך אוקרייינער לאנדסמאנשאפטען.

פילאדעלפיא צעהלט אונבעשריען א גרויסע באפעלקערונג פון אוקרייינער אידען. צו זיי איז ארויסגעלאזען געווארען דער רוף, און דעם פינפטען אקטאבער 1919 איז אויף א קאנווענשאן פון פארשטעהער פון אידישע ארגאניזציעס געגרינדעט געווארען דער ערשטער ברענטש פון אוקרייינער פערבאנד אונטער דעם נאמען „פעדעריישאן פון אוקרייינער אידען אין פילאדעלפיא" מיט דעם שרייבער פון דיזע צייילען אלס פרעזידענט. עס איז געוועזן דער גורל פון פילאדעלפיא צו שפיעלען א וויכטיגע, אויב ניט די וויכטיגסטע ראלע אינ'ם אוקרייינער פערבאנד. און פאר דעם האבען מיר צו פערדאנקען אונזער אלעמענס פריינד און חבר מ. ק א ט ץ.

באלד ביים אנפאנג געבורט פון אוקרייינער פערבאנד האט חבר מ. קאטץ (אליין ניט קיין אוקרייינער) זיך אריינגעווארפען אין דער ארבייט, געוועקט און בעגייסטערט מיט פייער־פלאמיגע עדיטאריעלס אין דער „אידישע וועלט" צו בילדען א שטארקע ארגאניזאציאן פון אוקרייינער אידען וואס זאל ברייינגען וואס שנעלער הילף צום אוקרייינער אידענטהום, וועלכער איז ווי פערארטיילט געווען צום אונטערגאנג. ער בעטייליגט זיך אונערמידליך אין אלע מיטינגען און פערהאנדלונגען. ער ווערט טשערמאן פון דער שטאדטישער קאנפערענץ וואס האט ארגאניזירט די היסטאריש־געווארענע טרויער־און־פראטעסט דעמאנסטראציע און ריזיגען מאסס־מיטינג אין מעטראפאליטען אפערא האוז. און נאך דעם ווי א דעלעגיישאן פון די אוקרייינער אידען מיט די בעוואוסטע פארשטעהער, לואיס מארשאל, דזשייקאב שיף, ראבי סטיפען ווייז און מארים ראטענבערג, זיינען געפאהרען קיין וואשינגטאן אפעלירען צו דער רעגיערונג און דער דאמאלדיגער סטייט־סעקרעטערי לאנסינג האט געענטפערט אז ער קאן גארנישט טאהן, האט דער פערבאנד בעשלאסען צו שיקען אליין הילפס־שלוחים קיין אוקריינא.

דער צוועק פון אזא מיססיאן איז געווען דורך מעגליכע אדער אונמעגליכע

וועגען קומען אין בעריהרונג מיט די בלוט־פארפלייצטע שטעדטלעך פון אוקריינא, ברענגען זיי הילף און הויפטזעכליך פארבינדען זיי דורך ספעציעל אויסגעארבייטע „קוועסטשטאניערס“ מיט קרובים און לאנדסמאנשאפטען אין אמעריקא. און אויף א מיטינג דעם 28־טען אקטאבער 1919 איז אונזער יובילאר, מ. קאטץ, ערוועהלט געווארען פון פילאדעלפיער ברענטש צו טאהן די הייליגע שליחות און ברענגען הילף און טרויסט פאר אונזערע פארוואַ־נעלטע און פארבלוטיגטע שוועסטער און ברידער פון יענער זייט ים. די „דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע“ האט איהם אנערקענט אלס איינעם פון די פיער ספעציעלע קאמישאנערס, וואס זיינען בעאויפטראגט געווארען מיט דער דאזיגער אויפגאבע.

דעם 29־טען יאנואר 1920 איז געווען דער אבשיעדס־אבענד, ווען מיר האָבען זיך הארציג צוזעגענט. יעדערער פון די געסט און זיינע אינטימע פריינד האבען זיך געפיהלט פארוווירט און אונרוהיג. מיר האבען דאן בע־וואונדערט דעם מוטה און דעם שטארקען גייסט פון דעם שליח, וועלכער איז שוין ניט קיין יונגערמאנטשיק, לאָזט איבער זיין פאמיליע, זיין שטעלע וואָס ברענגט איהם א זיכערע עקזיסטענץ מיט כבוד, און לאָזט זיך אוועק אין א וועג פול מיט נסיונות און געפאהר. חבר מ. קאטץ איז געווען יענעם אבענד דער מונטערסטער און דער רוהיגסטער פון אלע ארום איהם. ער האט, ווייזט אויס, וויניגער גערייכט וועגען זיין אייגענער זיכערהייט ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען ברענגען הילף פאר יענע אונגליקליכע פון אונזער פאלק...

וואכען און וואכען זיינען פאריבער. און ענדליך דעם 21־טען אפריל 1920 איז געקומען פון איהם די ערשטע נאכריכט, אז ער פיהרט אויס די ארבייט די בריעף און „קוועסטשאניערס“ זיינען צוגעשטעלט געווארען. א טהייל פון זיי איבערגעגעבען געווארען דורך מאסקווע און כמעט אלע בריעף זיינען אנגעקומען צו די קרובים און פריינד. פון זיינע נסיונות און געפאהרען, וואס איהם איז אויסגעקומען אויסצושטעהן אויף יענע וועגען — פון דעם אלעמען האט דער בעשיידענער מ. קאטץ ניט געשריבען און ניט דערצעהלט. נאר מען ווייס דאך פון זיכערע קוועלען און פון רעפארטען צו דער „דזשאינט דיסטרי־ביושאן“ אז דערזעלבער שיקזאל וואס האט געטראפען מיט די צוויי מארטי־רער, די רעליעף־קאמישאנערס, פראפעסאר פרידלענדער און דר. קאנטאר, איז שיער ניט געווען דער גורל אויך פון מ. קאטץ, וועלכער האט געדארפט אב־פאהרען צוזאמען מיט זיי פון קאמענעץ דורך יערמאלינעץ. ער האט אבער געכאפט זיך, אז ער דארף נאך צונויפנעהמען עטליכע פעקלעך בריעף און ער איז געבליבען א ווילע שפעטער. דערנאך האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דורך

דעם איז ער געבליבען לעבען, ווערענד זיי זיינען ערמארדעט געווארען לעבען ירמאלינעץ. די השגחה האט מסתמא געוואלט ער זאל בלייבען צווישען די שרידים ופליטים און מיר, זיינע פיעלפאכע פריינד און פארעהרער, זאלען פייערען דעם גרויסען יום־טוב — מ׳ קאטץ׳ס זעכציג־יאהריגען יובילעאום!

אלס דער ערשטער פרעזידענט פון דער פעדערייישאן פון אוקריינער אידען אין פילאדעלפיא און אלס אלטער גוטער־פריינד ווינש איך איהם א לאנגען, גליקליכען לעבען וואס זאל זיין ווי ביז איצט געווידמעט צום וואהלזיין פון זיינע מיטמענשען און פאר דער נאציאנאלער אויפלעבונג פון אונזער אידישען פאלק.

פילאדעלפיא, יאנואר 1925.

פון׳ם יובילאר׳ס שריפטען

דער אידישער דאָן קיכאָט

(דראמא אין פיער אקטען, געשריבען אין זומער 1898)

צייט: די אכציגער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט.
פּלאַץ: א שטאָדט אין ווייס־רוסלאנד.

האנדלענדע פּערזאָנען.

ר׳ יחזקאל לאנדאַ — (האָט א שם אלס „ר׳ חצקעלע" פון דער מיוחס־דיגער משפחה לאנדאָס, וואָס זיינען אי נגידים, אי גרויסע לומדים און בעלי צדקה).
חנה — זיין פרוי.
ר׳ שכנא פּנחס — (א משגיח אין ר׳ חצקעלעס ישיבה).
שיינדעל — | לאנדאָ׳ס טעכטער, די ערשטע זיבעצעהן יאָהר אלט, די
שרה׳לע — | אנדערע אכט.
דיאָמקע — אן אלטער, אויסגעדיינטער סאָלדאט, פון די קאנטאָניסטען.
שמעריל צוקערפאס — אן אויפגעקומענער גביר, א פּאָדריאטשיק.
רבקה — שמעריל צוקערפאס׳ס פרוי.
אפרים — זייער זוהן. (האלב־משכיל, האלב־סוחר).
ר׳ יהודא ליב — א געפאלענער בעל הבית.
יוסיל חאדאטאי.
דאָקטאָר טראכטענזאָהן.
מאריאשע — דיענסט אין לאנדא׳ס הויז (א פארעלטערטע מויד).
יאָנטעל — | א פּאָאר גאס־יונגען.
זונדעל — |

געסט און סתם אידען.

ערשטער אקט קומט פאָר אום שמיני עצרת שפעט נאָכמיטאג. די איבעריגע אקטען א וואָך נאָך דעם ערשטען.

ע ר ש ט ע ר   א ק ט
ערשטע סצענע

(א גרויסער צימער, מעבלירט אויפ'ן אלטמאָדישען רייכען אופן. שווערע מעבעל מיט שניצערײ, וואָס מאכען דעם איינדרוק ווי איבערגעגאנגענע בירושה פון דורות. א רייכער קריסטאָלענער הענגלייכטער הענגט אראָב פון מיטען סטעליע. אין הינטער־גרונד גרויסער פענסטער מיט גארדינען. ווען מען ציהט אויף א גארדין זעהט זיך א סוכה, לינקס איין טיהר, וואָס פיהרט צום קאָרידאָר און א צווייטע טיהר, וואָס פיהרט צו דער קיך. צו רעכטס א טיהר, וואָס פיהרט צו ר' חצקעלע'ס לעהרען־צימער. אז מען עפענט די טיהר זעהען זיך אלטע, שווערע אלמערס מיט ספרים. צווישען די צוויי טיהרען לינקס אין סאמע מיטען וואנד א הויכע, כמעט ביז דער סטעליע, גלאזירט־קאכלענע הרובע. גרויסער טיש, געגרייט יו"ט'דיג, זילבערנע שווערע לייכ־טער. אויף אלעם ליעגט דער חן פון יו"ט. אויף א ווינקעל־טישעל שטעהט א זילבערנע אתרוג־קעסטעלע און דערביי שטעהט א לולב. בעת דער פאָרהאנג געהט אויף שטעהט מאריאשע און מאכט צורעכט די טישטוך. עס הערט זיך פון קיך געזאנג פון דיאָמקע מיט שרה'לען).

מ א ר י א ש ע . — דיאָמקע ! טראָג שוין אריין האָלץ און הייץ איין די הרובע. דאָ וועט דאָך באלד זיין דערפרוירען צו ווערען אזוי ווי אין סוכה. דיאָמקע ! זעה, ווי ער האָט זיך דאָרט צופרעפעלט, א כוואָראבע אויף זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען א חזן להבדיל הבדלות. איך קאָן איבער איהם דעם וויין ניט ארויפשטעלען, ער קאָן זיך נאָך חלילה אָנריהרען, א פאַהיבעל זאָל איהם כאפּען. דיאָמקע ! מען זאָגט דאָך דיר : טראָג אָן האָלץ און הייץ איין. די בעל־הבית'טע וועט באלד קומען און מענשען וועלען קומען אודאי אויף כיבוד, און אין שטוב איז אזוי קאלט, שרה'לע געה אוועק פון דעם גוי, איך וועל זאָגען דער מאמען !

ד י אָ מ ק ע (פון קיך). — וואָס דו שרייסט, פאהאנע דיעווקא ! וואָס דו דאָ, א חאָזאיקע ? פארשטאָפּ דיין פאהאנע מויל !... סטיערווא !

מ א ר י א ש ע . — האָסטו געזעהן, אזא פיאניצע ? טראָג אריין האָלץ. סווינטוכאילע ! נעקומען אהער פרעפלען זיינע פאטשערעס ! געה פון איהם אוועק, שרה'לע ! ווילסט זיך פון איהם אויסלערנען גוי'אישע פעשניעס ? זאָל ער דאָס זינגען פאר זיינע ממזרים. דאָ איז ניט קיין גוי'עשע האש־ליערע.

ר י אָ מ ק ע (אריינטראָגענדיג שרה'לען „באראנטשיק" אויפ'ן פּל יצע). — שאגאָם מארש ! ראז, דווא — ראז, דווא ! פּאלו־אבאראט נאפּראווא...

מ א ר י א ש ע . אוועק פון איהם, זאָג איך ! ווּעסט זעהן, איך וועל דערצעהלען דער מאמען.

ד י אָ מ ק ע . וואָס דו ניט פארמאכסט דיין סאבאטשי מייל ! דו אליין ממזרים — טשאָרט טי פּאהאני. סארעטשלא מיין גוטע באריטשניע. איך סארעטשקען זינגען גוטע פעסניעס.

מ א ר י א ש ע . געזעהן אביסעל. פון איהם דארף איך אויך ליידען. אין אזא פּרומע שטוב זאָל מען לאָזען א גוי אזוי יושעווען. (זי גיט א שלעפּ שרה'לען אָן א זייט) איך קאָן דאָך איבער איהם דעם ווייַן ניט ארויפשטעלען. ער וועט זיך נאָך אָנריהרען. די כווארעבע זאָל איהם נעהמען, ווי ער פארשטערט מיר דעם יום טוב. נו טראָג דאָך שוין אריין האָלץ און הייץ איין.

ש ר ה ' ל ע . וואָס שרייסטו אויף איהם ? ער טהוט דיר עפּעס ? האָב פאר איהר קיין מורא ניט, דיאָמקע !

ד י אָ מ ק ע . איך פאר איהר ניט מורא, סארעטשקא. איך אליין וויסען איינהייצען. (צו מאריאשע) כאָלערא טי טרידצאטיך האדאָוו ! (ער געהט אָב).

ש ר ה ' ל ע . מאריאשע די מויד. וואָס אארט דיך אז ער זינגט מיר פעכניעס ? איז דאָס דיין דאגה, וואָס ?

מ א ר י א ש ע . זינג בעסער אידישע, ניט גוי'אישע. (זינגט)

אב הרחמים שוכן מרומים,
גאָט איז א פאָטער פון אלע יתומים.
אידישע קינדער רייסט מען פון חדר
מען טהוט זיי אָן'עט יאוואָנישע קליידער...

ש ר ה ' ל ע . די מאמע זאָגט, אז ער מעג מיט מיר שפּיעלען זיך. ער איז א גוטער גוי, זאָגט זי.

מ א ר י א ש ע . אז א גוטער גוי, מעג ער זיין א גוטע כפּרה.

ד י אָ מ ק ע . (טראָגט אריין האָלץ, הייצט איין) באלד זיך דאָס צוהייצען, זיין ווארעם פאר אלעמען. פאר די פאסקודנע מאריאשע אויך.

מ א ר י א ש ע . (בייז) טפו ! אלע חלאת'ן אויף דיין קאָפּ, אויף דיין לייב און לעבען ! (געהט ארויס)

ד י אָ מ ק ע . טפו, סטיערווא !

ש ר ה ' ל ע . (קרימט נאָך מאריאשען) זי איז א גולם זאָגט די מאמע און דו ביזט א גוטער גוי. איך האָב געפרעגט שיינדעלען, זאָגט זי אויך אז דו ביזט א גוטער.

ד י אָ מ ק ע . מאמע א גוטע יעוורייקא, שיינדעל א זאלאטאיא דושא. איך פאר זיי גאָט מאליען, האָספאָד באָך, אנאַי יעכוואַט. (צלם'ט זיך)

ש ר ה ' ל ע . פע, מאך דאָס ניט. שיינדעלע זאָגט, אז זי האָט געזעהן ווי דו באהאלסט זיך הינטער'ן טיהר פון דעם טאטענס שוהל און ווילסט הערען ווי מען דאוועגט. יא ? דו ווילסט געהן דאווגען ?

ד י אָ מ ק ע . איך ניט קען, סארעטשקא.

ש ר ה ' ל ע . אז דו דערצעהלסט מיר פון די יאוואָנים האָב איך דאָס אזוי האָלט צו הערען.

ד י אָ מ ק ע . (קעהרט זיך אָב און ווישט אָב א טרעהר) איך סארעטשקא'ן זינגען „האלעלויא באטושקא“.

אָך, אָך נאש באטיושקא
אוסטראַי נאם חאטושקו,
פרישלי נאם מאטושקו,
בעז חאטקי גדיע'זש בודיעם מי,
בעז מאטקי זאבלודים מי.

דיעטקי, דיעטקי ני טוזשיטיע
וו'יערוסאלים ווי פרידיטיע —
חאטקו, חאטקו אוסטראַיו וואם,
מאטקו, מאטקו פרישליו יא וואם —
אי מאליטעס אי סקאזשיטע
האלעלויא — האלעלויא !... *)

ש ר ה ' ל ע . אז דו זינגסט דאָס מיין איך אז דו וויינסט. פאר וואָס וויינסטו ?

ד י אָ מ ק ע . דאָס א יעוורייסקע פעסניע, א יעוורייסקע מאליטווע, סארעטשקא.

ש ר ה ' ל ע . פאר וואָס דערצעהלסטו דאָס ניט מיין מאמען ? מאַ־טושקא איז דאָך א מאמע. און באטיושקא איז דאָך א טאטע.

---

*) דאָס רוסיש לידעל האָט מיין פאָטער, עה"ש, אונז איבערגעזונגען אין הויז, קומענדיג צופאָהרען פון קאזאן, ווי ער האָט דאָס געהערט זינגענדיג פון אלטע ניקאָלאיעווסקע סאָלדאטען. דאָס איז געווען אונגעפעהר אין 1873 אָדער 1874.
מ. ק.

ד י אָ מ ק ע . אַך, אַך נאש באַטיושקא, דאָס (ווייזט צו הויך) האָספּאָד באָך אנאָי יעווכאָד. (צלמ׳ט זיך)

ש ר ה ׳ ל ע . ניין, טהו דאָס ניט. מען טאָר ניט. (האַלט צו זיין האנד)

ד י אָ מ ק ע . פּרישלי נאם מאַטושקו, דאָס די סוויאַטאיא באָהאראַ־דיצא. אוסטראָי נאם חאַטושקו, דאָס דער כראם באָזשי. איך א נעסטשאַס־נער, סאַרעטשקא. איך פּאַמניע, מיין באַטיושקא, דער דיעדושקא, צאַרסט־וואָ יעמו ניעבעסנאיע, מיך העטראָגען אין א קאָליס אין שקאָלע, זאָגען לאָהיינו, לאָהיינו. (וויל זיך צלמ׳ן)

ש ר ה ׳ ל ע . מאַך דאָס ניט. איך קאָן דאָך ניט פאַרשטעהן וואָס דו רעדסט. באַטושקא איז דאָך א טאַטע. האָסטו אויך געהאט א טאַטען ווען דו ביסט געווען א קליינינקער ? האָט ער דיך געשלאָגען ? פאַרוואָס ביסטו ניט א איד, דיאָמקע ?

ד י אָ מ ק ע . איך ניט קאָן זיין. איך געוואָלט זיין א יעווריטשיק, זיי אונז מיט ראזגעם געקאַטעוועט, געשפּאַרט סווינינו אין מויל : זשרי זשידיאָנאַק ! מיר, זשידקעם קליינעטשקע, אין לאַנגע שינעלי און גרויסע ארבעלם אַזוי זשאַלאָסטנע געוויינט... אַך, האָספּאָדי, האָספּאָדי ! (צלמ׳ט זיך)

ש ר ה ׳ ל ע . ווילסט ניט זיין קיין גוי, איז פאַר וואָס מאַכסטו דאָס ? זאָג דאָס מיין טאַטען. מיין טאַטע איז א גוטער. ווילסטו, וועל איך דאָס איהם זאָגען, אַז דיאָמקע וויל זיין א איד.

ד י אָ מ ק ע . ניין, סאַרעטשקא. דאָס ניט זאָגען, דאָס ניט טאָרען זאָגען. יאַק־זשע איך דאָס זאָגען ? דער באָך איז דאָך אדין, יאַק נאַשים טאַק וואַשים. נאָר די וויערא אַנאַנדערע. און אויף יענער וועלט ווען מיר אלע קומען, נעסטשאַסנע דושעם, וו׳יערוסאַלים פּערעד באָהאָם, מיר דאָרט געפינען אונזערע מאַטושקעס, וועט האָספּאָד באָך אנאָי יעבוואָט א שריי טאָן : פאַר וואָס איהר זיך געקרעסטשעט, אָקאיאַניע ! וועט די מאַטושקא, סוויאַטאיא באָהאָראָדיצא פאַלען אויף די קניע און מאָליען, בעטען : פּראָסטי אים באָזשע אנאָי יעבוואָט, זיי געוועזן נעסטשאַסטנע דיעטקעס... דאָס אונז אין פּאָלק געזאָגט א יעוורייי א סאָלדאַטיק און אונז געלערענט זינגען „האַלעלויא באַטיושקא“...

ש ר ה ׳ ל ע . דו דאַרפסט בעסער לערנען סידור. ווילסט, וועל איך מיט דיר לערנען. איך קאָן שוין דאַוונען אַזוי ווי שיינדעלע אין דער מאַמעס קרבן־מנחה סידור.

ד י אָ מ ק ע . (דערפרעהט זיך) דו דאָס מיט מיר זאָגען, סאַרעטשקא, דאָראָגאָיע דיטיא ? מיר דאָס לערנען ?...

שׂ ר ה ׳ ל ע . וואַרט, איך וועל דיר ברענגען די מאַמעס סידור. (לויפֿט אַרויס).

ד י א מ ק ע. (מאַכט צורעכט דאָס פֿייער אין הרובע) האַספּאָדי, האָספּאָ־די, טי באָזשע מאָי, (בלייבט שטעהן אויף די קניע מיט אַ פֿערטראַכטען פּנים, ווי חלום׳ענדיג פֿון לאַנג פֿערגאַנגענע צייטען. ער איז אין גאַנצען בעלויכטען פֿון די פֿלאַקערענדע שייטער האָלץ)

שׂ ר ה ׳ ל ע (לויפֿט אַריין מיט אַ שווערען קרבן־מנחה) — אָט, דיאַמקע, אָט איז דער מאַמעס סידור: זעהסט, אָט איז דאָ הללויה. זעהסט? ה־ל־לו־יאָ.

ד י א מ ק ע (אַן אויפגעצאַפּעלטער) דאָס האַלעלויא? . . . דאָס האַלעלויא, סאַרעטשקאַ, איך דאָס זאָגען, איך דאָס זינגען (ער טאַפּט די ווערטער צערטליך מיט ציטערענדע פֿינגער) איך דאָס זאָגען.

אָך, אָך נאַש באַטיושקאַ,
אוסטראָי נאַם חאַטושקו,
פּרישלי נאַם מאַטושקו —
בעז חאַטקי גדיעזש בודיעם מי,
בעז מאַטקי זאַבלודים מי . . .

שׂ ר ה ׳ ל ע (צולאַכט זיך) דיאַמקע, דו מיינסט דאָס שטעהט דאָ אין סידור? דאָס שטעהט ניט אין סידור. דאָס איז דאָך אַ גוי׳אישע פּעסניע. זאָג מיר נאָך די עברי — זעהסט, ה־ל־לו־יה . . .

ד י א מ ק ע. דאָס איך ניט קאַן ייוורעי. דאָס איך ניט קאַן, סאַרעטש־קע. (קושט די ווערטער.)

שׂ ר ה ׳ ל ע. אַי, ניין, דיאַמקע, דו דאַרפֿסט ניט קושען דעם סידור, ביי דיר איז דאָך אַ טריפֿה מויל, דו עסט חזיר, זאָגט מאַריאַשע. און אַז דו ריהרסט אָן דעם וויין, זאָגט זי, ווערט דער וויין אויך טריף.

מ א ר י א ש ע . (אַריינלויפֿענדיג) ער פֿרעפּעלט נאָך דאָ דער דבר אחר. מענשען קומען דאָך שוין אויף כיבוד, און דאָ זיצען נאָך חזרים אין זאַל, ווען מען דאַרף שוין באַלד געהן צו הקפות! (דיאַמקע געהט אַרויס געבראָכען, מיט געבויגענעם קאָפּ — נאָך איהם שׂרה׳לע.)

צווייטע סצענע

שׂ כ נ א פּ נ ח ס. (קומט אַריין בגילופֿינ׳דיג, נאָך איהם יהודא ליב) אַ גוט יום טוב, בעל־הבית׳טע, אַ גוטינקער יו״ט חנה די עקרת הבית, די

צדקניות. גרייט אן כיבוד. מחותנים קומען, לכבוד שמיני עצרת, לכבוד הושענא רבא ולכבוד שמחת בית השואבה ולכבוד שמחת תורה.

יהודא ליב. לכבוד ר׳ יחזקאל׳ס פלאי פלאים׳דיגען דרוש ולכבוד דעם שעהנעם שידוך, א גוטער, גרויסער פרעהליכער יו״ט אייך. מי שברך אבותינו אברהם יצחק ויעקב הוא יברך את האשה הצנועה, הגבירתה, המפורסמת מרת חנה בת ... בת ... בת ...

שכנא פנחס. ונאמר אמן ... א? (קוקט זיך ארום.)

מאריאשע. די בעל־הבית׳טע איז נאך ניט געקומען פון שוהל.

שכנא פנחס. ביסטו דאס גאר? איז דאך די קשיא, הא? ...

יהודא ליב. האב איך געמאכט הייסט דאס אן אומזיסטען מי שברך?

שכנא פנחס. איז דער תירוץ: ניין. אין הקדוש ברוך הוא מקפח שכר כל בריה. בפרט ווען א איד מאכט א מי שברך.

יהודא ליב. מעג מען הבתולה מרת מאריאשע אויך מאכען א יו״ט׳דיגען מי שברך.

מאריאשע. אי, לאָזט מיך גרייטען צום טיש. איך האב דא שוין געהאט גענוג פון דעם גוי׳אישען מי שברך. אין אזא פרומע שטוב זאל מען דאס לאזען א גוי אזוי יושעווען. אט קומט שוין די בעל־הבית׳טע.

חנה. (קומט אריין גבירישׁ, יו״ט׳דיג ברייטלעך, אָבער מיט אן עדעלען חן אין קליידונג און באנעהמונג.) גוט יו״ט, גוט יו״ט אונז אלעמען.

יהודא־ליב — שכנא־פנחס. (ביידע צוזאמען אין איין קול) גוט יו״ט, גוט יאָהר הגבירה המפורסמת, חנה די צדקניות, די אשת חיל, די עקרת הבית ...

חנה. גוט יו״ט אונז אלעמען. אבער אזוי פיעל שבחים שוין פאר הקפות? (שמייכעלט) היינט וויפיעל שבחים וועלען שוין זיין נאך כיבוד און נאך די הקפות?

שכנא פנחס. א ביסעלע פאר הקפות, א ביסעלע צו הקפות און א טראפעלע נאך הקפות. אי איז דאך די קשיא, הא? איז דער תירוץ: ניין, אחת לאחת למצוא השבון. פיהלט זיך א איד בגילופינ׳דיג.

יהודא ליב. אט אזוי, א טראפעלע דא און א טראפעלע דארט...

חנה. (לאכט) פארלירט מען דעם חשבון. און וואו האט איהר איבער־געלאזען מיין האצקעל?

שכנא פנחס. ר׳ יחזקאל איז געבליבען נאכ׳ן דרוש ריידען מיט שמעריל צוקערפאס און מיט זיין זוהן. א געראטענער בחור, גאר א בחיר!...

יהודא ליב. זיי וועלען דאך באלד קומען מיט׳ן גאנצען עולם

מסתמא. זאג איך צו ר׳ שכנא פנחס׳ן: לאמיר פריהער געהען אנזאגען דער חכמניות, דער איידעלער אשת חיל מרת חנה, אז די מחותנים קומען. מיר האבען אפילו געמאכט עטליכע מאהל להים לכבוד שמיני עצרת, פון דעסט־וועגען דארפען מיר ניט פארגעסען אז מיר זיינען די שדכנים.

ש כ נ א פ נ ח ס. א בחיר, א געראטענער און שמעריל איז דאך א גביר אדיר. אי איז דאך די קשיא — הא? איז דער תירוץ: ניין, עס איז קיין קשיא ניט!

ח נ ה. מאריאשע. שטעל ארויף דעם זילבער אויפ׳ן טיש. און וואו איז דאס אונזער שיינדעלע?

מ א ר י א ש ע. זי לייענט א ביכעל דארטען. זאל איך זי רופען?

ח נ ה. מען בעט דיך ניט. שטעל ארויף וויין און די בראנפען.

מ א ר י א ש ע. געוויס וועל איך ארויפשטעלען, וואס בין איך עפעס ביי אייך דאס ערשטע יאהר? אז א גאנצינקען טאג האב איך זיך געדארפט בעטען ביי דיאמקען ער זאל איינהייצען. זאג איך איהם א ווארט, ווארפט זיך דער גוי ווי א בייזער פאהיבעל.

ח נ ה. נו, גענוג שוין צו טענה׳ן. געה, זאג שיינדלען, אז געסט קומען. און טהו זיך אויך אן אביסעל לייטישער. איך האב דאך דיר געזאגט, קענסט אנטאהן מיין שאטעסענע קלייד.

מ א ר י א ש ע. הלואי וואלט יאנטעלע גנב ניט אוועקגעראבעוועט מיינע 26 בלוטיג פארהארעוועטע רובעל, ווי איך וואלט מיך שוין אנגעטאהן לייטיש און אויך אפשר אמאל חתונה געהאט . . . (געהט אב).

ח נ ה. ווייסט איהר, ר׳ יהודא ליב, איך זאג אייך דעם אמת, אז איך פערלאז זיך אויף אייך מעהר איידער אויף אונזער ר׳ שכנא פנחס. איהר זייט אמאל אליין געווען א איד א סוחר.

ש כ נ א פ נ ח ס. דער כלל איז, ווי די גמרא זאגט: קשין מזונותיו של אדם, שווער די חיונה פון א אידען אזוי ווי קריעת ים סוף. איז דאך די קשיא — הא? . . . איז דער תירוץ: ניין! שיקט צו גאט ברוך הוא א אידען שדכנות. און שדכנות איז . . .

ח נ ה (שלאגט איבער) — אט דאס איז דאך. ר׳ שכנא קאן זיין א גוטער משגיח אין מיין האצקעלעס, זאל געזונד זיין, ישיבה. אבער וואס פארשטעהט ער פון מסחר? אפשר וויל שמערעל צוקערפאס, אז מען זאל זיין זוהן אב־שיטען מיט רענדלעך.

ש כ נ א פ נ ח ס. דער כלל איז ווי די גמרא זאגט: בשעה שנולד הילד געהט ארויס א בת־קול און שרייט אויס בת פלוני לפלוני. אי איז דאך די קשיא —הא? איז דער תירוץ: ניין! שמערעל איז אן עושר און ר׳

יחזקאל איז דער גרויסער גאון און א מיוחס, בן בנו של מיוחסים, פון יענ אמת'ע מיוחסים, וואס אין דער גאנצער משפחה איז ניטא קיין איין שמץ, דורכאויס תורה, דורכאויס יראת שמים. זאגט איהר, אז איך פארשטעהע דעם עסק ניט. איך בין דאך עפעס אליין געווען דעם חתן'ס מלמד.

י ה ו ד א ל י ב. דערפאר האב איך דאך אייך גענומען פאר א שותף. איך זאג אייך, חנה, איהר זייט דאך טאקע די אמת'ע אשת חיל. ביי שמער־לען איז יחוס די הויפט־זאך. און נאך אזא יחוס, אז טאקע קיין שמץ פסול, קיין פלעק אין דער משפחה, דורכאויס צדיקים. אי־וואס איהר זאגט אבשי־טען מיט רענדלעך, ווייסט איהר דאך, מען זאגט צו וואס מעהר, און . . . המ . . . דערנאך איז . . . ווי מיינט איהר, ר' שכנא פנחס?

ח נ ה . אי, ר' יהודא ליב, צוזאגען און ניט מקים זיין? קענט איהר נאך אפנים טאקע ניט ר' יחזקאל לאנדא. שמעריל צוקערפאס ווייס אפשר ניט אז מיר זיינען ניט אזעלכע נגידים שוין ווי אמאל. מיין חאצקעל צו־טיילט צדקה מעהר איידער מיר קענען. היינט וואס עס קאסט אב די ישיבה און דאס צושיקען פון זיינע ספרים, פון זיינע כתבים. אבער וואס מיר קענען ניט וועלען מיר ניט צוזאגען.

ש כ נ א פ נ ח ס . א קליינינקייט אונזער ישיבה, ישיבת ר' יחזקאל, ער וויל דאך נאך, אז מען זאל צו תורה לערנען אויך חכמה. אי איז דאך די קשיא — הא? איז דער תירוץ: ניין. דרשנט דער מאור הגולה, ר' יחזקאל לאנדא, אז טוב תורה עם דרך ארץ.

י ה ו ד א ל י ב . אזא גאון עולם. ווען די שטאדט זאל ביי איהם אמאל פועל'ן, ער זאל אננעהמען די כסא הרבנות, זיין דער מרי דאתרא פון אזא כרך ווי מאהילעוו, מיט זיין שם אין דער וועלט...

ח נ ה . דאס זיינען אומזיסטע רייד. ער וועט ניט מאכען, זאגט ער, די תורה פאר א פרנסה פאר זיך.

ש כ נ א פ נ ח ס . א צדיק תמים. אבער טאקע בתמימות.

י ה ו ד א ל י ב . זאגט איהר, חנה, אז שמעריל וועט נאך ניט וועלען? א קליינינגקייט פאר איהם אזא יחוס? איהר פארשטעהט דאך, איהר זייט דאך עפעס א סוחר'טע א חכמניות. איהר האט געדארפט זעהן ווי ער האט די פינגער ממש געלעקט, ווען ר' חאצקעלע האט געהאלטען זיין דרוש וועגען דעם נייעם רעיון פון ישוב ארץ ישראל.

ש כ נ א פ נ ח ס . און ווי דער חתן־בחור אליין איז נתפעל געוואָרען אין איינעם מיט אלע היינטיגע יונגע־לייטלעך, די משכילים. זיי האבען ממש געשלונגען זיינע ווערטער. דער עיקר, זאגט ער, איז דאך לקרב את הלבבות, די הערצער צו דערנעהענטערען. ווארים ביי די היינטיגע זיינען

דאָך די הערצער געוואָרען מגושם׳דיג. אי איז דאָך די קשיא — הא ? ווי קאָן מען מקרב זיין גשמיות מיט רוחניות ? איז דער תירוץ : ניין, קומט אזא צדיק תמים ווי ר׳ יחזקאל און איידעלט אוים די גשמיות אויף דעם גאנג פון תורה און השכלה.

י ה ו ד א ל י ב . אָט קומען זיי טאקע אלע, מיט מזל און מיט ברכה.

(עס קומט אריין לאנדאָ, באגלייט פון שמעריל צוקערפאס, זיין זוהן אפרים, עטליכע שעהנע אידען בעלי בתים, א פּאָר אידען קבצנים און יוסיל חאדאטאי).

ל א נ ד אָ . גוט יו״ט, רבותי, גוט יו״ט, חנה !

צ ו ק ע ר פּ א ס . גוט יו״ט אייך, בעלת הבית !

ח ת ן . גוט יו״ט אייך, מאדאם לאנדאָ.

ח נ ה . גוט יו״ט ! גוט יום טוב, טהייערע געסט. דאָס איז אייער זוהן, ר׳ שמעריל ? קיין עין הרע...

צ ו ק ע ר פּ א ס . דערווייל, ווי זאָגט מען דאָס, איז ער אין גאנצען מיין זוהן. נאָר ווען גאָט וועט געבען מיט מזל, וועט ער מסתמא זיין אם ירצה השם מיין זוהן אויך.

ל א נ ד אָ . זיצט, רבותי.

ח נ ה . זעצט זיך, אידען. זעצט זיך צום טיש.

ל א נ ד אָ . און וואו איז דאָס אונזער שיינדעלע ?

ח נ ה . זי קומט גלייך אריין, ווי דען ? (געהט צום טהיר, עפענט און רופט). מאריאשע !

צ ו ק ע ר פּ א ס . אייער טאָכטער האָט זיך מסתמא פארשעהמט. מיין יונגערמאן איז אויך א שעהמעדיגער.

ל א נ ד אָ . צניעות איז א שעהנע מדה. זי איז א ציערונג פאר יונגע פּנים׳ער.

ש כ נ א פּ נ ח ס . אי איז דאָך די קשיא — הא ? שטעהט דאָך לא הבישן למד ? איז דער תירוץ : ניין, לימוד איז אן אנדער זאך.

(עס קומט אריין שיינדעל, מיט איהר שרה׳לע האלטענדיג איהר האנד.)

ל א נ ד א . גוט יו״ט, מיין טאָכטער !

ש יי נ ד ע ל . גוט יו״ט, טאטע, גוט יו״ט אלע געסט ! (מאריאשע טראָגט אריין גרויסען טאץ מיט כיבוד.)

ח נ ה . זעהסט שיינדעלע, דאָס איז ר׳ שמעריל׳ס זוהן. געדענקסט זיי ?

ש יי נ ד ע ל . איך געדענק זיי, ווען מיר זיינען נאָך קינדער געוועזן.

א פ ר י ם . (פארנייגט זיך) איך געדענק אויך, ווען מען פלעגט מיך ברייננען צו פיהרען צו אייער פּאָטער צום פארהערען.

ח נ ה . נו, זעצט זיך, קינדערלעך, פארברייננגט זיך. יונגע מענשען דארפען דאך געפינען וועגען וואס צו פארברייננגען. (ווייזט זיי אן א פלאץ אן א זייט.) און דו שרה'לע, קום אהער צו מיר.

ל א נ ד א . ווי גוט עס איז צו זעהן ווי עס בליהען אויף צוויי יונגע בוימער — נו, לאמיר מאכען ברכה, רבותי. אט לאזט זיך אויס שמיני עצרת און עס הויבט זיך אן שמחת תורה, גאט ברוך הוא האט צו־געשיקט א גמר חתימה טובה, און אידישע האפנונגען וועלען איה"ש מקוים ווערען. לחיים, אידען, לחיים קינדער. איהר זאלט זוכה זיין צו זעהן בנחמת ציון וירושלים.

צ ו ק ע ר פ א ס . לחיים, רבי יחזקאל, מיר זאלען טרינקען אויף אונזערע קינדער'ס שמחות.

ש כ נ א פ נ ח ס . לחיים, ר' יחזקאל, לחיים, ר' שמעריל, לחיים מיין אמאליגער תלמיד החתן אפרים — הבן יקיר לי אפרים.

י ה ו ד א ל י ב . לחיים, דער השם יתברך וויל עס זאל זיין תורה וגדולה במקום אחד. (אידען טרינקען, „לחיים ! לחיים !")

ש כ נ א פ נ ח ס . גוטער וויין, מען פיהלט אין איהם ממש אזא טעם ווי אין ר' יחזקאל'ס היינטיגען דרוש, דאס הייסט מתיקות מיט חריפות, וואס דאס איז דער טעם פון הושענות, להמתיק את הדין, זיס צו מאכען די גבורות פון בורא עולם. אי איז דאך די קשיא — הא ? איז דער תירוץ : ניין. דאס ברייננגט ארויס דעם רעיון פון ארץ ישראל, גאט ברוך הוא'ס השפעה נאך די גבורות וואס ער האט אונז געוויזען. לחיים, רבותי ! וואס זאגסטו, הבן יקיר לי אפרים ?

א פ ר י ם . א רעיון איז דאס א שעהנער. איך וואלט זאגען, א שעה־נער, ראמאנטישער, פאעטישער חלום. אבער מיר לעבען דאך ניט אין א צייט פון ניסים. איך האב דאס טאקע געוואלט פרעגען ר' יחזקאל'ען. איך בין נתפעל געווארען פון אייערע כתבים. מיר קאנען דאך אבער ניט לעבען מיט חלומות פון אלטע צייטען. איהר וועט מיר ענטשולדיגען, ר' יחזקאל...

צ ו ק ע ר פ א ס . דאס זאג איך אויך. מיט וואס וועלען ארעמע לייט פאהרען ? ווי זאגט מען דאס, איך מיין — א רעיון איז דאס א שעה־נער. אבער ווייטער...

ל א נ ד א . (אביסעל אויפגערעגט) ווי ? אזוי מיינט איהר אלע ? א שעהנער רעיון, א שעהנער חלום ? גלויבט איהר, הייסט עס, אז מיר האבען געשריען די זיבען קולות „לשנה הבאה בירושלים" אלץ אין חלום ? גלויבט איהר אז אידען האבען שוין גאר מעהר קיין תקומה ניט ? האט איהר ניט געלייענט ווי אויף מיין קול קורא האבען זיך אבגערופען אידען לומדים,

אידען סוחרים, אידען מיט השכלה, וואָס מיינען בתמימות? זעהט איהר ניט בחוש אזוי ווי איך, אז עס וועט קומען נאָהענט דער טאָג ווען מיר וועלען אויך זיין אן אומה וואָס איז מעהר שוין ניט צוזעעט און צושפּרייט איבער דער גאנצער וועלט? אי מיט וואָס וועלען אָרעמע לייט פאָהרען? ניין, מיין קינד, דאָס איז קיין קשיא ניט. זיינען דען ווייניג פאראן אידען מיט עשירות, וואָס דארפען צוליעב דעם מפקיר זיין א טייל פון זייער פאַרמעגען? אָט דאָס איז דער רעיון. א רעיון הלאומי — א געדאנק וואָס דארף פאַרבינדען אלע אידען זיי זאָלען איהם ארויסברייגנען מכח אל הפועל. אידען מיט תורה, אידען מיט עשירות, אידען מיט חכמה — אלע צוזאמען. אום אני חומה, שטארק ווי א פעסטונג דארף ווערען כנסת ישראל, ניט קוקען אויף קיינע מכשולים, און שטרעבען צו א גאולה שלימה פאר כלל ישראל... (אידען שאָקלען מיט די קעפּ מיט צייכענס פון התפעלות.)

ש כ נ א פּ נ ח ס. אי רבש"ע, אי־ אי! אום אני חומה. וואָס פאר א טיעפער וואָרט! די אומה וואָס זאָגט „אני חומה" איך בין א מויער און מיינע שדים זיינען כמגדלות, ווי די טורעמס, ווי די טורעמס. אי איז דאָך די קשיא — הא? איז דער תירוץ: ניין. דאָס מיינט תורה שבכתב און תורה שבעל־פּה. לחיים!...

ר' י ה ו ד א ל י ב. אום אני חומה, אי, רבש"ע!...

ל א נ ד אָ. יא, א טיעפער סוד ליגט אין די ווערטער (ער זינגט מיט שטילער התלהבות די ווערטער אום אני חומה, ברה כחמה, גולה וסורה, דמתה לתמר. הושע נא.)

א י ד ע ן. (זינגען נאָך אויפ'ן קול) הושע נא, הושע נא.

צ ו ק ע ר פּ א ס. אי האָט איהר געדארפט הערען ווי מיין אפרים האָט דאָס איבערגעזעצט אין א ליעדעל אין זשארגאָן, מיט גראמען.

י ה ו ד א ל י ב. נו, אדרבא, זאָל טאקע דער חתן־בחור...

א פ ר י ם. ענטשולדיגט. דאָס איז ניט קיין ליעדעל, טאטע. דאָס האָב איך געזעצט אין פערזען פערטייטשענדיג ווערטליך די העברעאישע ווערטער. איך האָב דאָס געטאָן אזוי זיך, די מאמע זאָל הנאה האָבען.

ל א נ ד א. שעהן, מיין קינד, שעהן. עס איז א שעהנע מדה צו לאָזען מענשען פארשטעהן אויף זייער אופן אין עברי־טייטש. אָט דאָס איז דאָך געוועזן די כונה פון דעם גרויסען צדיק, ר' נחמן בראצלאווער זכרונו לברכה, ווען ער האָט געהייסען זיינע תלמידים איין שעה אין טאָג מתפלל זיין אויף עברי טייטש, ווייל ווען מען פארשטעהט די שפּראך פיהלט דאָס הארץ בעסער די ווערטער. אדרבא זאָג דאָס אונז מיין קינד. מיר וועלען זינגען די שורות און דו די פארטייטשונג על פּי שיר.

ח נ ה. און לאמיר, ווייבער, אויך הנאה האבען, כאטשי אונזער שיינ־דעלע פארשטעהט לשון קודש.

א פ ר י ם. אויב אייך איז אנגענעהם. דאס איז דאס געזאנג פון הושע נא.

לאנדא. אזוי זינגט כנסת ישראל צו גאט. נו, הויבט אן אידען:

הושע־נא, הושע־נא!
אום אני חומה, ברה כחמה
גולה וסורה, דמתה לתמר.

א פ ר י ם.

פעסט בין איך ווי א טהורם,
קלאהר ווי די זוניגע ליכט,
פארזואגעלט און פול מיט יסורים,
און דאך ווי א טייטעל־בוים געדיכט
בין איך מיט דיין היילינע געבאט —
אזוי זינגט כנסת ישראל צו גאט:
הושענא,
הושענא...

לאנדא (און געסט)

הושע נא
ההרוגה עליך ונחשבת בצאן טבחה,
זרויה בין מכעיסיה, חבוקה ודבוקה בך —

א פ ר י ם.

פאר דיין ליעבען נאמען געטויט
אזוי ווי די שעפעלעך ווערען מיר.
איבעראל צוזעעט און צושפרייט,
און דאך באהעפט נאר צו דיר.
אזוי זינגט כנסת ישראל צו גאט
און פאלגט און געהארכט זיין געבאט -
הושענא,
הושענא...

לאנדא (און געסט)

הושע נא
טוענת עולך, יחידה ליחדך
כבושה בגולה, לומדת יראתך.

א פ ר י ם.

שווער באלאָדען מיט דיין יאָך
פאראייניגט צו אייניגען דיך,
געדריקט אין גלות — און דאָך
געלערענט צו פירכטען נאָר דיך —
אזוי זינגט כנסת ישראל צו גאָט
און פאָלגט און געהאָרכט זיין געבאָט,
הושענא,
הושענא...

(בעת דעם געזאנג זעהט זיך אין דער האלב־געעפענטער טיהר ווי דיאָמקע רוקט זיך אלץ נעהענטער צו, בלייבט שטעהן א געבויגטער, מיט דעם אויסדרוק פון צובראָכענקייט, און הערט זיך צו.)

ש כ נ א פ נ ח ס. זעהט אויף דעם ערל, ווי ער הערט זיך צו. זאָל דאָס אידישע נגינה אזוי צוברעכען זיינע לבבות ?

י ה ו ד א ל י ב. ער וויל מסתמא א טרונק בראנפען.

ח נ ה. געה, שיינדעלע, היים איהם געבען א גלעזעל י"ש מיט א שטיקעל לעקאך.

ש יי נ ד ע ל. ניין, ער זוכט ניט צו קריגען א ביסעל שנאפס. איך האָב איהם פריהער געוואָלט געבען א גלעזעל מיט עטליכע שטיקלעך לע־קאך צו נעהמען אהיים, האָט ער ניט געוואָלט טרינקען. ער האָט ליעב צו הערען געזאנג. ער איז געווען, זאָגט ער, א זאפעוואלא, ווען ער איז געווען א סאָלדאט.

צ ו ק ע ר פ א ס. אויף אן ערל דארף מען גלאט אכטונג געבען. יום טוב — עס ליגט זילבער אויפ'ן טיש, מען איז פרעהלאך, קאָן מען עפּעס צולאטכענען. ביי אונז טרעפט דאָס רוב יום טוב א גניבה.

ש כ נ א פ נ ח ס. א גוי איז בטבע א גנב. אי איז דאָך די קשיא — הא ?...

ל א נ ד א. בטבע א גנב איז קיינער ניט. א גנב איז בהכרח. נויט טרייבט צו גניבה.

א פ ר י ם. מען הויבט אָן על פי נויט, דערנאָך ווערט דאָס כשר'ער ברויט.

ש כ נ א פ נ ח ס. איז דער תירוץ — ניין. הרגל נעשה טבע, זאָגט די גמרא.

ש יי נ ד ע ל. ניין, איהר אירט זיך. ער ליעבט געזאנג, אָבער ער מיינט קיין זאך ניט צו גנב'ענען.

ח נ ה. שיינדעלע איז גערעכט. ער איז זעהר אן עהרליכער גוי. שוין באלד א יאהר ווי ער איז דא אין הויף א דווארניק און לעת עתה האט נאך גאר נישט געפעהלט.

ש יי נ ד ע ל. ער איז א מאדנער גוי. ער האט אזוי ליעב אידען אז עס איז א גרויל. יום־כפור, זאגט מען, איז ער געשטאנען א גאנצינקען טאג לעבען שוהל. ווען איך האב געפרעגט צי איז דאס אמת, האט ער זיך אבגעקעהרט און געווישט די אויגען.

ל א נ ד א. ער האט אזעלכע גוטע אויגען, ווען ער קוקט אויף מיר. אפשר אן איידעל הארץ נאר איז פארגרעבט געווארען.

י ה ו ד א ל י ב. איהר רעדט וועגען דיאמקען? איך קאן איהם. א גוטער גוי. זיין ווייב, אוהיניע, טראגט דאך ביי אונז וואסער. עס איז א סברא, אז ער איז אויך ווי אונזער איספראווניק, א ניקאלאיעווסקער, א משומד, פון די קאנטאניסטען.

ש כ נ א פ נ ח ס. טאר מען זיך דאך גאר מיט איהם ניט פארשאפען אום שבת, ווען ער איז אן אלטער משומד.

ל א נ ד א. א משומד? פון די קאנטאניסטען? רבונו של עולם, וואס זיינען דיינע אידען ניט אויסגעשטאנען? חורבנות, גזירות, שמד רחמנא לצלן. ווייסט איהר דאס זיכער, ר' יהודא ליב?

ח נ ה. (נעהמט פון טיש עטליכע שטיקלאך לעקאך, געהט צו צום טיהר) נא, דיאמקא, טראג דאס אהיים. געה.

י ה ו ד א ל י ב. אזוי האט מיר מיין ווייב געזאגט.

ל א נ ד א. (פארשטעלט מיט דער האנד די אויגען) א משומד, פון די קאנטאניסטען. זעהט איהר, רבותי, וואס דער גלות האט געמאכט פון אונזערע אידען? קאן מען דיינקען וועגען יענע יסורים פון אידישע קינדער... (הויבט זיך אויף און געהט א פאר טריט הין און צוריק א צוטראגענער.)

א פ ר י ם. באזונדער טאלאנטפול האבען דאס געשילדערט לעוואנדא און באגראוו אין רוסישען, וואס עס זיינען אויסגעשטאנען די אידישע קליינע קינדער, וועלכע מען האט אבגעגעבען אין די קאנטאניסטען און פאימאניקעס.

ש יי נ ד ע ל. מען קאן זיך ניט איינהאלטען פון וויינען, ווען מען לעזט באגראוו'ס „פאימאניק", ווי מען פלעגט די געכאפטע קליינע קינדער פייניגען, מאטערן, אנטאן אלערליי יסורים, זיי זאלען זיך שמד'ן. זאל זיי נאך גאט שטראפען דערפאר? זיינען זיי דען שולדיג?

ש כ נ א פ נ ח ס. איז דאך די קשיא — הא? איז דער תירוץ:

-יין. גאָט איז גערעכט. א איד דארף זיך מוסר נפש זיין. לחיים, פאר אידען, וואָס זיינען זיך מוסר נפש און בלייבען אידען. לחיים!

ל א נ ד אָ. מסירת נפש... עס איז גרינג צו מאכען לחיים פאר מסירת נפש. עס איז אפילו ניט שווער אין קריאת שמע, למשל, פאָרצו־שטעלען זיך אז מען איז זיך מוסר נפש. אָבער מוסר נפש זיין זיך בפועל ממש?... קליינע קינדערלעך... פון די קאנטאָניסטען, זאָגט איהר, איז ער?... וואו?... יענע יסורים האָבען דאָך איבערגעלאָזען א וואונד אויך אין אונ־זער משפחה... א טיעפע וואונד דאָ אין הארצען... (געהט צו דער טיהר, וואו דיאָמקע איז געשטאנען.)

ה נ ה. יחזקאל, איז דאָס איצט די צייט?...

צ ו ק ע ר פ א ס. מחותן, וואָס איז מיט אייך? עס איז דאָך עפעס שמחת תורה!

י ה ו ד א ל י ב. צייט געהן צו הקפות, רבי יחזקאל.

ל א נ ד אָ. עד מתי, אידען! גוואלד, רבונו של עולם, עד מתי!
(בלייבט פארטראכט, טומעלדיג ארום, אידען שושקען זיך איבער)

ש כ נ א פ נ ח ס. איז דאָך טאקע די קשיא — הא? עד מתי? איז דער תירוץ: ניין. זאָגט דערויף דער פסוק: אני ד' בעתה אחישנה... דרשנט די גמרא: זכו, האָבען זיי זוכה געווען, איז אחישנה. אלא וואָס דען לא זכו, זיי האָבען ניט זוכה געווען, איז בעתה... צייט צו הקפות... צייט, אידען, צו הקפות.

(לאנדאָ בלייבט מיט זיין בליק אָנגעשטריינגט צו דער טיהר, וואו דיאָמקע איז געשטאנען, ווי ער וואָלט ניט הערען קיינעמ'ס רוף „צו הקפות". אויף איהם קוקענדיג בלייבען אלע ווי פערגאפט.)

אויפגעפיהרט צום ערשטען מאָל אין טהאליא טהעאטער, ניו יאָרק, אין ווינטער 1900—1899.

מאראם פּאָליטיקא

מאראם פּאליטיקא — צו דיר וויל איך איצט זינגען! מיט מיין שוואכען פּענזיל וויל איך מאלען דיין זאטליבע צורה; מיט דער פעדער פון אן ארעמען שרייבער וויל איך צייכענען דיין שטאאטליכע פיגורע, —

איך וויל דיך גרויסען, איך וויל דיך לויבען; איך וויל דיך ריהמען, איך וויל דיך ערהויבען; איך וויל פאר דיר שטימען, איך וויל אין דיר גלויבען, פון דעם ווארד־הילער אונטען ביז דעם סענאטאר אויבען, — אין אלע דאזיגע כשר'ע חפצים און קהל'שע לצים שיינט צו מיר דיין ליכטיגע געשטאלט!...

אָ, וואונדערבארע געטין! דו לייכטענדער טהורם אין'ם געזעלשאפטלי־בען שטורם; דו אויסגעקעמפּפטע און צוגעדעמפּפטע ריטערין, היטערין און פּיטערין פון אלע שטימענדע און שטומענדע מענשען־עזלען, —

פּאָקוס־מאכערין דורך אלערליי שמות; אבשפּרעכערין פון אלע בייזע חלומות; מעקלערין און מעלקערין פון אלע בירגערליכע בהמות, — דו, נאר דו האסט אויף זיי די שליטה און קאנסט זיי פיהרען פער מארש צו דער שחיטה — אָ, איך זינג צו דיר!

וואס וואלטען מיר געווען — מיר, נודנע זינדער און בלודנע קינדער, אהן דיר, אונזער מייסטערין, אונזער טרויסטערין, אונזער הירטין, אונזער ווירטהין? וואס איז א סטאדע אהן א פּאסטוך? וואס איז א בארע אָהן א וואש־טוך? אָהן א בעל קורא די קריאה, אָהן א זעער די זריעה? . . .

קאָן זיין קהל אָהן א פיהרער? קאָנען געהן רעדער אָהן א שמירער? קאָ־נען זיין מענשען אָהן געזעצע? קאָן לעבען א פאאר פּאָלק אהן א העצע? . . . דו ביסט אין אונזער קאפּ דער מח, אין אונזער קערפּער דער כח. דו גיבסט דעם טעם, דו גיבסט דעם ריח, — אָ, פּאָליטיקא, איך פארגעטער דיך! . . .

איך פארגעטער דיך און אלע פּאליטישע כוואטעס און קהל'שע טאטעס, פון דעם טיראנישען צארען־קנוט ביז דעם רעפּובליקאנישען נארען־וואוט; אלע פאלקס־רעפּרעזענטאנטען און געזעץ־קאָמעדיאנטען; אלע וועהלענדע קבצנים און ערוועהלטע כת־ליצנים; דעם גרויסען דזשינגאָ־מוטה און דאָס הייסע פּאטריאָטען־בלוט; די שוץ־צאהל פרייהנדלער און די פרי־טרייד פארטיידיגער; די רעפּובליקאנישע פידלעריי און די דעמאקראטישע זידלעריי; די

גאלד־באנדע און די זילבער־קאמאנדע; די ברייען־ברייעריי און די מעקינלי־מעקלעריי . . . די גאנצע פּאליטיקא פון אלף ביז תיו, — אָ, גרויסער אלמעכטיגער בלאָף פון אָנפאנג ביז'ן סוף, — איך פארהערליך דיך!

איך קען דיך, מאדאם, איך ווייס דיין געשיכטע. איך גדיינק ווען דו ביסט געווען א מין וואטש־פּרוי און האָסט ערפילט די תאוה פון יעדען גערווינט־פּערריקטען קאפּ; דו ביסט געווען אויך א קוואטש־פּרוי און האסט געשפּיעלט מיט דער גאוה פון יעדער דיפּלאמאטיש־געגילטען קנאָפּ. ביסט אבער העמאלט געווען ארומגערינגעלט מיט סאָלדאטען, פארשטעלט מיט הארמאטען, אין'ם שפּרעך־צימער פון דיפּלאָמאטען, און מען האָט געמיינט, אז דו ביסט א געפּייניגטע ריינהייט, א פערגוואלטיגטע שעהנהייט. און ניט מיט וואוטען, זאנדערן דורך בלוטען, דורך א קרבן נאך א קרבן, האט דיך דאָס פאָלק ערווארבען. און איצט, אין'ם פאלקס האנד, האט זיך ערשט אנטפּלעקט דיין שאנד, און דו ביסט געווארען — איך וויל דיר זאגען אפען, וואס טויג דען דאָס בלאָפען? — ביסט געוואָרען אן עפענטליכע הורע, כאָטש שפּיי דיר אין צורה!...

* * *

פארדאָן, איך האָב זיך אביסעל צוהיצט און האָב אוועקגעפּלוידערט אין הרי אררט. איך זאָג אייך דעם אמת, אז מען זידעלט זיך אוים ווערט אמאל גרינגער אויפ'ן הארצען. און מה רעש, אז איך האב זיך אמאל א בייזער געטאָהן? מיר לעבען איצט אין א צייט פון פּאליטישער אויפרעגונג. אלע פּארטייען שיטען שווארצען מאָן איינע אויף די אַנדערע, און, ווי זאגט מען דאָס: ווען צוויי צוקריגען זיך, קומט דער דריטער צום שכל. איך בין זיך א זייטיגער מענש, נאָר בין אָנגעשטעקט געוואָרען פון'ם פּאָליטישען פיבער. אייגענטליך האט דאָך דאסזעלבע וואס איך זאָג אויך געזאָגט אויף דער סטייט לאנוועגשאָן פון איללינאיז גאווערנאָר אלטגעלד. „די גאנצע פּאליטיק פון אונזער **לאנד, זאָגט ער, איז געוואָרען א יאגד נאָך עמטער"**. אויב א גאָווערנאָר מעג דאָס זאָגען, מעג איך דאך, ניט קיין גאָווערנאר, דאס אודאי זאגען.

די צרה איז אבער, וואס דער עהרליכער, פּראָגרעסיוועה, שעהן־זינגענדער גובערנאָטאָר לאָזט אוים זיין קאָנצערט מיט דעם ניגון פון „אתה בחרתנו". און מיר האָבען דערעסען די סקארבאווע נגונים. איך ווייס אז נאך די אלע גובערנאטאָרישע, סענאטאָרישע און אדמיניסטראטאָרישע „אתה בחרתנו'ס" האָבען מיר צו זינגען דעם אלטען „ומפני חטאינו" מיט דעם „גלינו" מיט דעם „ונתרחקנו" און דעם „ואין אנו יכולים". אָי, ברידערלעך, אידען און ניט אידען, ומפני חטאינו — דאס איז אונזער אייגענע שולד, ניטאָ קיין שכל אין

קאַפּ, קיין שטאַרקייט אין האַרצען. גלינו — זיינען מיר פאַרטריבען, ונתרחקנו — זיינען מיר דערוויטערט; פאַרטריבען און דערוויטערט פון אַלע תענוגים פון לעבען.

אי־אי ונתרחקנו — אָרעמער לעבען, חשך׳דיגער לעבען, טרויעריגער לע־בען! אַרעמאַן אין הויז, שקלאַף אין פאַבריק, אָדער זיי א פעדלער, קלעטער "אפּסטערזען", קלאַפּ אין טיהרען, טאָמער וועט ווער קויפען א שפּילקעלע, א נאָדעלע, א קנעפּעלע, און צאָהל דערפון דירה־געלד, נעה זיך, קלייד זיך און מאַך קינדער חתונה. שטעה און האַנדעל מיט פאַרפוילטע עפּעלעך, ברען זיך אויף דער זונן, פריהר אין קעלט, אין שטיוועס און שטינקענעס, און שריי און וויצעל זיך: וויבעלעך צוגעפוילטע דריי פאַר א פּעני, דריי פאַר א פּעני, וויבעלעך . . . אָדער דרעה די מאַשין, וואַרף פון איהר אַרוים הויזעלעך, דזשעקעטלעך, אַרבעלעך, פּאַקעטלעך. גוואַלד ואין אנו יכולים — עס איז שוין קיין כח ניטאָ! יאָהרען לאַנג אפּעריטעט, יאָהרען לאַנג געבּיגעלט, געהובעלט, געזעגט, געקלעטערט „אַבסטערזען", יאָהרענלאַנג געגאַסען זיך נויט־שוויים פון פּנים, און נאָך אַלץ ניטאָ געניג אויף דער הוצאה, נאָך אַלץ ניט זיכער מיט דעם מאָרגענדיגען טאָג, און ביי אַלע די פּרייע וואָוטען נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו בלוטען . . .

גוואַלד־ושע נאָך אַמאָל, טיעפער, האַרציגער, ואין אנו יכולים — קאָן מען דען מאַכען א לעבען כשר׳ערהייט, עהרליכערהייט, ניט זאָגען קיין ליגען, ניט פאַרדרעהען א מח, ניט אַרויסצאַפּען ביי יענעם די נשמה? ואין אנו יכולים — ווי דרעהט מען דאָס שטענדיג מיט דער צונג ניט־געשטויגען, ניט־געפלויגען, שטענדיג אין טומעל, שטענדיג אין כאַפּענעס, אין לאַפּענעס, אין האַבעווען און ראַבעווען. עפּעס ווי שטענדיג אויף א יאַריד, אלה וגנוב, וגזל, וכחש, ורצוח, ונאף, ודמים בדמים — א מין צומישעניש פון געלד און בלוט, בלוט און געלד . . . אָדער ווער א קהל׳שע קליאַמקע, בלומרשט אַלץ לטובת הכלל, און שטעל אַרוים א צונג הינטער כהל׳ס פּלייצע! . . .

אך גלינו, גלינו ונכרחקנו — צוגיס זיך אויס׳ן קול, אויף דער העכסטער אָקטאַווע, צוגיס זיך ברייט ווי ברייט עס איז צוגאָסען דער ים פון מענשען־בלוט און מענשען־טהרערען, און שריי אַרוים מיט א קרעכץ, מיט א קנייטש: אי־אי גלינו, און נאָך אַמאָל: גלינו ונתרחקנו! דערוויטערט, פאַרטריבען, וויט פון עהרליכקייט, פון יושר, פון מענשליכקייט, פון ברידערליכקייט, ער־נער ווי די וועלף אין וואַלד! . . . אי ונתרחקנו — אזוי וויט פאַרלראָכען אין זומפּיגקייט און לומפּיגקייט איבער די אויערען אז מען מיינט שוין גאַר אז עס דאַרף אזוי זיין, מען מוז שלינגען איינער דעם אַנדערען, מען מוז בויען

מיין גליק אויף יענעמ'ס אומגליק, אז ניט איז דאָס לעבען קיין לעבען ניט. אי גלינו ונתרחקנו!

און נאָך אמאָל־זשע העבער א געשריי, טיעפער א קרעכץ, מיט נאָך א טיעפערען, הארציגען קנייטשעלע, און אויסגעלאָזען לאנג, לאנג, אויסגעצויגען, פיאנא, פיאניסימא: גלינו, אי, אי ג־לי־נו, עס געהט דאך אוים דאס חיות, עס צוגעהט די נשמה . . . פאר וואָס איז מען אזוי דערווייטערט פון אמת'ן גליק, פון ריינעם גענוס, פון מענשליכען, פערנינפטיגען לעבען? . . . ואין אָנו יכולים — שווער, שווער פאר דעם געפיהלפולען מענשען צו קוקען און צו שווייגען. אזוי פיעל האָפענונג געלייגט אויף דער ענדע פונ'ם נייג־צעהנטען יאָהרהונדערט, אויף דעם נייעם שטייגער פון „אתה בחרתנו", אויף דאָס פ ר י י ע ש ט י מ ר ע כ ט, און צום סוף דער אלטער קרעכץ, דאס לאנגאָניגע געוויין, דער סקארבאָווער „ומפני חטאינו" . . . הערט איהר איהם ניט? פיהלט איהר איהם ניט? אזעלכע בענומענע קולות, אזא טיעפער שמערץ, אז עס פּלאַצט א סטרונע נאָך א סטרונע . . .

אך, גלינו ונתרחקנו — ווייט און ברייט האָט זיך צוגאָסען דער וועלט־שמערץ. אָהן א גרעניץ איז דאָס האבעוועו און דער שאַרלאַטאַנישער, צולאָזענער לעבען פון די רייכע און מעכטיגע, און טיעף, טיעף איז דער עלענד און די נויט פון די מאַסען אָרעמע, ערנידעריגטע און בעליידיגטע אין ביטערען קאַמפּף פאר דאָס שטיקעלע ברויט! אט הערען זיי און פארשטעהען ניט וואָס. אָט זעהען זיי און ווייסען ניט וואוהין: זילבער אָדער גאָלד — גאָלד אָדער זילבער? אך, איהר אָרעמע וואוטענדע, איהר טרויעריג בלוטענדע, ניט איהר האָט קיין מאות, ניט איהר האָט די מטבעות, ניט איהר האָט קיין דעות — א נעבטיגער טאָג! . . .

* * *

מאדאם פ א ל י ט י ק א! איך וויל דיך גרויסען, איך וויל דיך לויבען; איך וויל דיך ריהמען, איך וויל דיך ערהויבען; איך וויל פאר דיר שטימען, איך וויל אין דיר גלויבען! אָ, אונזער הירטין, אונזער ווירטין, פאלום־מאכע־רין דורך אלערליי שמות; ערפינדערין פון אלערליי חלומות; מעקלערין און מעלקערין פון אלע בירגערליכע בהמות — איך קניע פאר דיר! . . .

(ערשיענען אין „טעגליכען הערואלד" אין יאָהר 1896, אין דער צייט פון דער היסטאָרישער מעקינלי־ברייען־קעמפּיין, ווען דאָס גאנצע לאנד האָט געקאָכט מיט דער „זילבער־אָדער־גאָלד" פראגע.)

„יהודית"

(נאָך שאַרלאָטע ניסלע)

ראבען רינגלען מיך ארום ! — שטורם־ווינטען שטויסען מיך !
מיינע לאנגע דונקעלע האָאר פלאטערן אויף מיין קאָפּ ווי א טרויער־פאָהן.
וועה, ווי עס פלאטערט, ווי עס בורבעלט, ווי עס קנאקט !
הוטא, ווי הויך איך בין ! —
ווי שעהן, ווי הערליך איז דאָ אויבען !
איך גרייך העכער פון די וואָלקענס, — איך צושטוים זיי.
איך רייס זיי פונאנדער און קוק ארונטער אויף דער ווייטער, נארישער, גרינער ערד.
אָ, דאָ אויבען, אין דער גרויער דונקעלהייט, זייז איך גוט, זעהר גוט !—
אויף מיין איינזאמען, הויכען פעלז זייז איך — וועלטען־ווייט !
יאָהרען זיינען פארלאָפען, צייטען האָט עס גענומען ארויפצוקלעטערן אויף דיעזער משופע׳דיגער גלאטקייט.
און אונטען האָבען מיך געצויגען די העל־פארביגע בלומען, געמאניעט די רוישענדע וואסערען ! —
אָבער דאָס איז אלעס פארביי — — אוים !
ניטאָ מעהר וואָס צו טראכטען וועגען דעם.
און די קריצענדע, צופענדע, רייסענדע, בייסענדע צייהנער האָבען זיי געשארפט געגען מיר.
יעדעס מאָל א ביס, —
א ביס דורך מארך און ביין !
ברדר... ווי מיך שוידערט !
זעהט איהר די פארגליווערטע וואונדען און די לעבער אין מיין הארצען — דאָ — דאָרט — אומעטום ! —
די גיפטיגע צייהנער האָבען זיי ארייגעלאָזען אין מיין פלייש —
אייביג הונגעריגע, קיין מאָל ניט מידע צייהנער, פון וועלכע איך בין אנטרונען.

אַ, איך קאָן שוין לאַכען ! כאַ־כאַ־כאַ־כאַ ! —
איך זיץ דאָ אויבען, וועלטען־ווייט און קוק דורך די צוריסענע וואָל־קענס.
וואָס זעה איך ?
מענשען־קינדערלעך, קנוילען ווערים זעה איך !
הע־הע, ווי זיי צאַפּלען זיך, ווי זיי טאַנצען, ווי זיי שפּרינגען ! —
אָבער דאָס פורכטבארע, גרימיגע, צאָרנדיגע וואָרט !
יעדערער וועט עס פיהלען, —
אָ, עס איז א שפּאַס צוצוזעהן פון דאנען, פון אויבען, פון׳ם הויכען פעלז, אויף וועלכען איך האָב ארויפגעקלעטערט ! —
מיינע געדיכטע האָר זיינען נאָך שווארץ, ווי די פליגלען פון די ראָבען, וואָס פליהען ארום מיר —
מיינע דונקעלע אויגען גלאַנצען נאָך און פינקלען דורך די וואָלקענס —
מיינע ווייסע, פולע בריסט סטארטשען ארוים אין דער ווייטער וועלט ! —
מיינע גליעדער זיינען נאָך קרעפטיג, שטארק —
און דאָך נעהמט מיך קיין לוסט ניט צו טאַנצען מיט דעם מענשען־פּאַק דאָרט אונטען —
אונטען, וואו די העל־פאַרביגע בלומען בליהען און די וואסערען רוישען, רופען און ציהען !
איך האָב פּחד פאר יענע בלוט־דורשטיגע צייהנער.
מיינע עראינערונגען האַלטען מיך פעסט.
און איך שפּיי אראָב, און לאַך, און לאַך ! — כאַ־כאַ־כאַ־כאַ ! — —
ערד ! — אש ! — שטויב ! —
מיין הארץ וויל איך ארונטערשליידערען —
מיין צופליישט, צולעכערט הארץ ! —
צו וואָס נאָך דארף איך א הארץ ? — דאָ אויבען !
אן אומזיסטע זאַך !
הע, ווי עס וועט זיך דרעהען, דרעהדלען און צוקען אראָב, אראָב און אראָב ! —
גראָד אזוי ווי אמאָל, ווען דאָס פרישע, רויטע בלוט האָט זיך נעגאָסען פון די וואונדען.
און דאַן בין איך פּטור — פּטור געוואָרען, און בין פריי ! — בין פריי ! —
דאַן ערשט קאָן איך לאַכען ; אויף אַן אמת לאַכען, — כאַ־כאַ־כאַ־כאַ !—

מעגען מיינע האָר בלייך און ווייס ווערען און פונאנדערגעטראָגען ווע־
רען פון ווינד !

מעג איך פארגליווערט ווערען, מעג איך פארשטיינערט ווערען !

מעגען מיינע אויגען אויסגעלאָשען ווערען !

אָבער קיין מאָל, קיין מאָל וועל איך מעהר ווידער ניט אראָבשטייגען
צו זוכען מיין פארלאָרען, אוועקגעוואָרפען הארץ דאָרט אונטען, —

דאָרט ביי די שמעקענדע בלומען און זינגענדע וואסערען, —

קיין מאָל וועל איך ניט אראָבשטייגען פון מיין הויכען, קאלטען פעלז,
צום שפיץ פון וועלכען איך האָב מיט אזוי פיעל מאטערנים דערקלע־
טערט, —

פון מיין פעסטען, הארטען פעלז, וועלכער איז גלאט, שארף און שטעקט
אין דער לופט,

אויף וועלכען די ראבען רינגלען מיך ארום און דער שטורם־ווינד
שטויסט און ברויזט, —

פון דעם הויכען, משופע'דיגען פעלז, אויף וועלכען איך בין ארויפגע־
פלויגען ! —

אויף אייביג אנטרונען בין איך פון די קריצענדע, דורשטיגע, גיפטיגע
צייהנער, —

פון'ם זשיפענדרען געטומעל — —

פון אייער ליעבע ! — — —

(ערשיענען אין „צייט־גייסט“ אין 1897.)

חד גדיא

...חד גדיא, חד גדיא —

אלץ דיזעלבע ציגעלע!

נו, קאָן מען ווענגן דעם דיינקען און עס זאל גאָר ניט קריינקען? קאָן מען דען פארשטעהן און גאָר נישט פיהלען, ווען ס'הערט זיך א געוויין ווי מען זאל ניט שפּילען —

חד גדיא, חד גדיא.

אמאָל א שפרינגענדיג בעקעלע, אמאָל א מעקעדיג ציגעלע, און אָפּט פּשוט א פעט שעפּסעלע: לויפט אין סטאדע נאָך יעדען באראן, ווערט געשאָכטען פון יעדען טיראן. די פעטס פאר די כהנים, די אינגעווייט פאר'ן מזבח, הויט און ביינער פאר די אָרדנונג־היטער, און דאָס פעלכעל פאר יעדען ארבייטס־געבער און הויט־שינדער...

חד גדיא, חד גדיא!

* * *

פון דער צייט אָן, וואָס די ערשטע ביטרע שונרא־גנב האָט צוריסען די ערשטע ציגעלע נעביך — חד גדיא, חד גדיא! ביז אויף היינטיגען טאָג דזבין אבא בתרי זוזי, ווען מען קאָן פארקויפען אן אייגענעם טאטען פאר א דרייער —

חד גדיא, חד גדיא!

אידען לעהם־קנעטער אין מצרים, גוים חוטבי עצים אין ירושלים. עופּה־לעך פארמויערטע, ווען ציגעל האבען געפעהלט; קינדערלאך פערטרוי־ערטע אין סאָלדאטען געשטעלט — חד גדיא, חד גדיא!

זודיגעם קינדער־בלוט, אין וועלכע עס באָדען זיך עגיפּטישע אטאמא־נעס — פון שמוץ צוגעסענע, פון קרעץ צופרעסענע מאיעסטעטישע פרעה'ס — חד גדיא, חד גדיא!

אונשולדיגע מיידעל־גלוטה, מיט וועלכע עס וואַרעמען זיך אידישע סול־

מאנעס — פון לאסטער פארעלטערטע, פון עלטער צוקעלטערטע פּאעטישע „נעים זמרות" —

חד גדיא, חד גדיא ! . . .

שקלאפען אין רוים פון לייבען צוריסענע, פּויערים אין רוסלאנד ביז טויט פארשמיסענע ; מיינער אין אמעריקא אין גרובען פארשאָטענע, אר־בייטער אומעטום פון לעבען צוטראָטענע, און דער גאנצער לחץ־זו־הדחק, אין ביטערע נויט פאר'ן שטיקעלע ברויט, ממצרים ועד הנה —

חד גדיא, חד גדיא — אלץ דיזעלבע ציגעלע !

און עס ציהט זיך א געשיכטע פון גניבה'שע שונרא'ס, פּרינצליכע כלבא'ס, קאפּיטאליסטישע תורא'ס, הייליגע שוחטים און אלערליי מלאכי המות — א געשיכטע פון שונד און רויב — חד גדיא, חד גדיא !...

* * *

נו קאָן מען וועגען דעם דענקען און עס זאָל גאָר ניט קריינקען ? קאָן מען דען פארשטעהן און גאָר נישט פיהלען, ווען עס הערט זיך א געוויין ווי מען זאָל ניט שפּיעלען —

חד גדיא, חד גדיא !

אמאָל א שפּרינגענדיג בעקעלע, אמאָל א מעלקעדיג־און־מעקעדיג ציי־געלע, און גאנץ אָפט פשוט א פּעט שעפּסעלע — לויפט אין סטאדע נאָך יעדען באראן, לאָזט זיך שינדען פון יעדען טיראן —

חד גדיא, חד גדיא !...

פון מ. קאַץ'ס „רעיונות פון א בעל מחשבה"
(אין פאָרווערטס 1901)

דיכטער־פאנטאזיע

(געווידמעט דעם יונגינקען פיאנא־ווירטואָז ישראל וויכנין.)

נעווען איז דאָס אין סאמע סוף פון יענע ששת ימי בראשית, אין וועלכע גאָט האָט די וועלט באשאפען: א יש מאין — פון א וועלט־ניטאָ א וועלט־פאראן געמאכט.

ביים סאמע קבלת־שבת איז עס געווען, בעת אָברוהען האָט זיך גאָט דעם האר געגלוסט נאָך זיין זעקס־טאָגיגען וועלט־ווערק אשר ברא אלהים לעשות.

די הימלען, גלגלים, שרפים, חיות און אופני הקודש־כאָרען האָבען שוין די וועלט־הארמאָניע אין ויכל אלהים ארויסגעזונגען און דעם נשמה־יתירה־טאָן פאר לכו נרננה אנגעשטימט.

פּלוצלינג האָט זיך א דיסהארמאָניע אין דעם וועלט־כאָר דערפיהלט. דאָס איז דער דיסאנאנס פון אשמדאי'ס קול אין דעם כאָר געווען. די מלכה־שבת איז מיט א בלייכען חן אויף א רגע הינטער דעם וועלט־שוועל שטעהן געבליבען.

די לעצטע אָבאטהעמונג פון דער וואָכעדיגקייט האָט שוין דער באשאַפער ארויסהויכען און דעם שבת־אטהעם ערשט אריינהויכען באגעהרט. נור איבער דעם דיסאָנאנס האָבען די געטליכע ברעמען זיך אויף אשמדאי אנגעוואָלקענט:

— מיין שבת פארשטערען? פעהלט אפשר עפּעס אין מיין ווערק, פון וועלכען דו גופא ביסט א טייל?

— גרויס איז דיין וועלט־ווערק, גאָט דער האר — האָט אשמדאי מיט זיין טייפעלשען חוזק־גריליץ א לאך געטאָן — האסט גוטס מיט שלעכטס פארבונדען, שכל מיט שטות, טאָג מיט נאכט, ליכט מיט שאטען, גוף מיט נשמה, אלע הפכים פארבינדען באוויזען.

— נור? . . .

— נור דעם סאמע עיקר פון דיין שאפונג און דיין גרויסקייט, דעם י ש און דעם א י ן, דאָס נ י ט אָ און דאָס פ א ר א ן אין פארבינדונג צו ברייננען ניט ביכולת געווען...

און א זיפץ געטאָן האָט גאָט דער האר — דאָס איז יענער זיפץ פון לעצטען אָבאטהעמען זיך פון דער וואָך־מיעדקייט געווען, וואָס האָט דעם וועלט־שמערץ געבוירען — און אין איין הרף־עין האָט שוין א שמייכעל־שמראהל אויף גאָטס ברעם א שפיעל געטאָן און האָט דעם שמי השמים און זוהר הרקיע באגילדעט, בעת די מלכה־שבת האָט מיט איהר נשמה־יתירה אין דער וועלט אריינגעשיינט.

אין דעם דאָזיגען הרף־עין איז די דיכטער־פאנטאזיע געבוירען געוואָרען — א קינד פון דעם וועלט־שמערץ און דעם שבת־תענוג, אן אויסדרוק פון דעם י ש אין דעם א י ן און פון דעם א י ן אין דעם י ש, א פארבינדונג פון דער ו ו ע ל ט - נ י ט אָ און ו ו ע ל ט - פ א ר א ן.

די הימלען, גלגלים, שרפים, חיות און אופני־הקודש־כאָרען האָבען דעם לכו נרננה אין טענער פון וועלט־הארמאָניע ארויסגעקלונגען, פון וועלכע יעדער דיסאנאנס איז פארשוואונדען, בעת אשמדאי איז שטום געבליבען ביים צויבער־אָנבליק פון דער דיכטער־פאנטאזיע.

(ערשינען אין 1921.)

אינהאלט־פארצייכניס

זייט

די פריהע יוגענד

קינדער־יאָהרען, ערציהונג און דער ערשטער ארויסטריט אין
דער וועלט — — — — — — — — — — — — — מ. מלמד 5
א גרוס — — — — — — — — — — — — — — — — — יהואש 18

אין קאמף פאר פרייהייט

מ. קאטץ'ס טעטיגקייט אין דער אנארכיסטישער און סאָציאל־
רעוואָלוציאָנערער באוועגונג — — — — — — — — י. קאָפעלאָף 21
דער ערשטער פעריאָד פון דער אנארכ. באוועגונג — דר. י. א. מעריסאָן 30
זכרונות פון אמאָל — — — — — — — — — — — יוסף באראָנדעס 34
מ. קאטץ — דער פאראייניגענדער עלעמענט — — לעאָן מאָיסעיעף 39
מ. קאטץ — דער סאָציאליסט־רעוואָלוציאָנער — — — — — ה. סלוצקי 43

די נאציאָנאלע ערוואכונג

מ. קאטץ און די נאצ.־סאָצ. באוועגונג — — — — — — ב. צוקערמאן 53
דער טעריטאָריאליסטישער פארזוך — — — — — — — לעאָן עלבע 61
מ. קאטץ און דער אידישער קאָנגרעס — — — — — ב. ג. ריטשארדס 63
דער נביא — — — — — — — — — — — — — — א. ל. וואָלפסאָן 67

פערזענליכע אָפשאצונגען

א הארציג וואָרט פון „באבושקא“ — — קאטערינא ברעשקאָווסקאיא 71
א בריעף פון אן אלטען פריינד — — — — — — — — ל. ע. מילער 72
אן אָפפערוויליגער מענש אָהן פרעטענזיעס — — — — דר. ס. עלסבערג 73

אינהאלט ־ פארצייכניס

		זייט
מ. קאַטץ אלס קאָלעגע	א. זעלדין	77
מ. קאַטץ דער „זיידענער יונגערמאַן"	י. ש. פּרענאָוויץ	81
מ. קאַטץ אלס מענש	א. ש. זאקס	87

דער זשורנאליסט און דראמאַטורג

מ. קאַטץ אין דער „גרינער" צייט	ל. קאָברין	95
מ. קאַטץ'ס ערשטע טריט אין אידישען טעאטער	ב. גאָרין	100
מיט קאַטץ'ן אין פרייד און אין לייד	א. פרומקין	104
מ. קאַטץ אלס בויער פון אידישען זשורנאליזם	ב. ריווקין	115

די ארבייט אין פילאדעלפיא

מ. קאַטץ און די „אידישע וועלט"	דזשייקאָב גינצבורג	131
מ. קאַטץ און די נאַצ.־סאָציאליסטישע באַוועגונג אין פילאַדעלפיא	חיים פיינמאַן	135
מ. קאַטץ'ס אידישע טעטיגקייט אין פילאדעלפיא	אברהם הירש	140
מ. קאַטץ — דער שליח פון הילף	מאָזעס פרימאַן	145

פון'ם יובילאר'ס שריפטען

דער אידישער דאָן קיכאָט (דראמא)	מ. קאַטץ	151
מאדאם פּאָליטיקא	"	167
„יהודית"	"	171
חד גדיא	"	174
דיכטער־פאנטאזיע	"	176

באגריסונגען

דער מ. קאטץ יובילעי און זאמעלבוך

חברים און פריינט האבען זיך דערוואוסט דעם סוד, אז אין פעברואר, 1925, ווערט מ. קאטץ 60 יאהר אלט. אין אנהויב האבען זיי געפלאנט צו פייערען דעם דאזיגען יום טוב פון דער אידישער קולטור בלויז אויף אן אינטימען, חבר'שען אופן. זיי האבען אבער געפיהלט, אז דער יום טוב פון מ. קאטץ איז א זאך ניט בלויז פאר יחידים און נאהענטע פריינט, און אז אין דער שמחה דארפען אריינגענומען ווערען ניט נאר די מיטגלידער פון דער פועלי ציון פארטיי און פון דעם אידיש־נאציאנאלען ארבייטער פאר־באנד, נאר אויך אלע אנדערע קרייזען, מיט וועלכע מ. קאטץ שטעהט אין חבר'שע באציהונגען, און וואו ער האט זיך ערווארבען אסך פריינט און פארעהרער. די חברים און אינטימע פריינט האבען דערפאר ארויסגעלאזען אן ערקלעהרונג אין דער פרעסע, און עס האט זיך אנגעהויבען א באוועגונג פאר א מ. קאטץ יובילעי, וואס האט איבערגעשטיגען אלע ערווארטונגען.

הונדערטער יחידים און ארגאניזאציעס האבען זיך אפגערופען. ניט בלויז פון פילאדעלפיא, נאר אויך פון אנדערע גרויסע שטעדט אין אמעריקא. פון די באגריסונגען און גליקווינשונגען וואס געפינען זיך אין דער דאזיגער אויסגאבע, קען מען זעהן די פארשידענארטיקייט פון די עלעמענטען, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דעם יובילעי.

דא אין פילאדעלפיא זיינען אפגעהאלטען געווארען איינגע קאנפערענ־צען, מיט דער פארטרעטערשאפט פון א גרויסען טייל פון די שטאדטישע ארגאניזאציעס, און אויף דער ערשטער פון דיזע קאנפערענצען איז ער־וועהלט געווארען א יובילעאום קאמיטעט פון הונדערט, באשטעהענד פון די פאלגענדע פערזאנען:

ב. אפפעלבוים
א. אלעווע
א. בערקאוויץ
דזשייקאב ביליקאף
היימאן בעקמאן

דזשייקאב בראדסקי
דר. בלים
דר. מ. בארבאר
סאפיע ברעסלאו
מאקס דזש. בן עמי

ס. בריקלין
דזש. בייביס
ב. ביכאווסקי
דר. דזש. בערמאן
דזשייקאב גינצבורג

סעמועל גאָלדינבורג
ד. י. גאָלטער
יאָזעף גראָס
דר. ב. ל. גאָרדאָן
מערי גרינבערג
ראָזא גליידער
מרס. גאלאנד
הערי גיטמאן
ב. גאָטליעב
ר. גאָפּמאן
ב. מ. גאָרדאָן
דזשייקאָב ב. האָפּמאן
אברהם הירש
ה. האָטץ
מרס. האָראָוויטש
וויליאם הינדין
וויליאם וואהלבערג
אדאָלף וואקס
דר. מ. וויימאן
מאקס ב. וויליג
מ. וואָלאָוו
ב. ווערלאט
ה. זיידענבערג
ב. זוסערמאן
דזש. טאליסמאן
ד. ב. טירקעל
הרב לעווינטהאל
לואיס ב. לעווינטהאל

מארטין אָ. ליוויי
וויליאם ב. ליעף
טשארלס ליפּשיץ
מאָריס לעוויין
ראבי אָסקאר לעווין
דזשאָדזש וו. מ. לואיס
ס. לעקערמאן
ב. פּ. מילער
פּ. מילער
דזש. ב. מיטשעל
מ. מלמד
מ. מאפּו
ה. מילער
מ. מיטציקאָפּסקי
מ. מאָסקאָו
דזש. נייבאָר
ה. נאָוויק
מ. דזש. סמיטה
י. ל. סטוירן
ס. סאלאט
ל. סטאלער
מ. מ. סילווער
מאקס ספּעקטאָר
מ. סענן
ה. עדעמס
דזשייקאָב עדעלשטיין
א. עפּשטיין
י. ש. פּרענאָוויץ

ב. פּאָועל
פּראָפ. חיים פיינמאן
דר. ל. דז. פּראכטענבערג
מאָזעס פרימאן
נ. פליישער
א. פרומקין
דזש. צאוזמער
דייוויד קאָהען
ס. קאָופמאן
ב. קארפּ
נ. קושין
ל. קרעסקאָף
דר. ע. קאליש
מרס. קאסוי
אדאָלף ראָזענבלום
דזש. ראָטמאן
דר. ג. רייצעס
ז. רובינשטיין
ס. ראטנער
ה. ראפּאפּאָרט
מ. רודין
ב. ריווקין
אנשעל שור
יאָזעף שעהנגאָלד
י. שווארץ
מאָריס שעכטער
מ. א. שער

דער דאָזיגער יובילעאום קאָמיטעט האָט אראנזשירט א גרויסען פאָלקס יום טוב אין דער מעטראָפּאָליטאן אָפּערא הויז, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען מיט גרויס ערפאָלג אין דער נאכט פון מיטוואָך, דעם 25טען פעברואר, 1925. אין דעם קאָנצערט האָבען זיך באטייליגט די בעסטע מו־זיקאלישע און דראמאטישע קינסטלער.

אָבער אויסער דעם דאָזיגען פאָלקס יום טוב האָט די יובילעאום קאָמיטע פון הונדערט אויך באשלאָסען ארויסצולאָזען דעם מ. קאטץ זאמעלבוך, וואָס דער לעזער האלט איצט אין דער האנד, כדי צו געבען א גענויע בא־לייכטונג פון דער פיעלזייטיגער טעטיגקייט פון דעם יובילאר, אז עס זאָל דיענען אלס צייכען פון כבוד און אנערקענונג פון דעם פאָלק צו זיין שריפטשטעלער, און זאָל אויך, אין דערזעלבער צייט, קענען דיענען אלס געשיכטליכער מאטעריאל פאר די קומענדע דורות פון דעם אידישען פאָלק אויף דער גאנצער וועלט.

פערזענליכע פריינד און פארעהרער באגריסען
מ. קאטץ צו זיין 60 יעהריגען יובילעאום

דר. וו. אָסטין
פיליפּ דזשיי אָווערבאך
אטלאס קאָנסטראָקשאָן קאָמפּ.
דזשייקאָב ביליקאָף
אבראהאם בערקאָוויץ
מ. י. בן עמי
מ. בערעזין
יאָזעף בלאנק
דזשיי באבים
דר. מ. בארבאור
ב. ביכאָווסקי
דר. בראדערמאָן
ל. בלומענטהאל
דייוויד בראיען
ב. בערקאָוויטץ
מאָרים בערנס
דר. סעמועל ברוק
ק. בערקאָוויטץ
י. ל. בראון

דזשייקאָב נ. בראָדסקי
מ. ל. בליצשטיין און קאָ.
ל. בערנשטיין
היימאן בעקמאן
יאָזעף גראָס
דר. ב. ל. גאָרדאָן
ס. גרין
דזשייקאָב גינצבורג
נאָרמאן גינצבורג
ב. וו. גאָטליעב
מאקס ע. גאָרדאָן
אלבערט מ. גרינפיעלד
דזשייקאָב גאָלדשטיין
דזשאָשוא גרובער
דזשייקאָב ב. האָפמאן
ב. האָפמאן
וויליאם הינדין
ה. העררים

פּערזענליכע פריינד און פאַרעהרער באַגריסען

מ. קאַטץ צו זיין 60 יעהריגען יובּילעאום

מאַרים הייבער
דזשאָזעף הייבער
סאָל. ווייטץ
וויליאַם וואָהלבערג
דר. מ. וויימאַן
ב. ה. וואַקס
היימאַן וועלענטשיק
דייוויד וועבער
אברהם וואַקסמאַן
מאַקס ב. ווילינג
מאַרים ל. וואורטצעל
א. ווייצמאַן
דר. דזשאָזעף ב. וואָלף
ב. ז. ווערוויצקי
י. ס. זאַנגאַרסקי
העררי מ. זיידענבערג
דייוויד ב. טירקעל
פּאָול טענענבוים
דזשיי יודאָוויטץ

ב. לאַנדא
לואיס ע. לעווענטהאַל
סיימאָן לעקערמאַן
וו. ב. ליעף
רבּי אָסקאַר לעווין
א. ה. ליעבערמאַן
ד. ליעבערמאַן
ווב. מ. לואיס
אל. לעווין
איזראַעל לוטצקי
מאַרטין אַ. ליוויי
מאיער ליכטענשטיין
אייזיק לעווין
טשאַרלס ליפּשוטץ
משה לובער
דר. יאָזעף לאַנגבאַרד
אַלעקס לאַפּאַטין
האָוואַרד ס. ליוויי
איזידאָר מילגראַו

פערזענליכע פריינד און פארעהרער באגריסען
מ. קאטץ צו זיין 60 יעהריגען יובילעאום

פ. מילער
ב. פ. מיללער
הערי מאלסמאן
מאקס מאמלין
ב. מאהן
דר. טשארלס מייזאר
דעניעל מענקין
דזשייקאָב נעטער
ראָבערט סאליקאף
דזשייקאָב מ. סינגער
מארים סענן
מ. סארום
דזשיי סלאווין
מ. מ. סילווער
א. סאליקאָ
מרס. א. סאליקאף
קארל סאליקאף
מאקס דזש. סמיטה
אייזיק סקאָלניק

ס. סאלאט
לואיס סילווער
ר. ל. סטוירן
דזשאָרדזש סילווער
הערדי סאקס
דייוויד סילווערמאן
אלעקסאנדער סאלאלאוו
דר. א. סטעמבלער
י. סטאלער
א. מ. עלים
קעין עלים
דזשייקאָב עדעלשטיין
היימען עדעמס
דזשייקאָב ערקעס
מ. פיינמאן
וויליאם פארטנער
מאָזעס פריהמאן
ב. ס. פרידמאן
ב. פוטערניק

פערזענליכע פריינד און פארעהרער באגריסען
מ. קאטץ צו זיין 60 יעהריגען יובילעאום

פינסקער
ה. פאטער
נייטען פליישער
לואיס פריינקעל
דר. ל. י. פראכטענבערג
י. ס. פרענאוויטץ
סעמועל ס. פיינמאן
חיים פיינמאן
ה. פאקמאן
י. פרידמאן
טשארלס קארן
טשארלס קאנאר
ד. קארעטץ
דזשאזעף ע. קערענס
מארים קאראל
דזשייקאב קייזער
נייטען קושין
מאקס קאטצמאן
דר. ע. מ. קאליש

ל. קראסלאף
אייב קירפיטשניקאף
דר. ג. וו. רייצעס
ס. ראבלים
ב. ריטער
מ. ראבינאוויטץ
י. ראמאן
ע. מ. ראמאן
א. ראזען
ב. ל. רובינסאן
אדאלף ראזענבלום
דר. מ. ריטשמאן
מייקעל שטיפעל
אהרן שער
ס. שערמאן
אנשער שאר
לואיס א. שנייער
אפרים שייגען
מארים שווארץ, נויארק

באגריסונג פון דעם אידיש־נאציאָנאלען ארבייטער ־ פערבאנד

די אידישע ליטעראטור פון אמעריקא פייערט איצט דעם 60 יאָהריגען געבורטסטאָג פון חבר מ. קאטץ, שריפטשטעלער און קעמפער.

דיעזער יום טוב איז אויך דער יום טוב פון דער נאציאָנאל־סאָציאליסטישער באוועגונג, דער יום טוב אויך פון אונזער פערבאנד.

חבר קאטץ איז איינער פון די ערשטע באדייטענדע אידישע ליטעראטען און ראדיקאלען פון אמעריקא, וועלכער האָט אויפגענומען דעם אמת פון נאציאָנאלען סאָציאליזם אין אמעריקא ביי זיין ענטשטעהונג. ער איז געווען איינער פון די רעדאקטאָרען פון דער ערש־טער וואָכענשריפט פון די סאָציאליסטען־טעריטאָריא־ליסטען „דאָס וואָרט“.

ער איז שפעטער צוגעטראָטען צו די פויעלי ציון און איז געוואָרען איינער פון די ענטוזיאסטישסטע אנהייגער און קעמפער.

א יוגענדליכער גייסט, א גליהענדער ענטוזיאזם, א פיינע נשמה, אידעלסטע שטריכען, זיינען די וואונ־דערבארע אייגענשאפטען פון אונזער חבר קאטץ. ער איז ניט א פעסימיסט, ער איז א גלויביגער, א גלוי־ביגער און א קעמפער.

און מיר פרעהען זיך מיט אלע די, וועלכע פייערן חבר קאטץ׳ס יובילעאום, און מיר באגריסען אונזער חבר, ווינשענדיג איהם לאנגע יאָהרען און מוט אין זיין ארבייט.

געבענשט זיינען די, וועלכע ווערען ניט עלטער אין גייסט, אפילו ווען זיי ווערען עלטער אין יאָהרען.

חבר קאטץ איז איינער פון זיי !

זיי באגריסט, חבר און פיהרער !

אונזער פערבאנד באגריסט דיך אלס אידישען לי־טעראט, אלס אידישען קעמפער און אויך אלס חבר פון די אייגענע רייהען, אלס מיטגליעד פון אונזער פערבאנד !

גענעראל עקזעקוטיווע אידיש־נאצ. ארב. פערבאנד

מ. בראון, פרעזידענט

ש. גאָלדשטיין, סעקרעטער

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע
פון אמעריקא

באגריסט הארציג מ. קאטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום און דריקט
אויס צו איהם די ווארימסטע אנערקע־
נונג פאר זיין ארבייט אויפ׳ן געביט פון
אידיש־נאציאָנאלער אויפלעבונג.

לואיס ליפסקי
טשערמאן

אסתר לאדוש אָוו
פילאדעלפיא

באגריסט מ. קאטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום.

לינא בריל, פרעזידענט
דזשעני רובין, ווייס פרעז.
רעי בלום, טרעזשורער
מערי גרינבערג, סעק.
סאָפי ברעסלאו, קאָמיטע

אינדעפענדענט
ליידיס קעשינעווער
סאָסייעטי

באגריסט מ. קאטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילע־
אום און ווינשט איהם
לאנגע יאָהרען.

מרס. קאסאווסקי
מרס. סי. איגנאטאוו
מרס. דזשאנאָף
מרס. איידא פישמאן

באגריסונג פון דער
פועלי - ציון פארטיי
— פון אמעריקא —

דער צענטראל קאָמיטעט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער ארבייטער פארטיי פועלי־ציון פון אמעריקא שיקט זיינע הארציגסטע באגריסונגען און ברכות צו דעם אלט־יונגען קעמפער, שריפטשטעלער, לעהרער און חבר משה קאטץ, צו זיין 60 יעה־ריגען יובילעאום.

דער יובל פון משה קאטץ איז ניט בלויז דער יום טוב פון פילאדעל־פיער יודענטהום ; עס איז אויך דער יום טוב פון דער גאנצער נאציאָנאל סאָציאליסטישער באוועגונג איבער גאנץ אמעריקא. עס איז דער יום טוב פון דער פועלי ציון פארטיי, וועלכע איז שטאָלץ אויף איהר חבר און מיטקעמפער ! זאָל ער נאָך לאנג לעבען מיט אונז און פאָרטזעצען זיין פרוכטבארע טהעטיגקייט פאר די אינטע־רעסען פון די אידישע פאָלקס־מאסען ! זאָל ער זעהן מיט זיינע אויגען די ווידערגעבורט פון דער נאציאָן, און דעם טאָג פון ענטגילטיגער אידישער ארבייטער באפרייאונג !

צענטראל קאָמיטעט איד. סאָצ. ארבייטער
פארטיי פועלי - ציון פון אמעריקא

ניו יאָרק, דעם 15טען פעברואר, 1925.

דער אמעריקאנער
אידישער קאָנגרעס

צו דער געלעגענהייט פון דעם 60־יעהריגען יובילעאום פון מ. קאטץ, וועלכער האָט אזוי אומערמידליך געאר־בייט פאר דער באשאפונג פון דעם אידישען קאָנגרעס אין אמעריקא, שיקט איהם די ווארימסטען באַגריסונגען און גליק־וואונשען.

ראבי סטיפען ס. וייז, פרעזידענט

בערנארד ג. ריטשארדס, סעקרעטער

ברית אחים
פרויען אָוקזילערי

באגריסט מ. קאטץ צו זיין

60־יעהריגען יובילעאום

ראָוז גאלאנד, פרעזידענטין
קלארא גוטיס, וויים פרעז.
קיידי בערנשטיין, רעק. סעק.
עני באָטלער, פינ. סעק.
עני הינדין, טרעזשורער
ראָוז גליידער, עקס פרעז

בעלז בעסעראבער
סיק בענעפישעל
אסס'ן

באגריסט מ. קאטץ צו זיין

60 יעהריגען יובילעאום.

ב. הורוויץ, עקס פרעז.
אייק שווארץ, עקס פרעז.
י. בערמאן, עקס. פרעז.
איזי גרינבערג, פרעז.
יוסף מייער, סעקרעטער

אינדעפ. ארדער ברית שלום

באגריסט הארציג דעם יובילאר מ.
קאטץ צו זיין זעכציג יעהריגען
נעבורטסטאג, אנערקענענדיג זיינע
גרויסע פארדיענסטען אויפ'ן גע־
ביט פון געזעלשאפטליכער טהע־
טיגקייט אין די לעצטע עלף יאהר
אין פילאדעלפיא, און זיין אלגעמיי־
נע טהעטיגקייט אויף אלע געביטען
פון דעם אידיש קולטורעלען לעבען
אין אמעריקא.

זאל ער לאנג לעבען און פארטזעצען
זיין ארבייט פון וועקען דאס אידי־
שע פאלק צום נאציאנאלען בא־
וואוסטזיין.

סאל. סי. קראוז, גרענד מאסטער
מארטין א. ליוואי, גרענד סעקרעטער
אדאלף ראזענבלום, אסיסטענט גרענד סעקרעטער

היברו שעלטערינג ענד אימיגראנט עיד סאָסייעטי

(האיאס אָוו אמעריקא)

שיקט איהרע אויפריכטיגע באגריסונגען צו דעם אמת'ען פריינט פון אידישען פאָלק בכלל און דעם אידישען וואנדערער בפרט, מ. קאטץ, צו זיין זעכציג־יעהריגען יובילעאום.

דזשאהן ל. בערנשטיין, נאצ. פרעזידענט
האָווארד ס. ליוויי, פרעזידענט פון פילא. בראנטש
מאָרים לעווין, דירעקטאָר פון פילאדעל. בראנטש

עזרת אחים בענעפישעל אסס'ן

באגריסט מ. קאטץ צו זיין 60 יעהריגען יובילעאום.

הערי האָטיז, פרעזידענט
בערנארד מ. בלום, סעק.

אהבת אחים בענעפישעל אסס'ן

באגריסט מ. קאטץ צו זיין 60 יעהריגען יובילעאום.

י. האלפערן, פרעזידענט
מאקס פעלדגום, טרעז.
מאקס פרוסעל סעקרעטער

ברית אחים בענעפישעל אס'ן

אין נאָמען פון אונזערע 16,000 מיטגליעדער, מענער און פרויען, איינוואוינער פון פילאדעלפיא, באגריסען מיר מ. קאַטץ צו זיין זעכציג יעהריגען יובילעאום און ווינשען איהם לאנגע און גליקליכע יאָהרען. צו זיין 75 יעהריגען יובילעאום וועלען מיר איהם באגריסען דורך א דאָפּעלטער מיטגליעדערשאַפט.

מ. מ. סילווער, פּרעזידענט

דזש. בייבים, וויס פּרעזידענט

סאָל. סי. ראַדין, סעקרעטער

א. ב. דעש, טרעזשורער

ב. זוסערמאַן, טשערמאַן פון אדווייזאָרי באָארד

פ. מילער, טשערמאַן פון פאַרוואַלטונגס באָארד

א. סאליקאָוו, טשערמאַן פון וועיס און מינס קאָמיטע

ברית אחים בילדינג, קאָר. 11טע און ספּרוס סטריטס

די היים פון גרעסטען אידישען פאראיין אין אמעריקא

דער י. ל. פרץ שרייבער פאראיין פון אמעריקא

שיקט זיינע וואַרימסטע גליק־ווינשונגען צו קאָלעגע מ. קאַטיץ, איינער פון די עלטסטע און חשוב׳סטע אויפבויער פון דעם אידישען זשורנאַליזם אין אמעריקא, און באַגריסט איהם צו זיין זעכציגסטען געבורטסטאג.

הלל ראָגאָף, פּרעזידענט

יוסף מאַרגאָשעס, סעקרעטער

פילאַדעלפיער אידישער קאָנגרעס קאָמיטע

באַגריסט הארציג מ. קאַטץ צו זיין זעכציג־יעהריגען יובילעאום.

דזשייקאָב גינצבורג

אברהם הירש

טשארלס ליפּשיץ

סיק וויזיטאָרס בענ. אסס׳ן אינדעפּ. לינת הצדק

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין זעכציג יעהריגען יובילעאום.

מ. בלושטיין, פּרעזידענט

א. לייקין, וויים פּרעז.

י. פּאַטאַצקי, טרעזשורער

א. קאָצין, סעקרעטער

א. קאַטלער, דעלעגאַט

באגריסונג פון די פילאדעלפיער פועלי ציון

דער כבוד צו זיין די איניציאטארען פון דער באוועגונג צו פייערן חבר משה קאטץ'ס זעכציג יעהריגען יובילעאום, איז אויסגעפאלען אויפ'ן גורל פון די פועלי ציון און דעם אידיש-נאציאנאלן ארבייטער פערבאנד.

מיר האבען געפיהלט, אז טראץ דעם וואס חבר משה קאטץ איז מיט אונז אידעאיש מעהר פארבונדען איי־דער מיט סיי וועלכע אנדערע שיכטען פון דער אידי־שער פילאדעלפיא, זענען זיינע פארדינסטען און לייסטונגען פאר'ן אידישען פאלק בכלל און פאר דער פילאדעלפיער אידישער באפעלקערונג בפרט, אזוי אלזייטיג, אז דעם גאנצען היגען אידענטהום דארף גע־געבען ווערען די געלעגענהייט זיך צו באטייליגען אין דער גרויסער שמחה, און פייערן דעם יום טוב אויף אזא אופן ווי דער יובילאר, אונזער באליבטער חבר און רבי, האט זיך פארדיענט.

אין דעם גרויסען יום טוב ברייגגען מיר, די פילא־דעלפיער פועלי ציון, וועלכע האבען געהאט דעם כבוד און פארגעניגען צו האבען מיט זיך אונזער גוטען חבר און לעהרער משה קאטץ, פאר די לעצטע 10—12 יאהר, א גרוס און ווינשען איהם ער זאל ווייַ־טער ווי ביז איצט העלפען פארשפרייטען אונזערע אידעאלען, העלפען אנצינדען אין די הערצער פון די אידישע מאסען א ליעבע צו אונזער פאלק, צו אונזער לאנד און אונזער שפראך.

מיר ווינשען איהם און זיך, צוזאמען צו פייערן זיין פינף־און־זיבעציג יעהריגען יובילעאום אין א אידיש־סאציאליסטישער ארץ ישראל.

דר. מ. י. קאליש
י. סטאלער

אמאלגאמיטעד קלאָדהינג וואָירקערס אָוו אמעריקא

מיר דריקען אויס אונזער הארציגסטע באגריסונג צו דעם זעכציג יעהריגען יובילעאום פון מ. קאטץ, צוזאמען מיט אונזער דאנק פאר דער הילף וואָס ער האָט געגעבען די אמאלגאמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס פון אמעריקא, העלפענדיג צו אָרגאניזירען די קליידער ארבייטער אין פילאדעלפיא און צו פארבעסערען זייער צושטאנד.

סידני הילמאן, גענעראל פרעזידענט
יוסף שלאָסבערג, גענעראל סעקרעטער־טרעזשורער

אומאנער יאָנג מען׳ס אסס׳ן

באגריסט מ. קאטץ צו זיין זעכציג יעהריגען יובילעאום

איזידאָר ארבאטמאן
פרעזידענט
י. סטאלבערג,
וויס פרעזידענט
לואיס שטייסעל
סעקרעטער

קיעוו־טשערקאסער בענעפישעל אסס׳ן

באגריסט מ. קאטץ צו זיין זעכציג יעהריגען יובילעאום

הערי נאָוואק,
פרעזידענט
הערי טארטשינסקי,
סעקרעטער

אינדעפּענדענט קישינעווער אונטערשטיצונגס פעראיין

באגריסט מ. קאטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום

הערי גאָפּמאן, עקס פּרעזידענט
סעמועל קאָופמאן, פּרעזידענט
אי. שוסטער, וויס פּרעזידענט
הערי וואסערמאן, טרעזשורער
ה. מ. שענדלעס, פינאנץ סעק.
א. ברויטמאן, רעקאָרדינג סעק.

יעליסאוועטגראדער בענעפישעל אסאָסיאיישאָן

באגריסט מ. קאטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום

וו. עפּשטיין, פּרעזידענט
בערנארד ווערביט, סעקרעטער
בארנעט קארפּ, עקס פּרעזידענט
ח. מיללער, טראָסטי
סעם ספּאָליאנסקי,
טשערמאן אדוויזאָרי באָארד

דער רעדאַקציאָנס־סטעף פון די „אידישע וועלט"

באגריסט דעם חבר און פריינד מ. קאַטץ צו זיין זעכציגסטען
געבורטסטאָג און ווינשט איהם נאָך פיעלע יאָהרען
פון פרוכטבארער ארבייט פאר דער אידישער
ליטעראטור און פאר דער קולטורעלער
און נאציאָנאלער דערהויבונג פון
אונזער פאָלק.

א. פרומקין
ב. ריווקין
מ. מלמד
אב זוסמאן
י. רויטבערג

ה. וויכנין
ד. י. גאָלטער
י. מאלין
נ. קריוויצקי
לילי שולץ

די שריפטזעצער פון די „אידישע וועלט"

באגריסען הערצליך זייער
זייער פריינד, חבר און
לעהרער מ. קאטץ און ווינ־
שען איהם נאך פיעלע יאהרען
פון ניצליכער טהעטיגקייט.

ב. נידעלמאן
י. קאניקאוו
ל. גאלדשטיין
ה. טארים
ס. ליפשיץ
ס. דיקטער
י. מאזעס

י. קארנבליה
ה. מארשאק
ה. סיראדי
י. מאזעס
י. סאקאלאוו
י. פרידלאנד
י. ע. מיללער

אייב בעיער

ברענטש 1, אידיש - נאציאָנאלער ארבייטער - פערבאנד

באגריסט דעם ליעבען חבר מ. קאטץ צו זיין זעכציג
יעהריגען יובילעאום און ווינשט איהם נאָך פיעלע
לאנגע יאָהרען פון פרוכטבארער טהעטיגקייט.

א. פאלקאָוו, טשערמאן
דוד לאַפּידאַ, טרעזשורער
נייטהען איזראעלאָוו, סעקרעטער
היימאן קאפלאן
מאקס מאכמאן

וואָלינער ברענטש 3, אידיש - נאצ. ארבייטער - פערבאנד

דריקט אוים איהר ווארעמסטע באגריסונג צו דעם
זעכציג יעהריגען יובילעאום פון חבר מ. קאטץ און
ווינשט איהם אריכת ימים.

דזש. ב. מיטשעל, טשערמאן
מאקס דזש. סמיטה, סעקרעטער

באָסלאָווער בענעפּישעל אַסאָסיאיישאָן

באגריסט דעם באליעבטען לעהרער, שריפטשטעלער, לעקטשורער און געזעלשאפטליכען טוער, מ. קאטץ, צו זיין זעכציג יעהריגען יובילעאום.

פּ. מילער, פּרעזידענט

י. ל. שטערן, סעקרעטער

רומעניען היברו בענעפישעל אסס'ן

(געוועזענע רומעניען וואַירקינגמענס)

באגריסט מ. קאטץ צו זיין זעכציג יעהריגען יובילעאום און ווינשט איהם לאנגע יאָהרען פון געזונד און לעבען, ער זאָל קענען פאָרטזעצען זיין אויפקלעהרענדע אר־בייט פאר'ן אידישען פאָלק.

מ. שעכטער, פּרעזידענט
ס. גרינבערג, סעקרעטער
דר. טשארלס קעלמאַן
ניומאן קאַפנער
יוליוס סיגעל
קאָמיטע

אטיק מאָהליוּוער ברענטש 239 אר. רינג

באגריסט מ. קאטץ צו זיין 60־יעהריגען יובילעאום
מיר זיינען שטאָלץ מיט מ. קאטץ אלס מיטגליעד פון אונזער
ברענטש, און ווינשען איהם נאָך א סך יאָהרען פון לעבען,
ווירקען און שאפען.

י. טאַליסמאן, סעקרעטער

היברו ליטעראטור סאָסייעטי

די עלטסטע קולטורעלע אידישע אָרגאניזאציע פון פילאדעלפיא

באגריסט פייערליך מ. קאטץ אלס איינעם פון אונזערע חשוב־סטע ליטעראטען און כלל־טוער, צו זיין 60־יעהריגען יובילעאום.

א. בערקאָוויץ, פּרעזידענט	דר. וועגדקאָס,
פּעלז, סעקרעטער	דר. ווייסמאן,
מ. לאטינסקי, טרעזשורער	קאָמיטע

יהודית קלוב פון איד. נאצ. אר. פארבאנד

אונזער הארציגסטע און חבר'שע באגריסונג צו מ. קאטץ, צו זיין 60־יעהריגען יובילעאום. מיר ווינשען איהם פיעלע, פיעלע יאָהרען פון גליק, און ווינשען איהם צו געניסען די פרייע בירגערשאפט אין ארץ ישראל.

לינא קאסאָי,
פּעני עדעמס,
סיידי הורוויץ,

רעבעקא ראפּאפּאָרט,
סעקרעטערין

ארטש סטריט טעאטער

באגריסט דעם יובילאר מ. קאטץ צו זיין זעכציג
יעהריגען געבורטסטאג, און ווינשט איהם נאָך א
סך יאָהרען פון טהעטיגקייט אויפ'ן געביט פון
אידישער דראמא און ליטעראטור.

אנשעל שור
דזשיי. גרובער
מ. לובער

גרענד לאדזש
אינדעפענדענט אָרדער ברית אברהם

באגריסט מ. קאטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום

אדאָלף שטערן, גרענד מאסטער
מאקס ל. האָלענדער, גרענד סעקרעטער
וויליאם וואלבערג, 3טער דעפיוטי גרענד מאסטער

אינדעפּענדענט וואָהלינער אייד סאָסייעטי

באגריסט מ. קאַטץ צו זיין

60 יעהריגען יובילעאום.

טש. זאלץ
דזש. זאלץ
א. מ. אלטמאן
ל. סאקאלאוו, סעקרעטער

בעקער יוניאָן לאָקאל 201

באגריסט מ. קאַטץ צו זיין

60 יעהריגען יובילעאום.

סאלאמאן באגריאר, פּרעז.
סעם פּיין, ביזנעס אגענט
משה קאַטץ, פין. סעק.

וויליג לאָדזש נומער 4 אינד. אָרדער ברית שלום

באגריסט מ. קאַטץ צו זיין

60־יעהריגען יובילעאום

מאקס ב. וויליג,
סעמועל קאפלאן,
ס. וואלפע.

פּראָגרעסיוו בענ. אסס'ן

באגריסט מ. קאַטץ צו זיין

60־יעהריגען יובילעאום

איזראעל פּולס, פּרעזידענט.

ש. קארנפעלד, סעקרעטער.

פּעריאסלעווער פּראָגרעסיוו פאראיין

באגריסט מ. קאַטץ צו זיין

60־יעהריגען יובילעאום

אברהם האָפמאן, וויס־פּרעזידענט
מאיר וואלאווי, פּרעזידענט.
א. מילער, טרעזשורער
ס. ליפשיץ, סעקרעטער.

ברענטש 2 אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבייטער־פאַרבאַנד

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
60־יעהריגען יובילעאום

דזש. פרידמאַן,
מ. פאַרמאַן,
מ. זומאָוו.

סמילער בענעפ. אסס'ן

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
60־יעהריגען יובילעאום

י. דאַרנבלום, פּרעזידענט
ה. פּעקעל, טרעזשורער,
ד. מעלאַוואַסקי, וויִס פּרעזידענט
הערי קאַהן, סעקרעטער.

פּינסקער נעשאָנעל בענעפּישעל אסס'ן

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
60־יעהריגען יובילעאום

מעקס קאַפּלאַן,
א. גינזבורג,
א. וואַלקין,
טשאַרלס ראַזוויק

אינדעפּענדענט יאָנג מענס בענעפּישעל אסס'ן

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
60־יעהריגען יובילעאום

דר. ל. מ. בלום,
מ. ק. קאַרנבלאַט
א. גרינשטיין

ניוספּייפּער קעריערס יוניאָן לאָקאַל 14712

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
60־יעהריגען יובילעאום

ט. ביק,
דזש. באַומאַן,
מ. שאַפּירא,
ל. קאָזלאַוואַסקי,
ה. מעלמאַן.

טולטשינער בענ. אסס'ן

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
60־יעהריגען יובילעאום

דזשייקאַב סאַמערסאַן,
יחיאל הירש,
דוד מאַליווער,
לואיס פּוירטש.

ראשקאווער פראַג. אסס'ן

שיקט איהר ווארימע
באגריסונגס צו
מ. קאטץ'ס זעכציג־יעהרי־
גען יובילעאום

ב. שאל, ה. לערנער,
ה. באריש, אי. האַפמאן
ד. מאליוועד.

רויטער מגן דוד
גרופּ הדסה

באגריסט מ. קאטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום

ראוז גלייזער,
מרים קירשנער,
רעבעקא לעווין.

קאניווער בענעפ. אסס'ן

באגריסט מ. קאטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום

ב. דאווידאוויטש, פּרעזידענט,
טשארלס איזראעל, וויס פּרעז.
ס. בלומבערג, סעקרעטער.

סומך נופלים
לײדיעס אסאָסיאיישאָן

באגריסט מ. קאטץ צו זיין
זעכציג־יעהריגען יובילעאום

ל. וויינטרויב,
ל. קאפּלאן,
י. קאהען.

אנשי תפארת ישראל פון
וועסט פילאדעלפיא

באגריסט מ. קאטץ צו זיין
60־יעהריגען יובילעאום

י. מ. פליישער, פּרעזידענט,
דזש. אלבערט, סעקרעטער.

וויטעבסקער
בענעפיש. אסאָסיאיישאָן

באגריסט מ. קאטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום

סעמועל לעוויטאן,
ר. מילנער,
מאריס מ. פעסטער.

פאָדאָליער ליפּאָוועצער פּאַראיין

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום
יחיאל זוסמאן,
לואיס הורוויץ,
סעם קאלניצקי.

מערטשאנט פּראָטעקטיוו אס׳ן און פּילא.

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום
סעם סאממערס,
סעם שעכטער,
סעם ראטנער.

וויניצער פּראָגרעסיוו בענעפיש. אַסאָסיאיישאָן

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום
דייוו וויינער, פּרעזידענט,
יצחק בעקמאן, וויים פּרעזידענט,
עדווארד בייביק, טרעזשורער,
יצחק רעזניק, פינאנץ סעקרעטער,
ישראל ווארשעל, רעק סעקרעטער.

דענווער שעלטערינג האום פאר איד. קינדער

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום
בארנעט פּאוועל,
רבי אסקאר לעווין,
שמואל ראטנער.
(נעשאנעל קאמיטע
אף פילאדעלפיא)

באראָן גינצבורג לאָדזש

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום

דזש. רעוויטש, טשערמאן,
י. פּרינץ, סעקרעטער.

סניף צעירי ציון — „התאחדות״, פלדלפיה

מברכת את חברנו לדעה
מר משה קאַטץ לחג
יובלו הששים

וואסילקאווער ברענטש נומער 25 א. נ. א. פּ.

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום

ה. אדאמס, טשערמאן,
ס. פּערלבערג, סעקרעטער.

ראדיקאל זשיטאמירער בענעפיש. אסאסיאיישאן

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום
דזשאו לעוויט,
דזשאו טשעסקעס,
טשארלס ראכוועי.

קיעווער - טשערקאסער ליידיעס סאָסייעטי

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום
לינא סטאניסלאוו,
פּאולינא קרעמער,
פרידא סענדלער,
ראזע קאהען.

איידא שטראוס לאָדזש נומער איינס.

באַגריסט מ. קאַטץ צו זיין
זעכציג יעהריגען יובילעאום

סערע גרינבערג, פּרעזידענטין,
מרס. בערקאוויטץ, וויים פּרעז.

סאָשיאַל לאָאַן און סייווינג פאָנד אסס׳ן

באגריסט דעם יובילאר מ. קאטץ צו זיין זעכציגסטען געבורטסטאג און ווינשט איהם נאָך פיעל יאָהרען טהעטיגקייט פאר דעם וואָהלזיין פון אונזער פאָלק.

ה. א. גאָלדשטיין,
מייער דייוויד,
היימאן ראָזען
קאָמיטע.

פאנעוועזשער לאָדזש נומער 43 א. אָ. ברית ש.

באגריסט מ. קאטץ צו זיין 60־יעהריגען יובילעאום און מיר ווינשען איהם געזונט און לאנג לעבען.

דזשייקאָב דייוויס, פרעזידענט
מ. א. שער, עקס פרעזידענט
בארנעט זיידעל, עקס פרעזידענט

ליידיעס אוקזילירי פון דער יעליסאוועטגראד בענעפיש אסאָסיאיישאָן

לאנגע יאהרען און פיל גליק ווינשען מיר מ. קאטץ צו זיין זעכציג יעהריגען יובילעאום.

מערי שטיין טשערליידי,
דזשעני פרעהליך,
1־טע וויס־טשערליידי,
פאולין אפעלבוים,
2־טע וויס טשערליידי,
מרס. ד. טראכטענבערג,
סעקרעטער.